Insurance so good, it's #forgettable
jnl INSURANCE
auto • home • business
845.782.3580
support@jnlinsurance.com

קרית יואל
# וואכנשריפט
KJ · WEEKLY
Vol. 10 • #51 (481) Friday September 16, '22 • ב"ה • פרייטאָג כי תבא, כ' אלול תשפ"ב לפ"ק

loop REALTY
845-388-1155
info@looprealtyinc.com
52 Bakertown Rd. Suit #419
נפתלי הירצקא לאנדא | הערש אלימלך ניעדערמאן
Residential | Commercial | Sales | Rentals

עת צרה היא ליעקב!

# זֹאת הַתּוֹרָה לֹא תְהֵא מֻחְלֶפֶת

## הרשעים כים נגרש: אנגסט און ציטער ביי שלומי אמוני ישראל ווען די באורד און רידזשענטס אין ניו יארק באשטעטיגט שוידערליכע גזירת שמד אויפן שווארץ־אפעל פון כלל ישראל, עתיד חינוך בנינו ובנותינו, היל"ת!

בכל נפשך ובכל מאודך!

### ראש גולת אריאל כבוד קדושת מרן אדמו"ר שליט"א מגן חינוך הטהור לאזט הערן דעם קול ה' בכח לאור המצב האיומה אויסשרייענדיג: "בכל לבבך, בכל נפשך, ובכל מאודך" מיר זענען גרייט אויף אלעם!

**הכרזת הקודש שלא לשנות זיז כל שהוא!** "און דאס דארף מען געדענקען אז מען דארף שטיין מיט דעם און זיין גרייט מיט מסירות נפש, זיך צו האלטן נאר אזוי. זיי שרייבן דארט אין זייער גזירה, אז אויב מען וועט נישט פאלגן, וועט מען איינשפאַרן די עלטערן"! "מען דארף וויסן און מען דארף זיין גרייט דערויף יעדער איינער! און מיר זענען מכריז ומודיע, אז מיר קענען נישט משנה זיין, און מיר וועלן נישט משנה זיין, מיר וועלן נאר גיין אויף דעם וועג אזוי ווי מיר האבן מקבל געווען"!

**כי לא תשכח מפי זרעו:** "און דאס זענען מיר מכריז ומודיע לכל העולם, מיר וועלן נישט משנה זיין! מיר קענען נאר גיין און מיר וועלן נאר גיין, אויף דעם וועג, וואס מיר האבן מקבל געווען, און אין זייער זכות דאס טוט אונז באגלייטן אין אלע זמנים, אז מען זאל זיך קענען האלטן, אז עס זאל טאקע מקוים ווערן די הבטחה פון "כי לא תשכח מפי זרעו".

**לדורון, תפלה, ולמלחמה!** "דער אויבערשטער האט אונז אריינגעלייגט, מען האט פרובירט די לעצטע זעקס יאר, און מען האט געטוהן אלע השתדלות, לדורון ולתפילה ולמלחמה, דאס דארף מען יעצט געדענקען, יעצט איז די צייט פון לתפילה ולמלחמה. תורה ותפילה דאס איז דער חרב מיט וואס מען גייט ארויס למלחמה. דארף מען זיך מער אנשטרענגען, און מער מוסיף זיין אין תורה, מוסיף זיין אין תפילה, און מיט דעם כח וועט מען האבן א כח צו מסירות נפש, צו קענען עומד זיין"

## עומדים עלינו לכלותינו!




ליבעראלע 'ניו יארק טיימס' מיט שענדליכע בייסיגע אטאקע קעגן חרדיש'ן ציבור בכלל און די היילעגע חינוך בפרט; פארשפרייט שנאה און האס ביים אלגעמיינעם באפעלקערונג מיט לעכערליכע בלבולים קעגן כל הקודש לנו!

בפקודת הקודש שר צבא ה' כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א:

### עצרות תפלה אין אלע צענטערן דורך אלפי תשב"ר, תלמידי הישיבות און רבני הכוללים רייסן הימלען למען עתיד הדורות שלא ינוח שבט הרשע על גורל הצדיקים



**הושענא ציון המצוינת:**
טויזנטער תלמידי מוסדות קרית יואל אין שפיץ פון מנהלים און מרביצי תורה באלאגערן ציון הקדוש מיט הימל שפאלטענדע בכיות איינצווריסן אז דעם רבינ'ס פלאג און כח הקדושה וואס די רבי האט איינגעפלאנצט על אדמת אמעריקא זאל חלילה נישט גיין צוגרינד ה' והיה המחנה הנשאר לפליטה



**ועל ידי אמירת תהלים תתעורר:**
מנין תהלים רבתי מיט טויזנטער תשב"ר אין גרויסן ביהמ"ד אין וויליאמסבורג בראשות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, נאך פייערדיגע דרשה דורך הגה"צ רבי זלמן לייב פילאפף שליט"א חבר ביד"ץ. און אין גרויסן ביהמ"ד בק"ק קרית יואל מיט די העכער 500 רבני הכולל

## אבינו מלכינו קרע רוע גזר דיננו, אבינו מלכינו חמול על עוללינו וטפינו

בס"ד




# וואכנשריפט

# תשרי סקעדזשול

| זונטאג | מאנטאג | דינסטאג | מיטוואך | דאנערשטאג | פרייטאג | שב"ק |
|---|---|---|---|---|---|---|
| 18 א' סליחות | 19 | 20 ראש השנה אויסגאבע עדס דעדליין 5:00 | 21 | 22 | 23 | 24 נצבים |
| 25 | 26 א' ראש השנה | 27 ב' ראש השנה | 28 יוה"ק אויסגאבע עדס דעדליין 5:00 | 29 | 30 | 1 וילך |
| 2 | 3 | 4 | 5 יום כיפור | 6 סוכות אויסגאבע עדס דעדליין 10:00 am | 7 | 8 האזינו |
| 9 | 10 א' סוכות | 11 ב' סוכות | 12 ג' סוכות | 13 ד' סוכות | 14 ה' סוכות | 15 ו' סוכות (חוה"מ) |

Insurance so good, it's #forgettable
jnl INSURANCE
auto • home • business
845.782.3580
support@jnlinsurance.com

קרית יואל
# וואכנשריפט
KJ · WEEKLY
Vol. 10 • #51 (481) Friday **September 16,** '22 • פרייטאָג כי תבא, כ' אלול תשפ"ב לפ"ק • ב"ה

loop REALTY
845-388-1155
info@looprealtyinc.com
52 Bakertown Rd. Suit #419
נפתלי הירצקא לאנדא | הערש אלימלך ניעדערמאן
Residential | Commercial | Sales | Rentals

קופת הקהלה
למען נצרכי אנשי שלומינו
שע"י קהל יטב לב ד'סאטמאר
קרית יואל

כל דכפין ייתי ויככך:

## פלאקער און אייפער צום 12'טן מאסיווע געלט חלוקה דורך צענטראלע 'קופת הקהלה' פאר תושבי העיר לכבוד יו"ט מיטן מספר עצום פון העכער א 'פערטל מיליאן' דאלאר



## 'ביכורים' פאַר לומדי תורה גרייכט פאַרגאַפנדע ציפער אין פר' כי תבוא

פילע לומדי העיר שוין 'עולה' געווען מיט הערליכע 'הוספה', באַנייענדיג זכות "תורתי" מיט וועכנטליכע $31 - אומגלויבליכע אָפרוף אין "תקופת העולים" שפיגלט אָפ פייערדיגע תורה'דיגע שעצונג כלפי "כולל סאטמאר קרית יואל", פראַכט און שטאָלץ פון קרית יואל רבתי

קייט "סיומי מקצועות" דורכאויס גאָלדענע "תקופת העולים" אין די פיבערהאַפטיגע פלאַנירונג שטאַפלען - מעמדים רבתיים וועלן דעמאָנסטרירן הגברת כח התורה אינעם מעוז ומגדל לתורה והוראה

## ערשטער יומא דהילולא פון כ"ק הגה"צ חו"פ דומ"ץ ור"מ סאַטמאַר מאנטריאל זצ"ל געפראוועט מיט התרוממות הנפש אין קרית יואל

## זיצן פארקויפונגען אין 4 בתי מדרשים בתוככי 'שכונת ויואל משה' המפוארה:

ביהמ"ד 'בית יקותיאל' דקהל יטב לב אויף אוסטראנה קאר. חוסט,
ביהמ"ד 'בית אלעזר' אויף שלמה מיכל,
ביהמ"ד 'בית יוסף' דקהל בני יואל,
ביהמ"ד 'בית מנחם זאב' אויף אוסטראנה

שכונת ויואל משה
קרית יואל יע"א

## הרחבת גבולי טהרה: מקוה טהרה 'בנין בראך' המפואר ווערט געעפענט דעם ראש השנה הבעל"ט

## שמחת בחצר הק' דינוב ביי שבע ברכות בהשתתפות כ"ק אדמו"ר מדינוב שליט"א

## הכנסת ספר תורה בתופים ובמחולות דורך הרה"ח מו"ה מאיר ווערטהיימער הי"ו, גרינדער פון "המספיק"

## הגה"צ אבד"ק ציעשנוב שליט"א מיט פייערדיגע דברי מחאה קעגן שוידערליכע בגידה נגד מסורת אבותינו הק'

ערשטמאליגער מאסיווער דרייוו: 2 טעג "פושקע פיקאפ" ב' און ג' סליחות, אייער פושקע זאל אנקומען צו די עניי אר"י בעפארן יום הדין!
פושקע וואגשטאל
טעלעפאן פיקאפ דרייוו
ב'-ג' סליחות
כולל שומרי החומות
1866.732.6347
REB MEIR
רופט יעצט! | אדער שיקט א טעקסט צו דעם נומער מיט'ן וואנט PICKUP
איר רופט אריין און א גבאי קומט עס אפנעמען >>>

בעזהי"ת

# קרן אלמנות ויתומים דארה"ב וקאנאדא

**בשר ודגים - מדי יום ביומו - ומדי שבת בשבתו - ומועד במועדו**

**25 Ross St. Brooklyn NY 11249 718-782-5349 Fax 646-993-6741**

**הרב אברהם לויפער שליט"א**
**אבד"ק דראג**
**מייסד ומנהל**

**ברוקלין:**
וויליאמסבורג
בארא פארק
פלעטבוש - קענזיגטאן
קראונהייטס
סיגעיט - בעי רידזש
בענסענהוירסט - מארין פארק
דזשארזש טאון - מיל בעיסען
**סטעטען איילענד - איסט סייד**

**קווינס:**
פלאשינג - קיו גארדענס
ריגא פארק

**פייוו טאונס:**
פאר ראקעוועי - לארענס
וואדמיר - סידערהוירסט

**אפסטעיט:**
קרית יואל
מאנסי - סקווירא
סאוט פאלסבורג
נייטרא - קאשוי

**ניו דזשערזי:**
לעיקוואוד - דזשעקסאן
דזשערזי סיטי - יוניאן סיטי
פאסעיק - קליפטאן
עליזאבעט - דיעל
בערגענפיעלד - ווינלאנד

**פענסילווועניא:**
פילאדעלפיא - פיטסבורג

**קאנעטיקוט:** ניו העיווען

**קליוולאנד - באלטימאר**
**לאס אנדזשעלעס**

**קאנאדא:**
מאנטריאל - טאהש - טאראנטא

יכולין לשלוח טשעק על שם
**CONG. OHEL TORAH**
**25 Ross St.**
**Brooklyn NY 11249**
**(TX. I.D. 11-305-0300)**

*

**יכולים לקרוא 24 שעה**
718-782-5349 #1
**וליתן נדבתו ע"י קרעדיט קארד**

*

**יכולים ליתן ישר מבאנק**
**אקאונט שלו ע"י .ACH**
**נא לקרוא**
718-782-5349 #2

*

ע"י Chase Quickpay
kerenalmones@gmail.com
718-809-5495

*

**יכולין לסדר תשלומין על**
**האקאונט שלו בחנות של בשר**
**או של דגים, וכן ע"י .O.J.C**
**או Fidelity Charitable**
**The Donors Fund וכדומה**

*

**לסדר מעמדות קבועים**
**מדי שבוע בשבוע**
**או חודש בחדשו - לקרוא**
**718-782-5349 #2**
**או לשלוח אימעיל**
**kerenalmones@gmail.com**
**בקרית יואל יכולים למסור**
**המעות להרב ר' יואל (בר"ב)**
**לויפער שליט"א**

**1,791**
**משפחות אלמנות**
**3,295**
**יתומים (ילדים בבית)**

**חשבון הקרן**
**נתייסד אייר תשע"ו עד תמוז תשפ"ב**
**$34,796,240.00**

**סניף קרית יואל - עם הקמחא דפסחא**

| תש"פ | תשפ"א | תשפ"ב עד ר"ח תמוז |
|---|---|---|
| $843,303.00 | $1,015,733.00 | $1,315,380.00 |

**חשבון השנה**

| | |
|---|---|
| תמוז אב תשפ"א | $910,784.00 |
| אלול תשרי תשפ"ב | $1,826,492.00 |
| חשון - חצי טבת תשפ"ב | $1,379,714.00 |
| חצי טבת - אדר א' תשפ"ב | $1,472,695.00 |
| אדר ב' ניסן תשפ"ב (עם הקמחא דפסחא) | $4,830,458.00 |
| אייר סיון תשפ"ב | $1,781,181.00 |
| **ס"ה** | **$12,201,324.00** |

# הארציגע דאנק בריוו פון אלמנות שתחי'

**אכט און פערציגסטער פארזעצונג**

### מכתב 0242 (Y01.029)

לכבוד הרב לויפער עמו"ש

מי כעמך ישראל – אידישע קינדער טוען אזויפיל חסד איינער מיטן אנדערן. דער גרויסע זכות זאל אייך ביישטיין, איר זאלט קענען ווייטער טון אייער עבודת הקודש מיט פיל סייעתא דשמיא און הצלחה.

די הרחבת הדעת וואס איר שענקט טאג טעגליך פאר אלמנות ויתומים לכבוד שבת און יום טוב איז אומשאצבאר.

די הערליכע מהודר'דיגע ארבעה מינים וואס מען האט געברענגט אין שטוב אריין, האט מיך זייער דערפרייט מיין הארץ.

דער אייבערשטער זאל אייך געבן כח, געזונט און הצלחה ביז מיר וועלן שוין זוכה זיין בקרוב אנטקעגן משיח צדקינו צו גיין בב"א.

מרת.....

### מכתב 0243 (Y01.038)

לכבוד די אלעמענס באקאנטע הרב החשוב ר' אברהם לויפער וכל המשפחה כבודה (און אייער גאנצע חבריא קדושה) לאויש"ט.

מיט א שבח והודאה להקב"ה על כל החסד אשר עשה עמנו.

געשריבענע ווערטער זענען גאר ווייניג, די גרעסטע מתנה וואלט געווען צו קליין אונזער "הכרת הטוב" פאר "אייך" – צו מאכן פארשטיין.

אזא געוואלדיגע שמחת יו"ט פסח תשפ"ב וואס איז געווען אין אונזער שטוב ב"ה ב"ה!! עס זענען ב"ה אריינגעקומען קינדער און אייניקלעך פון א"י, שיכון סקווירא און לעיקוואוד און אוודאי פון וומסב"ג.

פשוט'ע ווערטער זענען צו טרוקן איבערצוגעבן די געוואלדיגע הרחבה, די געוואלדיגע הארץ, די געוואלדיגע איבערגעגעבנקייט און מוסטערהאפטיגע באשיידנהייט, פון אייער מוסד החסד וצדקה און ווי אלעס איז אהיימגעשיקט געווארן, און די שווערע קאסטן געדעקט געווארן. נאר דער "אויבערשטער אליין" ווייסט דאס אלעס, און נאר הקב"ה בכבודו

ובעצמו קען אייך צוריקצאלן!!!

פון טיפסטן הארצן וואונטשט גאנץ משפחת.....

פאר אייך אלע, געזונט, נחת, שפע, שמחות, הרחבת הדעת. איר זאלט די זכי' האבן ווייטער צו טוען צדקה וחסד בטוב לב און הקב"ה זאל אויף ענק משפיע זיין פון זיין אוצרות הטוב וכל טוב וטוב לנצח!! חזק חזק ונתחזק!!

משפחת.....

### מכתב 0244 (E02.053)

לכבוד הרב אברהם לויפער שליט"א,

איך בין די ..... רעבעצין, וואוינענדיג אויף די אויבענדערמאנטע אדרעס שוין העכער 50 יאר, ב"ה.

דער רבי, מיין טייערער מאן, איז נפטר געווארן זעקס יאר צוריק. אין די צייט וואס איך האב געשפירט א געוואלדיגן פארלוסט, זענט איר – הרב לויפער – געווען איינער פון די מענטשן וואס האבן מיר געהאלפן זיך צוזאמקלויבן. מיט אייער גוטהארציגקייט פאר אלמנות, האט איר מיר געהאלפן דורך צושטעלן פאר מיר און פאר מיינע קינדער פלייש און פיש לכבוד שבת ויום טוב.

וואס עס קומט מיר פאר גאר ספעציעל איז דער וועג וויאזוי איר האנדלט און וויאזוי איר ארגאניזירט דעם ספעציעלן פראיעקט מיט סענסעטיוויטעט און כבוד. יעדער ארדער ווערט דעליווערט אין די צייט, און דאס עסן איז פריש און פראפעסיאנאל איינגעפאקט. איך טו אמת'דיג שעצן אייער הארציגע איבערגעגעבנקייט צו העלפן אלמנות אין נויט.

איך בין מתפלל צום באשעפער אז ער זאל אייך בענטשן אינאיינעם מיט אייער בני בית מיט געזונט, איר זאלט זוכה זיין צו שעפן נחת פון אייערע קינדער און אייניקלעך פאר פילע און לאנגע געזונטע יארן.

מרת .....

### מכתב 0245 (E02.060)

לכבוד הרב לויפער, עד מאה ועשרים שנה

איך קען אייך נישט גענוג באדאנקען פאר אייער וואונדערבארע צדקה וואס איר האט אויסגעשטרעקט אין פארלויף פון די ימים טובים!

אייער פאטער מוז האבן געווען א גרויסער צדיק – איך פלעג אלץ זאגן פאר מיין מאן ע"ה אז קיינער קען נישט טון צדקה אזוי ווי סאטמאר!!

אלעס איז באמת געווען אזוי ליבליך, איך האב מיך געשפירט אזוי גליקליך צו האבן א לולב און אתרוג צו בענטשן דערויף. יישר כח.

מיין מאן איז געווען אן אמת'דיגער גאון אין תורה, ער איז געווען אן אלטער וויליאמסבורגער, איינער פון די "מלאכים".

ער איז נפטר געווארן ערב פסח, ווען די קאראנע איז געשטאנען אויפן ארגסטן שטאפל. ער האט געהאט די ביטערע מחלה 12 יאר, אבער ער האט ווייטער געלערנט, און געדאווענט וותיקין, ביז יאנואר פון יאר 2020.

איך דאנק אייך נאכאמאל,

מרת ....

### מכתב 0246 (Y10.009)

הרב לויפער שליט"א

ביטע זייט מוחל אויף מיין געבראכענע אידיש. אבער איך דארף זאגן מיין הכרת הטוב צו דעם רב פאר די גרויסע גוטסקייט צו מיר און אלס וואס איר טוט פאר די אלע פרויען וואס זענען אליין.

ווען איך האב געקריגן די קונטרס, האב איך געפילט נאנט צו טרערן. אזויפיל מחשבה און איבערגעגעבנקייט גייט אריין אין די ארבעט יעדן טאג, צו ברענגען שלוה וישועות צו אזויפיל פרויען. נישט נאר אזויפיל פון די שוועריגקייט גייט אוועק, אבער א פרוי איז געבליבן מיט א הרגש אז זי איז נישט אליין אין די מצב. זי האט א לב הקהילה וואס איז צוזאמען מיט איר.

איך קען נישט זאגן אלס וואס איך פיל איבער דאס.

איך וויל וואונטשן די רב לאנגע און געזונטע יארן.

א גוט געבענטשט יאר, מרת.....

| פרנס אלמנה ויתומים לכל השנה | חודש תשרי | חודש ניסן | ס"ה לשנה |
|---|---|---|---|
| משפחה ברוכי ילדים - $300.00 לשבוע | $2,500.00 | $3,600.00 | $18,000.00 |
| משפחה גדולה - $200.00 לשבוע | $1,800.00 | $2,500.00 | $12,000.00 |
| משפחה רגילה - $150.00 לשבוע | $1,200.00 | $1,800.00 | $10,000.00 |
| משפחה בינוני - $120.00 לשבוע | $900.00 | $1,200.00 | $7,800.00 |
| משפחה - $100.00 לשבוע | $720.00 | $1,000.00 | $6,300.00 |
| משפחה קטנה - $75.00 לשבוע | $600.00 | $900.00 | $5,200.00 |

| מעמדות לכל השנה | חודש תשרי | חודש ניסן | ס"ה לשנה |
|---|---|---|---|
| מעמדות לשבוע - $26 בשר $26 דגים | $500.00 | $720.00 | $3,600.00 |
| מעמדות לשבוע - $18 בשר $18 דגים | $360.00 | $500.00 | $2,600.00 |
| מעמדות לשבוע - $18 בשר ודגים | $180.00 | $360.00 | $1,300.00 |
| מעמדות לחודש - $18 בשר $18 דגים | $150.00 | $250.00 | $780.00 |
| מעמדות לחודש - $18 בשר ודגים | $120.00 | $180.00 | $500.00 |

| פרנס לכל האלמנות |
|---|
| לשבת קודש ולכל השבוע $180,000.00 |
| פרנס השבת קודש $72,000.00 |
| פרנס היום $26,000.00 |

ב"ה

עשרת ימי תשובה תשפ"ג
חידושים לטובת הציבור
ולהחזקת המוסדות הק'

# כפרות

## מיט חידושים

בסייעתא דשמיא איז אויסגעארבעט געווארן **פרישע פראקטישע חידושים פאר'ן מנהג ישראל פון כפרות אויף קומענדיגן עשי"ת** הבעל"ט, וואס מיט דעם וועט מען בעז"ה **צושטעלן סערוויס פאר'ן חשוב'ן ציבור**, און **ברענגן די ריכטיגע הכנסה פאר די הייליגע מוסדות**

### 12 שעות כפרות

**מיטוואך צום גדלי'**

פון **12:00** מיטאג

**ביז 12:00 ביינאכט**

בלויז איין לאקאציע
**אין שטח פון ת"ת בנין גאלדבערגער - לארקין דר.**

**היי-יאר וועט זיין כפרות בלויז צום גדלי' און י"ג מדות פארנאכטס**

**עס וועט ארום פארן באסעס פון 2:00 נ.מ. ביז 6:00 אווענט אויף די חתונה רוט**

### אין חדר/סקול

איר וועט קענען באשטעלן
**כפרות פאר די קינדער צו מקיים זיין די מנהג ישראל**

**שלאגן כפרות אין חדר / סקול**

**אינאיינעם מיט די חשוב'ע סטעף**

**יונגלעך אין ת"ת**
**זונטאג האזינו**

**מיידלעך אין בית רחל**
ביז די 6'טע קלאס
**דאנערשטאג וילך**

כדי מ'זאל צוגרייטן כפרות פאר אייערע קינדער און חדר / סקול דארף מען אריינשיקן **אפליקאציעס** און צוריקשיקן נישט שפעטער ווי פרייטאג נצבים הבעל"ט

מיר קוקן ארויס אז דער ציבור זאל **געניסן פון די סערוויסעס און שטיצן די מוסדות**, ווי רביה"ק זי"ע האט פארלאנגט און **העלפן ארייינברענגן א שמחת יו"ט פאר די הונדערטער כלי קודש!**

א כתיבה וחתימה טובה, א זיס לעכטיג יאר מיט אסאך אידיש נחת!
**הנהלת המוסדות**

**פאלגט נאך באזונדער די חידושים פאר כפרות ערב יום הקדוש**

# מוסדות סאטמאר קרית יואל

נתייסדה ע"י
מרן רבינו הקדוש זי"ע

בנשיאות כ"ק
מרן אדמו"ר שליט"א





קרית יואל וואכנשריפט


בס"ד
וּבְכֵן תֵּן כָּבוֹד לְעַמֶּךָ
יום ד' בראשית – אסרו חג
כתיבת האותיות
לכל הקהל הקודש
יום ה' בראשית
מעמד נהדר סיום כתיבת האותיות
לברך על המוגמר
מיוחד לאנ"ש שותפים ונדבני הספר תורה
בראשות כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א
מוצש"ק בראשית
מעמד אדיר ונהדר חגיגה נשגבה ורוממה
הכנסת
ספר תורה
ובאו כולם בברית יחד במקהלות
אלפי אנשי שלומינו
ומלכינו בראשינו כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א


לָּה לִירֵאֶיךָ וְשָׂשׂוֹן לְעִירֶךָ
מעמד אדיר ונהדר חגיגה נשגבה ורוממה
קהל יטב לב סאטמאר
קרית יואל
חגיגה נשגבה
הכנסת
ספר תורה
שנכתבה ע"י אלפי חברי קהלתינו הקדושה
קהל יטב לב סאטמאר
קרית יואל
לעילוי ולזכרון נשמת מרנן רבותינו
כ"ק רבינו הקדוש והטהור זי"ע ומ"מ רבינו הגה"ק בעל ברך משה זי"ע
ובאו כולם בברית יחד במקהלות אלפי אנ"ש • מוצש"ק בראשית תשפ"ג
ומלכינו בראשינו כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א



# לכבוד יום טוב

ווי אַלע יאָרן האָבן מיר אַהערגעשטעלט אַ ספּעציעל
גרעסערן אויסוואַל צו דער בעפאָרשטייענדער ימים טובים סעזאָן.

## YOM TOV SPECIALS

| | |
|---|---|
| –<br>**BEEF RIBLETS**<br>**$6.99 LB** | *Pickled*<br>**BEEF MOCK MINUTE ROAST**<br>**$12.99 LB** |
| *Family Pack*<br>**BEEF CHULENT MEAT**<br>**$8.49 LB** | *Family Pack*<br>**BEEF GROUND MIX**<br>**$6.99 LB** |
| *Pickled*<br>**BEEF PASTRAMI ROAST**<br>**$9.99 LB** | –<br>**TURKEY STEAK**<br>**$4.99 LB** |
| *Pepper Crust*<br>**CHICKEN ROAST**<br>**$8.19 LB** | *Ready To Bake*<br>**TURKEY ROAST**<br>**$8.49 LB** |

*Imported*
**CHUCK EYE ROAST**
**$9.99 LB**

| WILLIAMSBURG | WILLIAMSBURG | WILLIAMSBURG | BORO PARK | BORO PARK | KIRYAS YOEL |
|---|---|---|---|---|---|
| 80 Lee Ave. | 823 Bedford | 239 Lee Ave. | 5023 N. Utrecht | 4525 16th Ave. | 68 Forest Rd. |
| 718.963.1100 | 718.963.1100 | 718.963.1100 | 718.854.2100 | 718.854.2100 | 845.782.2900 |

ד ע ר ה ע כ ס ט ע ר ס ט א נ ד א ר ט א י ן כ ש ר ו ת ה ב ש ר

קהל יטב לב

# סאטמאר

קרית יואל

CONG. YETEV LEV

# SATMAR

KIRYAS JOEL

נתייסדה ע"י מרן רבינו הקוה"ט זי"ע • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

5 Garfiled Road, Monroe, NY 10950 • T. 845.783.5688 F. 845.783.5699

בית המדרש הגדול | ביהמ"ד בית כהנא | בית המדרש ישמח משה | ביהמ"ד בית מרדכי לייב | ביהמ"ד בית יקותיאל | ביהמ"ד בית יעקב נחמי' | בית המדרש מעריוואלד ס. | בית המדרש בית מאיר | בית המדרש טיב לבב | ביהמ"ד אלד טאון רד. | ביהמ"ד החדש איילענד וויא | ביהמ"ד החדש וויגטשעסטער

סידורו של שבת קודש

# שב"ק פרשת תבא הבעל"ט

## בבית מדרשינו הגדול

בראשות כבוד הגה"צ מורינו שליט"א

זמן הדלה"נ: 6:49 זמן מוצש"ק: 8:15

## מנחה וקבלת שבת

חצי שעה אחר זמן הדלקה"נ

## זמן שחרית

בשעה 9:30

## מנחה רעוא דרעוין

חצי שעה אחר זמן הדלקה"נ

שלש סעודות מיוחד לתשב"ר בהיכל עזרת נשים

עס וועט זיין באסעס נאך שלש סעודות צו שכונות ברך משה, ויואל משה, עצי תמרים באסעס פארן פון ביהמ"ד הגדול פארעסט זייט

שבת שלום ומבורך

**הנהלת הקהלה**

בס"ד

# For Rent

JUST GIVE US A CALL AND
LET US GUIDE YOU HOME

## Winchester area



- 5 bedrooms /3 bathrooms,
- Big living room, kitchen and dining room

## 4 Lionel Passage




- 2 bedrooms/2 bathrooms,
- Nicely renovated, new kitchen
- Study room & Pesach Kitchen

## 225 Bakertown Road



- 3 Bedrooms
- Option to make a 4 bedroom
- Nice kitchen and dining room,

## Apartments

- **1 room** on Fillmore Court & Premishlan
- **3 room** on Zenta
- **4 room** on Karlsburg & Beer Sheva & Austra
- **7 room on** 4 Zenta Semi-private house on Bedrooms, Built in Sukkah, Private Backyard, Ready to move in.

## Offices

- **Cliff Court:** 1 room office with internet, 8/10 sqft.
- **Rout 32 5 minutes walk to KJ**: 1,300 sqft, Option to customize
- **Hawks Nest (Blooming Grove)**: 750 sqft, Option to customize
- **3 Alamo (Blooming Grove)**: 4 single offices, including furniture and internet.
- **Frankfurt**: Big office Space, fit more than 10 desks. + executive office

## Basement Space

- **Hamburg**: 1,000 sqft
- **Near QuickChek gas station**: 1,500 sqft

MK REALTY
Residential & Commercial

845.782.0205
sales@mkrealtyusa.com
48 Bakertown Road
Suite 502, Monroe NY

משה שמחה קויפמאן
לייסענס 10311206102
845.537.0475

אליעזר דוד האפפמאן
לייסענס 10401304475
845.662.3574

אברהם חיים לעווי
לייסענס 10401327281
845.238.1162

דוד לייב קרויס
לייסענס 10401317322
845.274.3765

נפתלי הירצקא זינגער
לייסענס 10401300864
845.728.1429

אברהם הערש גפן
אפיס אדמיניסטראטאר
845.782.0205x 115


pivotgroup.nyc
פרישע
סחורה
הערליכע
נייע דעזיינס
לכבוד יום טוב
GB
בארא פארק
1411 39th St.
718.435.4750
וויליאמסבורג
178 Wallabout St.
718.330.1700
מאנסי
16 Melnick Drive
845.678.8624
קרית יואל
7 Van Buren Drive
845.774.4100


בס"ד
WE MEASURE AND DELIVER ANYWHERE
Sukkah Depot™ OF MONROE
For all your sukkah needs
CANVAS SUKKAHS
SCHACH
QUALITY WARRANTY ON SCHACH
TRAVEL SUKKAHS
TABLES & BENCHES
AIR BEDS & COTS
CHAIRS & STOOLS
LIGHTS & ACCESSORIES
Sukkah Depot™
WWW.SUKKAHDEPOT.COM
6 VAN BUREN DRIVE 845.204.3851

## הרשעים כים נגרש:

# אנגסט און ציטער ביי שלומי אמוני ישראל ווען די באורד און רידזשענטס אין ניו יארק שטימט פאראויסצוגיין מיט שוידערליכע גזירת שמד אויפ'ן שווארץ אפעל פון כלל ישראל, עתיד חינוך בנינו ובנותינו, היל"ת!

מַכְנִיסֵי רַחֲמִים הַכְנִיסוּ רַחֲמֵינוּ לִפְנֵי בַּעַל הָרַחֲמִים, כִּי צֹאן רוֹעֶה נֶאֱמָן הָיָה לְחֶרְפָּה:

### נאָכפאָלגענדיג הכרזת וקריאת הקודש פון מאור הגולה כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א:

## פלאַקער און פייער האט איינגעהילט צענדליגער טויזנטער תינוקות של בית רבן, בחורי חמד ואברכי הכוללים, און אלפי ההורים פון סאַטמאַר אַלוועלטליך אייגצורייסן בתפלה ובתחנונים לביטול הגזירה

### רבינו עומד בתפלה בעדינו:

## טויזנטער קינדער פון מוסדות סאַטמאַר קרית יואל רייסן איין ביים ציון הק' פון רביה"ק זי"ע מייסד המוסדות למען ביטול הגזירה

עת לעשות לה' הפרו תורתיך:

### העכער 2,000 סאטמאר'ער לומדי הכוללים שטעלן אָפּ סדר הלימוד אינמיטן העלן טאָג אייגצורייסן להעביר את רוע הגזירה פון כלל ישראל

יִזְכֹּר אַהֲבָתָם, וִיחַיֶּה זַרְעָם שֶׁלֹּא תֹאבַד שְׁאֵרִית יַעֲקֹב:

### האַרץ-רייסנדע תפילות בהבל פיהם של אלפי תינוקות של בית רבן להעביר את רוע הגזירה, מאָנטאָג פאַרמיטאָג, אין ביהמ"ד הגדול אין וויליאמסבורג בראשות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א נאָכגעפאָלגט פון דרשות נלהבות בחומר הגזירה

ניו יאָרק. – "הבערה ללהב יצאת", א ברען און א פלאקער האט איינגעהילט די צענדליגער טויזנטער תלמידי וחסידי סאטמאר אומעטום, ובפרט ביי די פילע טויזנטער תינוקות של בית רבן, בחורי חמד, אברכי הכוללים, תלמידות הבית רחל, און געוויס ביי די אלפי ההורים וואָס צאַפּלען מיט שרעק פאר'ן עתיד דורותיהם, צו מתפלל זיין און איינרייסן ביי אבינו שבשמים אַז די אַלע גזירות האיומות וואָס באַדראָען דעם חינוך פון די קינדערלעך זאָל חלילה נישט קענען צושטאַנד-קומען – צום ערשט אַז די גזירה זאָל נישט אַריינגיין אין קראַפט, און אַצינד אַז ס'זאָל ח"ו נישט קענען שעדיגן – און מיר זאָלן קענען ווייטער פאָרזעצן צו ערציען אונזערע דורות אויפ'ן וועג וואָס מרן רבינו הקדוש זי"ע האָט אונז געלערנט און ווי ממשיך דרכו כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א טוט עס ווייטער אָנהאַלטן בעוז ובתעצומות.

"ותעל שוועתם אל האלקים." – דאָס ווײ-געשריי פון אַזויפיל ריינע אידישע קינדער וואָס בעטן זיך פאַר זייער רוחניות'דיגן קיום, האָט אָן קיין צווייפל דורכגעריסן טויערן און מויערן בשמי מעלה. אין אלע סאטמארער תלמוד תורה'ס, אין אַלע חדרים, אין אלע בתי חינוך, אין אַלע כוללים, בכל מקום ומקום שדבר המלך ודתו מגיע, האָט מען מתפלל געווען מיט הייסע תפלות: קרע רוע גזר דיננו! הפר עצת אויבינו! עשה למען תינוקות של בית רבן! אין וויליאַמסבורג אין ביהמ"ד הגדול, אין קרית יואל ביים ציון הק', אין אַלע אַנדערע מקומות אין די בתי מדרשים, און דער קול הצאן ווי זיי וויינען למען קדושתן וטהרתן ועתיד דורותיהם האָט איינפאַך צונומען די הערצער, ואם אבן הוא נימוח!

"עת לעשות לה' הפרו תורתיך." – העכער 2,000 סאַטמאַר'ער כולל-יונגעלייט ברחבי ניו יאָרק האָבן פאַרקלאַפּט די גמרות, פאַרמאַכט די שלחן ערוך'ס, און אַפּירגענומען די תהלים'לעך לקרוע שערי שמים, און גלייכצייטיג האָבן די טויזנטער באַזאָרגטע עלטערן שיחי' – אויפ'ן פקודת הקודש פון רבי'ן שליט"א – באַזונדער מתפלל געווען מיט די הייסע תפלות פון ערליכע אידישע טאַטע-מאַמע הדואגים על דורותיהם, חמול עלינו ועל עוללינו וטפינו, שלא תאבד שארית יעקב!

"בנותינו כזוויות מחוטבות תבנית היכל". אויך די פילע טויזנטער הייליגע בנות ישראל הכשרות אין די בתי חינוך לבנות "בית רחל" ברחבי ניו יאָרק האָבן מיט זייער תמימות זיך געבעטן ביים רבוש"ע ער זאָל זיי – און זייערע געשוויסטער, און זייערע דורות – ראַטעווען פון די גזירות רעות, ווייל פרעה לא גזר אלא על הזכרים ולבן ביקש לעקור את הכל, די גזירה צילט "אַלע" אידישע קינדער, און אויב זאָל דאָס חלילה זיך דאָס איינגעבן איז דאָך עס אַ גזירת כלי' אויף כלל ישראל, ה' ישמרנו.

"עת צרה היא ליעקב, כי בצרה גדולה אנחנו". – ס'געדענקט זיך באמת נישט אין די לעצטערע צענדליגער יאָרן אַזאַ מורא'דיגער זמן, ווען מ'זאָל מוזן אויף אַזאַ אופן, אַזוי איינרייסן מיט אַזאַ פאַראייניגטער תפלת הרבים, אויף אַ ביטול הגזירה וואָס הויערט איבער "אונזערע קעפּ" דאָ במקומינו, ווייל אזא צרה איז דאָך באמת נאָכנישט געווען דאס גלייכן! אַז אין דעם פלאץ וואו מיר וואוינען, וואס מ'האט געהאפט אז מ'זאל מיט א רואיגקייט דאָהי קענען מקיים זיין תורה ומצוות און ערציען די דורות עד ביאת הגואל, זאָל צושטאַנד-קומען אַזאַ צרה צרורה, אַז די רעגירונג זאָל זיך וואַגן גוזר זיין אזעלכע גזירות רעות אין

די פונדאַמענטאַלסטע אידישקייט-יסודות וואָס גייט בנפשינו, און מיר קענען אויף דעם נישט איינשטימען, מיר קענען צו דעם נישט איינגעבן, בשום פנים, בשום אופן, און – ווי כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א האָט אויסגערופן – מיר ווען דערצו קיינמאָל זיך נישט צושטעלן!

״עד שתחננו ותוציא לאור משפטינו איום קדוש.״ – דעם היינטיגן דינסטאָג מיטאָג, און מ׳הערט ווי ליידער ״את אשר יגורנו בא״, און דער ״באָורד אָוו רידזשענטס״ האָט ר״ל איינשטימיג אָפּגעשטימט די נייע שענדליכע גיידליינס אַלס דאָס געזעץ פון ניו יאָרק, פאַרבלייבט כלל ישראל פאַראייניגט און אומברעכבאַר. מ׳איז זיכער אַז די אַלע הייסע תפלות זענען נישט געגאַנגען לאיבוד! ס׳קיין ספק נישט אַז דער כח תפלת הרבים האָט פאַראורזאַכט אַ גערויש און אַ טומל אויבן אין הימל! ויהיו דברי אלה אשר התחננתי לפני ה׳ קרובים אל ה׳ אלקינו, אונז צו באַגלייטן אין די ווייטערדיגע שטאַפּלען פון דעם ברענענדיגן קאַמף למען כבוד שמו יתברך ולמען עתיד דורותינו, ובזכות תפלת ווען מיר קענען פאָרזעצן ווייטער אונזער הייליגן חינוך בדרך שהורה לנו אבותינו ורבותינו מדור דור בגאון ובועז.

## הבערה ללהב יצאת: ביים הכרזת הקודש פון כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א

דער פלאַם האט אויפגעפלאַקערט זונטאָג נאַכט, נאָך וואָס ס׳איז צעשפרייט געוואָרן די פייערדיגע הכרזת הקודש מול הגזירה הנוראה פונעם מנהיג העדה מאור הגולה כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א, אַדרעסירנדיג די פרישע שוידערליכע אַנטוויקלונגען מיט די פאַרעפענטליכונג פון די נייע שוידערליכע גיידליינס און די צוגרייטונגען עס אָפּצושטימען אַלס געזעץ ה״י, און דערביי אויסגערופן בקול ה׳ בכח אַז כלל ישראל וועט די גזירה אָפּקעמפן און מ׳וועט זיך נישט ברעכן! מ׳איז גרייט צו גיין זיצן אין די טורמעס! אָבער מיר וועלן אונזער הייליגע מסורה נישט פאַרלאָזן!

אָט די קלאָרע און דייטליכע דברות קודש, די ״הכרזת מלחמה״, איז געזאָגט געוואָרן בזעיר אנפין, פאַר אַ קליינעם ציבור געלאַדנטע מסובים – ביי דער רייכער מסיבה ״קריאת השם״ פאַר דעם נייעם פראכטפולן בנין הבית רחל אין וויליאמסבורג, וועלכע איז באַקרוינט געוואָרן אַלס ״בנין ריזל יכט יאקאבאוויטש״ דורך משפחת יאקאבאוויטש הנכבדה שיחי׳, ה״ה האחים הנדיבים המפורסמם, בונים ומקימים עולמות של תורה, הרה״ח ר׳ דוד לייבוש הי״ו, חבר הנהלת מוסדות סאטמאר וויליאמסבורג, ואחיו בדומה לו הרה״ח ר׳ אברהם בער הי״ו, סגן ראש הקהל דקהל יטב לב ד׳סאטמאר וויליאמסבורג – אָבער דער אָפּקלאַנג איז געגאַנגען מסוף העולם ועד סופו, און דאָס זענען געווען די פייער-צונגען וועלכע האָבן אויפגעלאַקערט גאַנץ כלל ישראל מקצה הארץ ועד קצהו.

דער רבי שליט״א האָט צום ערשט נאָכגעזאָגט אַ פחד׳דיג וואָרט פון הייליגן ספר ״ויואל משה״ אויפ׳ן פסוק ״כי לא תשכח מפי זרעו״, אַז די הבטחה באַדייט נישט אַז פון זיך אַליין וועט די תורה נישט פאַרגעסן ווערן, נאָר דאָס איז אַן הבטחה אַז אין יעדן דור וועט פאַרבלייבן ערליכע אידן וואָס זיי וועלן זיך מקריב ומוסר נפש זיין אָנצוהאַלטן אמת׳דיגע ערליכע אידישקייט, שמירת התורה והמצוות, און נאָר אַזוי וועט זיין ״כי לא תשכח מפי זרעו״, אז ס׳וועט אייביג פארבלייבן תורה-טרייע אידן. און אָט דאָס, האָט דער רבי שליט״א אויסגעפירט, ליגט יעצט אויף אונז דער פליכט, אַז מיר זאָלן אַלע במסירת נפש פאַרזיכערן ס׳זאל זיין כי לא תשכח מפי זרעו!

דערמיט האָט דער רבי שליט״א בקול רעש גדול אויסגערופן, ״מיר זענען דאָ מכריז ומודיע אַז מיר קענען נישט משנה זיין און מיר וועלן נישט משנה זיין, מיר וועלן נאר גיין אויף דעם וועג אַזוי ווי מיר האָבן מקבל געווען״! דער רועה נאמן האָט אַדרעסירט דאָס וואָס די רעגירונג שרייבט אין זייער גזירה אַז אויב מען וועט נישט פאָלגן דאַן דראָען זיי מיט תפיסות; זיי וועלן איינשפאַרן אויף די עלטערן. האָט דער עמוד האש ההולך לפני המחנה אויסגעשריגן: ״מען דאַרף וויסן אַז מען דאַרף זיין גרייט דערויף יעדער איינער״!

נאָכ׳ן נאָכזאָגן אַ פייערדיגן וואָרט פון הייליגן ייטב לב זי״ע אויפ׳ן פסוק ״בכל לבבך בכל נפשך ובכל מאודך״, אז מיר זענען גרייט מיט אלע כוחות, אפילו נוטל את נפשך אפילו נוטל את ממונך, האָט דער רבי שליט״א ווידעראמאל קלאָרגעשטעלט און ווידערהאָלט די קלאָרע אומצווייטייטיגע שטעלונג פונעם יהדות החרדית אין ניו יאָרק: ״און דאָס זענען מיר מכריז ומודיע לכל העולם, מיר וועלן נישט משנה זיין! מיר קענען נאָר און מיר וועלן נאָר גיין, אויף דעם וועג וואס מיר האבן מקבל געווען! און אין זייער זכות וואס טוט אונז באגלייטן אין אלע זמנים אז מען זאל זיך קענען האלטן אז ס׳זאל קענען זיין דער לא תשכח מפי זרעו״!

דאַן האָט דער רבי שליט״א שטאַרק אויפגעפאָדערט אַז מ׳זאָל ארייינרייסן בתפלה ובתחנונים ״ארויסברענגען די ריכטיגע תפלות צום בורא כל העולמים, טאקע צו מבטל זיין אלע גזירות קשות ורעות, עס זאל זיין עשה למען תינוקות של בית רבן אין זכות פון די תשב״ר״, און רבינו שליט״א האָט אויסגעפירט אַז די גאַנצע גאולה שלימה וועט דאָך קומען בזכות פון די תינוקות של בית רבן, און דערפאַר ווען מ׳שטייט שוין פאַר די גאולה שלימה טוען זיך די כוחות הטומאה אַזוי פאַרלייגן אויף די תינוקות של בית רבן ״ווייל דאָרט ליגט דער יסוד פון גאולתן של ישראל״.

הדבר יצא מפי המלך, ווי נאָר די הכרזה אדירה איז געהערט געוואָרן מפום ממלל רברבין כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א, האט דאס תיכף אָפּגעקלינגען איבער דער גאָרער וועלט און אויפגעפלאַקערט לבבות ישראל. טויזנטער אידן האָבן אַריינגערופן די ליניעס איבערצוהערן די קאָכעדיגע דיבורים, און דאָס יהדות החרדית הנאמנה איז געוואָרן מאָביליזירט, ווי רבינו שליט״א האָט גערופן ״לדורן לתפלה ולמלחמה״ מיט א מסירת נפש. איבערהויפּט די אלפי תינוקות של בית רבן, די ראשי מערכות החינוך פון סאַטמאַר אומעטום, איבעראָל האָט מען זיך געגרייט אָנצוהייבן איינרייסן בתפלה ובתחנונים לה׳ להעביר את מחשבת המן, להעביר את רוע הגזירה, מ׳זאָל זוכה זיין צו נסים ונפלאות, אַז דער כח הקדושה זאָל מנצח זיין.

## זונטאָג אָוונט: פייערדיגער רוף פון די סאטמאר׳ער מוסדות צו די עלטערן מתפלל צו זיין

בעצם היום הזה, זונטאָג אין אָוונט, האָט


כולל אברכים
Kollel Satmar
בס״ד
אבינו מלכינו קרע רוע גזר דינינו!
על כן עפ״י פקודת הקודש של כ״ק מרן רבינו שליט״א
יאמרו היום פרקי תהלים
בשעה 5:30
בכל היכלי הכולל
הנהלת הכולל


ישיבה ומתיבתא תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר
United Talmudical Academy "Torah V'Yirah"
בס״ד
יום א׳ לסדר וַנִּצְעַק אֶל ה׳ אֱלֹקֵי אֲבֹתֵינוּ, וַיַּרְא אֶת עָנְיֵנוּ וְאֶת עֲמָלֵנוּ
עת צרה היא ליעקב!
לכבוד די חשוב׳ע עלטערן – די טאַטעס און מאַמעס – פון מוסדותינו הקדושים הע״י
היות די באָורד אויף ריגענטס האָט אַרויסגעגעבן זייערע פאַרגעשלאָגענע גיידליינס, וואס אנטהאלט שרעקליכע גזירות אַנטקעגן דעם חינוך פון אונזערע קינדערלעך, ה׳ ירחם עלינו, און זיי גרייטן זיך אָפּצושטימען די גיידליינס אַלס געזעץ
דעם מאנטאג פרשת כי תבא
דעריבער טוען מיר – על פי פקודת הקודש פון כ״ק מרן רבינו שליט״א ובית דינו הצדק – אויפפאָדערן אַלע חשוב׳ע עלטערן שיחי׳
איינצורייסן ברחמים ובתחנונים דעם מאָנטאָג אינדערפרי אַז די גזירה אויף אונז און אונזערע קינדער זאָל בטל ומבוטל ווערן, אין כוחינו אלא בפה, תפלה בעת צרה דאורייתא
טייערע עלטערן, זייט אייך מתבונן!
יעדער טאטע און מאמע דאַרף אַראָפּנעמען צייט און מתפלל זיין מיט אַן ערנסטקייט, איינרייסן צום הייליגן באַשעפער, אַז די שרעקליכע גזירה זאָל נישט דורכגיין, כי בנפשינו הוא הדבר!
הנהלת הישיבה


אהלה של תורה
כולל ויואל משה
אבינו מלכינו: קרע רוע גזר דינינו!
הנהלת הכולל


כולל תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר
אבינו מלכינו קרע רוע גזר דינינו!
על כן עפ״י פקודת הקודש של כ״ק מרן רבינו שליט״א
יאמרו היום פרקי תהלים
בשעה 1:30
בכל היכלי הכולל
הנהלת הכולל


כולל אברכים תורה ויראה
דרבינו יואל ד׳סאטמאר
בפקודת הקודש
של כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א
נקבע היום
יום ב׳ כי תבוא
ליום תפלה ותחנונים
בהיכל הכולל בשעה 5:40
ואני תפלתי לך ה׳ עת רצון


אבינו מלכינו קרע רוע גזר דינינו!
יאמרו היום פרקי תהלים
בשעה 5:45
בהיכל הכולל

די הנהלת המוסדות – אויף דער פּערזענליכער פאַרלאַנג ופקודת הקודש פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א – אַהיימגעשיקט צו אלע עלטערן פון די פילע טויזנטער תשב"ר, תלמידים ותלמידות, פון אלע אפּטיילונגען פון קליין ביז גרויס, סיי אין וויליאַמסבורג און סיי אין אַלע אַנדערע שטעט, אַ הייסער רירנדער רוף צו אַלע טאַטעס און מאַמעס אַז מ'זאָל נישט נעמען לייכט דעם מצב; מ'זאָל וויסן אַז אַ גזירה נוראה שוועבט איבער די קעפּ פון אונזערע קינדערלעך, און ס'איז אַן עת צרה ליעקב.

דער האַרץ-רייסנדער רוף פון די הייליגע מוסדות – דאַטירט "יום א' לסדר ונצעק אל ה' אלקינו וירא את ענינו ואת עמלינו" – האָט געלויטעט אַז "יעדער טאַטע און מאַמע דאַרף אַראָפּנעמען צייט און מתפּלל זיין מיט אַן ערנסטקייט, איינרייסן ביים הייליגן באַשעפער אַז די שרעקליכע גזירה זאָל נישט דורכגיין, און די הייליגע ריינע תפלות וואָס ערליכע אידישע טאַטע-מאַמע בעטן זיך בתמימות פאַר זייערע דורות וועט זיכער עושה רושם זיין בשמי מעלה".

ווירקליך זענען די טויזנטער עלטערן זייער אויפגעשטורעמט געוואָרן. מ'האָט צוריקגעהערט ווי אין פילע טויזנטער אידישע שטיבער האָבן גאַנצע משפּחות אינאיינעם מתפּלל געווען. טאַטעס און מאַמעס האָבן מיט פאַרצאַפּלטע געפילן זיך אויסגעגאָסן די הערצער מיט הייסע תפלות צום הייליגן באַשעפער אַז ער זאָל אָפּהיטן זייערע שעפעלעך, די רשעים זאָלן נישט מצליח זיין מיט זייערע בייזוויליגע פּלענער, און מיר זאָלן קענען ווייטער ערציען די קינדערלעך לויט אונזער ווילן און שטרעבן, ערליך און אָפּגעהיטן, אַזוי ווי אונזערע עלטערן און זיידעס און באַבעס האָבן אונז מחנך געווען דור אחר דור.

# טויזנטער קינדערלעך פון "מוסדות קרית יואל" מיט זייערע מלמדים ומנהלים רייסן איין ביים מעמד נורא אויפ'ן ציון הק' פון רביה"ק זי"ע

## באותו מעמד בשעת ווען די באָורד אָוו רידזשענטס האָט באַהאַנדעלט די אָפּשטימונג פון די גזירה הנוראה

בו בזמן וואָס אין וויליאמסבורג איז מען געשטאנען און מתפּלל געווען בבית מדרשו של רבי, האָבן אלפי תשב"ר אין די הייליגע שטאָט קרית יואל וואָס האָבן די זכי' צו לערנען אינעם רבינ'ס הייליגע מוסדות, זיך צונויפגענומען - בשליחות הקודש פונעם רועה נאמן כ"ק מרן רבינו שליט"א - ביים מקום ציון המצויינת פונעם מייסד המוסדות רביה"ק זי"ע, וואו מ'האט געהערט פייערדיגע דרשות פון די מנהלים, און געזאגט פון קאפּיטל צ' ביז צום סוף און איינגעריסן לביטול הגזירה.



כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א האָט געלאָזט רופן די מנהלים אין קרית יואל און פוקד געווען אַז אין אַזאַ שעת גזירה וואָס באַדראָעט דעם עתיד החינוך בדרך הקודש וואָס רביה"ק זי"ע האט אונז געלערנט, זאָל מען אַרויפגיין צום ציון הק' פון רביה"ק זי"ע וואס האט מייסד געווען די הייליגע מוסדות און אביו כ"ק מרן רביה"ק הברך משה זי"ע וואס האָט ווייטער שומר געווען דעם פקדון במסי"נ, און די תינוקות של בית רבן זאָלן מתפּלל זיין לבטל את רוע הגזירה.





דאָרט באותו מקום קדוש, שטייענדיג באימה וביראה ברתת ובזיע ביים מקום הקדוש אשר שם חלקת מחוקק ספון, וואו ס'ליגט באַהאַלטן דער צדיק אמת אבינו רועינו רבינו הקדוש זי"ע, האָבן די קינדערלעך געהערט צוויי פלאַקערדיגע דרשות, איינס פון הרה"ג ר' משולם פייש פערלמוטער שליט"א מחשובי המרביצי תורה און פון הרה"ג מוה"ר יקותיאל הערש יאקאבאוויטש שליט"א, ראש המנהלים, וואָס האָבן מעורר געווען די קינדער.

די מנהלים האָבן מיט פייערדיגע ווערטער גערעדט צו די תינוקות של בית רבן פון רבינ'ס הייליגע שטאָט קרית יואל, כי המקום אשר אתה עומד עליו אדמת קודש, דאָ ליגט דער צדיק הדורות וואָס האָט אונז אויפגעבויעט, דער צדיק אמת וואָס האָט בדם ובדמע געראַטעוועט אידישקייט אין אַמעריקע, און מייסד געווען די שטאָט און די מוסדות הקדושים דאָהי אַז מ'זאָל קענען זיך פירן הייליג און ערליך עד סוף כל הדורות.

און דאָ ליידער באַדראָעט אונז אַזאַ שרעקליכע גזירה! מ'וויל, חלילה וחלילה, אַלעס פון אונז אויסרייסן! די רשעי ישראל וועלכע אָרקעסטירן די גזירות רעות ווילן ח"ו עוקר זיין דאָס גאַנצע אידישקייט, דאָס גאַנצע ערליכקייט, דאָס גאַנצע תמימות, דאָס גאַנצע המשכת הדורות! צעשמעטערן אַלעס וואָס דער רבי זי"ע האָט געבויעט, חרוב מאַכן אַלעס וואָס דער צדיק האָט מיט אונז געלערנט און פאַר דעם זיך מקריב געווען ביז זיין לעצטן טאָג, עדי זיבולא בתרייתא!

האָבן די מנהלים אויסגעשריגן: יעצט ווען מיר שטייען דאָ אויף דעם הייליג פּלאַץ, גייען מיר שרייען צום הייליגן באַשעפער "הושענא ציון המצויינת"! אין זכות פונעם צדיק וואָס ליגט דאָ, זאָלן מיר אויס'פּועל'ן אַז די גזירה הנוראה על בנינו ועל דורותינו זאָל שוין בטל ווערן. מיר זאָגן פאַר'ן רבי'ן אַז מיר ווילן זיך פירן אין דיינע וועגן וואָס דו האָסט אונז מיט בלוט און טרערן געלערנט, און מיר בעטן דיך זאָלסט זיין אַ מליץ יושר אויבן אין הימל אַז מיר זאָלן דאָס קענען מקיים זיין, מיר זאָלן ווייטער זיך פירן בקדושה ובטהרה, ווייטער נתחנך ווערן אין דיינע הייליגע מוסדות, ודברך חיים וקיימים ונאמנים לעד ולעולמי עולמים!

דאן האבן זיך די תינוקות של בית רבן אינאיינעם מיט די חשוב'ע מרביצי תורה שליט"א גענומען צום תהלימ'ל ווי מען האט איינגעריסן וועלטן און געשטורעמט מיט הייסע טרערן און הארצרייסענדע בקשות אז די ביטערע גזירה זאל בטל ווערן, אלס בעל תפילה האט געדינט דער מרביץ תורה הרה"ג ר' משולם פייש פערלמוטער שליט"א, וואס האט בקול בוכים פארגעזאגט די מזמורי תהלים.

טראָץ וואָס דער הייליגער געווייקטער מקום קיבול תפלות ביים ציון הקדוש פון הייליגן רבי'ן זי"ע האט שוין איינגעזאַפּט אין זיך אַזויפיל מיליאָנען אידישע טרערן במשך די יאָרן און די ווענט פונעם אהל הקדוש האָבן שוין צוגעזען אַזויפל האַרץ-רייסנדע תפלות ותחנונים, איז אָבער זיכער אַז אַזאַ מעמד נורא איז נאָכנישט געזען געוואָרן! אַ מעמד אין וועלכע דעם רבינ'ס טויזנטער קינדערלעך זענען געקומען זיך בעטן און מתפּלל זיין רבינו עמוד בתפלה בעדינו! שטיי אויף און רייס איין ביים כסא הכבוד, באַשיץ דיינע הייליגע מוסדות, אַז די גזירות רעות זאָלן נישט קענען נתקיים ווערן!

אָט די תפלות ביים ציון הקדוש האָבן זיך צונויפגעמישט מיט די תחנונים לפני המקום פון די אלפי תינוקות של בית רבן פון רבינ'ס הייליגע מוסדות די בכל אתר ואתר, און אַזוי איז עס אַרויפגעגאַנגען אין איין הייליגן קנויל לשמי מרומים וואו עס האָט געוויס חותר חתירה געווען מתחת כסא הכבוד, און אַראָפּגעברענגט רחמים וחסדים, חמול על על עוללינו וטפינו, אַז זממם בל תפק, שבור זרוע רשע, וגזירה עבידא דבטלי, אמן.

**ויושר ילייץ בעדינו משמי מעלה!**

כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ

# הכרזת הקודש מול הגזירה הנוראה

## כלל ישראל איז גרייט אויף מסירת נפש למען עתיד קדושת חינוך דורותינו

קול ה' בכח, קול ה' שובר ארזים לאור המצב הנורא בגזירת החינוך • שזכינו לשמוע מפ"ק מאור הגולה ומגן החינוך הטהור

# כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א

**אצל מעמד "קריאת השם" בתוככי "בנין בית רחל החדש — בנין ריזל יכט" דרבינו יואל מסאטמאר - וויליאמסבורג**
ביום א' לסדר "השקיפה ממעון קדשך" כי תבוא תשפ"ב לפ"ק

## עת צרה היא ליעקב

אין דעם זעלבן זמן, שטייט יעצט דער כלל ישראל אין א גרויסער עת צרה. מען זעט ווי די **כחות הטומאה האבן זיך פארלייגט אויף די תינוקות של בית רבן**, אויסצורייסן פון אידישע קינדער, זיי זאלן משנה זיין פון דעם דרך וואס מען האט מקבל געווען.

## אונזער קיום איז נאָר בזכות אבות, במסירת נפש

אלעם וואס מיר קענען זיין אויף דער וועלט, און דאָס וואָס מיר קענען זוכה זיין צו עומד זיין אין דעם גרויסן גלות, איז נאר טאקע דורך והיה כי תבו"א אל הארץ (דברים כו, א), דורכ'ן זכות אבו"ת (בעל הטורים), **אין זכות פון רבי'ן זי"ע וועלכער האט אוועקגעשטעלט די תלמוד תורה, אוועקגעשטעלט דעם בית רחל, וואס ער האט אריינגעלייגט דערין אזויפיל כחות, אויף יעדן טריט און שריט, ווי אזוי מען זאל מחנך זיין אונזערע קינדער, ווי אזוי מען זאל אוועקשטעלן אונזערע דורות.**

נאר דאס איז אונזער איינציגסטער הבטחה, אז מיר ווייסן אז מיר קענען נאר גיין, והיה כי תבו"א אל הארץ אשר ה' אלקיך נותן לך נחלה לרשתה, דאס איז נאר מיט'ן כח פון די אבו"ת, וואס זיי האבן אונז אוועקגעשטעלט,

**און דאס דארף מען געדענקען אז מען דארף שטיין מיט דעם און זיין גרייט מיט מסירות נפש, זיך צו האלטן נאָר אזוי.**

## מיר זענען מכריז ומודיע: מיר וועלן נישט משנה זיין!

**זיי שרייבן דארט אין זייער גזירה, אז אויב מען וועט נישט פאלגן, וועט מען איינשפאַרן די עלטערן, ווייל דער חיוב פון חינוך ליגט אויף די עלטערן.**

**פון איין זייט זאגן זיי, אז דער חיוב פון חינוך ליגט אויף די עלטערן, און פון צווייטן זייט זאגן זיי, אז די עלטערן זענען נישט דער בעל הבית אויפ'ן חינוך נאר זיי (די רעגירונג) זענען בעל הבית אויפ'ן חינוך — על כל פנים, זיי זאָגן אז מען וועט נישט שיקן די קינדער, דאן קענען זיי איינשפארן די עלטערן.**

**מען דארף וויסן און מען דארף זיין גרייט דערויף יעדער איינער! און מיר זענען מכריז ומודיע, אז מיר קענען נישט משנה זיין, און מיר וועלן נישט משנה זיין, מיר וועלן נאר גיין אויף דעם וועג אזוי ווי מיר האבן מקבל געווען!**

**דאס איז אונזער איינציגסטע הבטחה וואס מיר האבן, כי לא תשכח מפי זרעו!**

**ווי דער רבי זי"ע טייטשט, "מפי זרעו", דאס וואס מיר געדענקען אז מיר זענען "זרעו," אז מיר האבן דעם כח פון די פריערדיגע דורות, נאר דאס איז דער כח, מיט וואס מען קען זיך האלטן און מיט וואס מען וועט זיך האלטן!**

## בכל לבבך, בכל נפשך, בכל מאודך, מיר זענען גרייט אויף אלעם!

דער זיידע אין ייטב לב (פרשת לך) ברענגט פון רבי אלעזר ניסן זי"ע, עס שטייט (דברים ו, ה) "ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך", בכל לבבך, מיינט דער גוף, ובכל נפשך, מיינט דעם נפש, ובכל מאודך, בכל ממונך.

פרעגט מען די קשיא אז מען זאגט שוין אז מען איז גרייט צו מפקיר זיין דעם גוף און דעם נפש, פארוואס דארף מען נאך זאגן "ובכל מאדך"? ברענגט דער ייטב לב פון רבי אלעזר ניסן, אז דער "ובכל מאדך" איז דער סימן. אמת. יעדער איינער זאגט אז ער איז גרייט זיך צו מוסר נפש זיין פאר'ן אויבערשטן, "בכל לבבך ובכל נפשך", אבער לאמיר זען וויאזוי איז דיין "בכל מאדך", וויפיל ביסטו גרייט, אוועקצוגעבן בכל מאדך, פון דעם וועט מען קענען זען ווי אזוי עס זעהט אויס דער ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך.

פון דעם וואס אידן געבן זיך אוועק "בכל מאדך", דאס גיט אריין דעם כח, צו וויסן אז מען דארף מקיים זיין דעם ואהבת את ה' אלקיך בכל נפשך,

**אפילו נוטל את נפשך (ברכות נ"ד ע"א), אפילו נוטל את ממונך, מען דארף קענען שטיין מיט א מסירות נפש, און נאר דאס איז דער וועג. און דאס זענען**

**מיר מכריז ומודיע לכל העולם, מיר וועלן נישט משנה זיין! מיר קענען נאר גיין און מיר וועלן נאר גיין, אויף דעם וועג, וואס מיר האבן מקבל געווען**

**און אין זייער זכות דאס טוט אונז באגלייטן אין אלע זמנים, אז מען זאל זיך קענען האלטן, אז עס זאל טאקע מקוים ווערן די הבטחה פון "כי לא תשכח מפי זרעו".**

## יעצט האלט מען ביי "לתפלה ולמלחמה"!

**דער אויבערשטער האט אונז אריינגעלייגט, מען האט פרובירט, עס איז שוין זעקס יאר דא די גזירה, און מען האט געטוהן אלע השתדלות, לדורון ולתפילה ולמלחמה, דאס דארף מען יעצט געדענקען, יעצט איז די צייט פון לתפילה ולמלחמה.**

דער זיידע דער ייטב לב זאגט אין דער פריערדיגער וואכעדיגער סדרה, אשר לקחתי מיד האמורי בחרבי ובקשתי (בראשית מח, כב), בחרבי ובקשתי מיינט בתורה ובתפילה, תורה ותפילה דאס איז דער חרב מיט וואס מען גייט ארויס למלחמה.

דארף מען זיך מער אנשטרענגען, און מער מוסיף זיין אין תורה, מוסיף זיין אין תפילה, און מיט דעם כח וועט מען האבן א כח צו מסירות נפש, צו קענען עומד זיין. **מיט דעם וועט דער אייבערשטער העלפן, אז מען גייט אריין אין די הייליגע טעג און מען איז מתפלל, דער אייבערשטער זאל מבטל זיין כל גזירות קשות ורעות, עשה למען תינוקות של בית רבן! דער אייבערשטער זאל העלפן, מען זאל קענען זוכה זיין און ארויסברענגען די ריכטיגע תפילות צום בורא כל העולמים, טאקע צו מבטל זיין אלע גזירות קשות ורעות, עס זאל זיין "עשה למען תינוקות של בית רבן", אין זכות פון תינוקות של בית רבן.**

## משגלו תינוקות של בית רבן, גלתה שכינה עמהם

...די לעצטע ביים חורבן בית המקדש זענען געווען די תינוקות של בית רבן, און מיט זיי אינאיינעם איז מיטגעגאנגען די שכינה הקדושה. און דאס זעלבע היינט, **כדי צוריק אויפצובויען דעם בית המקדש, כדי צוריק אראפצוברענגען די השראת השכינה וואס דאס איז געווען די לעצטע השראת השכינה דאס איז מיט'ן כח פון תינוקות של בית רבן! וועגן דעם איז דא אזא געוואלדיגע התגברות פון די כחות הטומאה אויף תינוקות של בית רבן, ווייל דארטן ליגט דער יסוד, פון גאולתן של ישראל.**

# בכל לבבינו, בכל נפשינו, בכל מאודינו למען קיום עתיד דורותינו!

בדרך הקודש שהורה לנו רבינו הקדוש זי"ע, תחת דגלו והדרכתו של כ"ק מרן רבינו שליט"א

וְאַתָּה אַל תִּירָא נְאֻם ה' וְאַל תֵּחַת יִשְׂרָאֵל כִּי הִנְנִי מוֹשִׁיעֲךָ וְאֶת זַרְעֲךָ

## מאָנטאָג אינדערפרי: הושענא צאן קדשים! תלמידי המוסדות אין גאַנץ ניו יאָרק רייסן איין

מאָנטאָג פאַרמיטאָג, אין די גורל'דיגע שעות בו בזמן ווען עס האבן זיך צוזאמגענומען די מיטגלידער פונעם "באורד אָוו רידזשענטס", האבן זיך צוזאמגענומען אלפי תינוקת של בית רבן פון אַלע סאַטמאַרער מוסדות אין אלע שטעט און געהערט פייערדיגע דרשות און מעורר געווען רחמי שמים, געזאגט תהלים, אבינו מלכנו, קבלת עול מלכות שמים להעביר רוע הגזירה.

דער גרויסער מנהיג העדה ונשיא המוסדות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א האָט פערזענליך געלאָזט באַפעלן פאַר אַלע מנהלי המוסדות די בכל אתר ואתר, אַז ס'איז אַן עת לעשות לה' און מ'זאָל אַלעס אָפּשטעלן צו מתפלל זיין פאַר'ן עתיד הדורות.

בשעת ווען טויזנטער קינדער פון וויליאמסבורג זענען געווען פארזאמלט אין ביהמ"ד הגדול (זעט קעסטל) און די טויזנטער קינדער פון קרית יואל ביים ציון הקדוש (זעט קעסטל) געגני אין די זעלבע צייט האָבן זיך אויך צונויפגענומען די אַלע אַנדערע אלפי תינוקות של בית רבן אין מוסדות סאטמאר בכל מקומות מושבותיהם, אין בארא פארק, מאנסי, קרית יטב לב, אא"וו, איבעראל האָט מען מתפלל געווען, איינגעריסן בפסוקי דרחמי, די מנהלים האָבן אויפגעטרעטן מיט דרשות, ערקלערט דעם חומר הגזירה, און די קינדער האָבן זיך מתחנן געווען לפני ה'.

דאס זעלבע האט זיך אפּגעשפּילט אין אלע סניפים פון די סאטמאר'ער הישיבות די בכל אתר ואתר, ישיבה קטנה וישיבה גדולה, וואו על פי קריאת הקודש פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א האָט מען איבעראל אָפּגעשטעלט דעם סדר הלימוד כדי מעורר צו זיין די תלמידים איבער דעם שרעקליכן מצב אין וועלכע מ'שטייט און מתפלל צו זיין אין דעם גורל'דיגן זמן למען ביטול הגזירה הנוראה וואָס שוועבט על ראשי עם קודש, קרא עלי מועד לשבור בחורי, און מיט אונזערע הייסע תפלות וועלן מיר אי"ה אויס'פּועל'ן אַ ישועה פאר כלל ישראל.

## בהם תלוי יסוד בית ישראל: מזמורי תהלים אין אַלע סאַטמאַרער מיידל-שולעס אין ניו יאָרק און ניו זשערסי

גלייכצייטיג, אזוי ווי די גזירה הנוראה צילט אויך קעגן די בנות ישראל הכשרות, האט מען על פי פקודת פונעם רבי'ן שליט"א געזאגט תהלים און אלע בתי חינוך לבנות איבער גרעיטער ניו יאָרק.

טראָץ וואָס מ'איז געשטאַנען אין די סאַמע ערשטע טאָג פון שולע צום נייעם לערן-יאָר, האָט מען אַלעס אָפּגעשטעלט, און די תלמידות – די צוקונפטיגע מאַמעס פון כלל ישראל – האָבן מיט ערנסטקייט און מיט ערליכקייט געזאָגט די ספּעציעלע מזמורי תהלים.

די מנהלים און די מחנכות האָבן דערביי ערקלערט פאַר די תלמידות אַז זיי זענען דערמיט מתפלל נישט נאָר פאַר זיך, נאָר אויך פאר זייערע ווייטערדיגע דורות וואָס זיי וועלן אי"ה אויפשטעלן בעזר ה', וואָס אינעם חינוך פון די מאַמעס איז דאָך תלוי דער עתיד הדורות, ווי רביה"ק זי"ע שרייבט אַז אין היינטיגן דור איז נאָך וויכטיגער דער עתיד הבנות ווייל "בהם תלוי יסוד בית ישראל", אין זיי איז אַלעס אָנגעוואָנדן, און זייער ערליכער חינוך גייט אונז בנפשינו ובלבבינו.

## עת לעשות לה' הפרו תורתיך: היכלי הכוללים פון סאַטמאַר אין ניו יארק

אויך אין די סאטמאר'ער היכלי הכוללים, וואָס ציילט כהיום ביי העכער 2,000 תלמידי חכמים לומדי תורה בקדושה ובטהרה, און וואו דער קול תורה שטעלט זיך נישט אָפּ קיינמאָל פאַר גאָרנישט אויף דער וועלט, האָט מען – אין אַן אויסעראָרדענטליכער פּרעצעדענטלאָזער שריט – בפקודת הקודש פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א אָפּגעשטעלט די סדרי הלימוד פאַר אַ קורצע ווײלע, פאַרקלאַפּט די שו"ע - גמרות, און מ'האָט זיך געשטעלט זאָגן תהלים!

אין אַלע פינף סניפי הכוללים אין וויליאַמסבורג מיט די העכער 1,200 יונגעלייט כ"י, אינעם כולל אין בארא פּארק מיט די העכער 250 אברכי כ"י, אינעם כולל אין קרית יואל מיט די נאָענט צו 500 לומדים כ"י, אין כולל אין מאָנסי מיט העכער 200 ת"ח כ"י, איז ארויסגעהאָנגען געווארן ספּעציעלע מודעות וואו מ'האט קובע געווען בפקודת הקודש א ספּעציעלע זמן ווען מ'גייט זאגן פון קאפיטל צ' בציבור צוזאמען, ואני תפילתי לך ה' בעת רצון, בזמן שהציבור מתפללין, אַז ס'זאָל זיך פאַראייניגן אין איין מעכטיגער כח התפלה, במקום רינה שם תהא תפלה!

בתוככי אהלה של תורה אין היכל הכולל דקהל ויואל משה דסאטמאר מאנסי, איז כ"ק גאב"ד סאטמאר מאנסי שליט"א פערזענליך אריינגעקומען צו אמירת תהלים און פאָרגעזאָגט תהלים בקול בוכים, אַריינשלעפּנדיג אַלע לומדים אין אַ קאָכעדיגער ברענענדיגער קול תפלה בתחנונים לפני המקום, שירחם עלינו ועל דורותינו, קרע רוע גזר דיננו.

## כלל ישראל זעצט פאָר צו מתפלל זיין, און שטייט מיט אַנטשלאָסנקייט!

אין די יעצטיגע טעג איז כלל ישראל פון איין זייט צעשמעטערט, חרוב און צעבראָכן. ס'רייסט דאָס האַרץ אַז ס'איז געקומען צו אַזאַ מצב, ווען אַדאַנק די מלשינות ומסירות פון אָפּטריניגע אויסווארפן, פינסטערע אַדורכגעפאַלענע עלעמענטן, וועלכע רודערן שוין פאַר יאָרן לאַנג ביי די אינסטאַנצן און ביי די אַלגעמיינע פּרעסע-אָרגאַנען קעגן דעם ריינעם אָפּגעהיטענעם חינוך פון אידישע קינדער, איז ליידער אַריין אין קראַפט אַזאַ פינסטערער געזעץ, וואָס צילט דירעקט דעם שורש פון אידישע קינדער, מיט א קלאָרער מטרה לקעקע ביצתן של ישראל הי' לא תהי'.

אָבער פון דער אנדערער זייט איז כלל ישראל ערוואַכט, פאַראייניגט, מאָביליזירט און אַנטשלאָסן! ווי אַ פאַרוואונדערטער לייב וואָס הויערט און דרימלט, אָבער אַז מ'רירט צו אירע קינדער ווערט זי ערוועקט און וועט צוריקקעמפן מיט ציין און נעגל, אָט אַזוי איז כלל ישראל אַצינד פייער און פלאַקער צו באַשיצן אונזערע דורות! קיין זאַך אויף דער וועלט וועט אונז נישט אָפּשרעקן! קיין סטראַשונקע וועט אונז נישט אָפּשוואַכן! קיינע גיידליינס וועלן אונז נישט אָפּשטעלן! קיינע מסירות וועלן אונז נישט אָפּהאַלטן! קיינע תפיסות וועלן נישט אונז איינשטילן! מיר האָבן אַ תורה הקדושה, מיר האָבן אַ הייליגע מסורה, מיר האָבן ממשיכי המסורה, ולאורם נסע ונלך, לבלתי סור מן הדרך ימין ושמאל!

כלל ישראל ווייסט אַז ס'קומען שווערע צייטן, און כלל ישראל איז גרייט דערויף. מיר וועלן שפּרינגען אין פייער און ימ'ען, אָבער פון אונזער אמונה הטהורה וועט אונז קיינער נישט אַוועקרירן. גזירה הולך וגזירה בא, אָבער די תורה הקדושה בלייבט אַ נצחיות.

יעדער איז מתפלל אַ הייסע תפלה "הי' עם פיפיות שלוחי עמך בית ישראל", די העלדישע עסקנים וועלכע זענען זיך מקריב בלוט און לעבן צו שתדל'ען פאר אונזער קיום ועתיד, זיי רייסן איין בחצרות שרים ורוזנים – בשליחות פון גדולי דורינו ומאורי דרכינו – פאר אונזערע עלעמענטאַרע רעכטן צו ערציען אונזערע קינדער כאשר עם לבבינו, זאָלן מצליח זיין, ותטה לב המלכות עלינו לטובה, ותגזור עלינו גזירות טובות.

ווי דער רועה נאמן כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א האָט קלאָרגעשטעלט אין דער הכרזת מלחמה איז יעדער גרייט בגוף, יעדער איז גרייט בנפש, יעדער איז גרייט בממון, ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך, עדי כדי מסירות נפש, צו באַשיצן און אויסקעמפן אונזערע אייביגע זכותים אויפ'ן חינוך הדורות. און אין דעם זכות אַליין, ווען מיר וועלן צייגן פאַר'ן רבוש"ע, דער אב הרחמים שוכן מרומים, ווי ערנסט מיר מיינען דאָס, ווי מיר זענען כל אשר לנו גרייט אַוועקצושענקען בעד נפשינו, למען כבוד שמו יתברך, ממקומו הוא יפן ברחמיו צוצוהערן אונזער נשמה'דיגן געבעט "קרע רוע גזר דיננו", ויבטל מעלינו כל גזירות קשות ורעות, וכל הרשעה כולה בעשן תכלה, און דאָס וועט מקרב זיין ביאת משיח צדקינו, במהרה דידן, אמן.

**אִם מִזֶּרַ"ע הַיְּהוּדִים לֹא תוּכַל לוֹ! כלל ישראל, אונטער די ערליכע מנהיגי ישראל, פאראייניגט לדורן לתפלה ולמלחמה, מיט מסירת נפש!**

קרית יואל

# וואכנשריפט

KJ · WEEKLY

P.O. Box 113 • Monroe NY 10949 • Tel. 845-774-6234
Fax: 845-501-0246 • E-Mail: ads@kyweekly.com

**נייעס און באריכטן פון קהילות, מוסדות, און וואוילטעטיגע אָרגאַניזאַציעס, מוז אַריינגעשיקט ווערן דורך אי-מעיל, און דערנאָך זיך פאַרבינדן מיט'ן אָפיס פאַר באַשטעטיגונג.**

די מיינונגען פון שרייבער אין אונזער אויסגאַבע, ווי אויך בריוו אין דער רעדאַקציע, שטעלן נישט פאָר די מיינונג פון די רעדאַקציע.

מיר טראָגן נישט קיין אחריות פאַר די כשרות פון אַרטיקלען און פּראָדוקטען וואָס ווערן אַדווערטייזט אין אונזער צייטונג.

## אינהאלט

| | |
|---|---|
| לוח הזמנים לעיר קרית יואל | 21 |
| לוח הלימודים - זכרו | 31 |
| משמרת חומתינו | 64 |
| געזעהן און געהערט | 68 |
| המוסדות | 72 |
| זמני בית הוראה לעיר קרית יואל | 79 |
| אַ בליק אויף די נייעס פון קרית יואל רבתי | 86 |
| אלו ואלו | 94 |
| תפיסה ווענט | 98 |
| במוצאי מנוחה - סליחות | 100 |
| על הצדיקים | 104 |
| זיבעציג יאר פון דעם רבינ'ס נסיעה קיין ארץ ישראל תשי"ב | 107 |
| פון נאַצישן יאָמערטאָל<br>אַ סעריע רירנדיגע זכרונות פון הגאון האדיר רבי פנחס הירשפרונג זצ"ל אב"ד מאָנטרעאָל, איבער די מלחמה יאָרן | 109 |
| שהשמחה במעונם | 111 |

KJ Weekly (USPS #22640) is published weekly by Vuchenschrift Inc. "Periodicals Postage Paid at Monroe, NY" Postmaster: Please send address changes to KJ Weekly, 15 Van Buren Dr. #311 Monroe NY 10950.

שָׁמַעְתִּי אֶת תְּפִלָּתְךָ וְאֶת תְּחִנָּתְךָ אֲשֶׁר הִתְחַנַּנְתָּה לְפָנַי בְּבַיִת הַזֶּה

# הימל־שפּאַלטענדע הייסע תפלות פון טויזנטער תלמידי מוסדות סאטמאר ביי פאָרכטיגן מעמד בקשת רחמים מאָנטאָג אין ביהמ"ד הגדול אין וויליאמסבורג

**פייערדיגע דרשות געהערט פון הרה"ג ר' משה פריעדמאן שליט"א מנהל רוחני, און גבור המערכה הרב החסיד המפורסם ר' משה דוד ניעדערמאן שליט"א**

## פלאַקערדיגע דיבורים פון הגה"צ רבי זלמן לייב פילאפף שליט"א חבר הבד"ץ שטורעמט אויף די הערצער פון די אלפי התשב"ר



אי' שוקל ואי' סופר צו קענען שילדערן דעם רירנדן מעמד הנורא תפלת ובקשת התשב"ר, וואָס איז פאָרגעקומען במקום קודש הקדשים, במקום שהתפללו אבותינו, ביהמ"ד הגדול דקהל יטב לב, וואו אבותינו ורבותינו הק' זי"ע האבן פארגאסן טייכן טרערן על עתיד דורותינו, דער מקום קדוש וואו דער צדיק הדורות ומייסד המוסדות, רבינו הקדוש והטהור זי"ע, האט זיך מתחנן געווען לפני ה' און געלעכערט די קרקע מיט זיינע נחלי דמעות זיך בעטנדיג פאַר'ן עתיד פון כלל ישראל, אָט דאָרט "אל מקומו שואף וזורח" האט מען זיך צוזאמגענומען די טויזנטער קינדערלעך, תלמידיו של רבי, להתחנן לפני ה' אַז די יגיעה וואס רביה"ק זי"ע האט איינגעפלאנצט זאל נישט גיין לריק ח"ו.

בנוסף צו וואָס מ'האָט אין אלע אפּטיילונגען פון די מוסדות איבעראל צונויפגענומען די תלמידים צו זאָגן תהלים, האָט דער רבי שליט"א באַפוילן אַז די עלטערע קלאַסן פון די מוסדות אין וויליאַמסבורג, כתות ז' ח' ט', זאָל מען צונויפברענגען בהיכל הביהמ"ד הגדול און אינאיינעם מתפלל זיין מיט א כח תפלת הרבים ותפלת התשב"ר.

טראָץ וואָס דער מעמד איז פאַררופן געוואָרן אין דער בליץ-איילעניש, ווען ס'איז באַקאַנט געוואָרן איבער די פינסטערע פלענער און כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א האָט אַרויסגעגעבן דעם פקודת הקודש "לך כנוס את כל התלמידים" מיט בלויז געציילטע שעה פריער, האָט די הנהלת המוסדות אינאיינעם מיט די הנהלת הקהילה תיכף זיך אַריינגעוואָרפן צו קאָאָרדינירן די אַלע לאָגיסטישע דעטאַלן.

די געטרייע הנהלת המוסדות האָט פון איין מינוט אויף דער אַנדערער צוגעשטעלט די באָסעס-פלאָטע צו טראַנספּאָרטירן די תלמידים פון אַלע בנינים צום ביהמ"ד הגדול, און די משמשי הביהמ"ד הגדול האָבן געעפנט אַלע זייטיגע שטיבלעך, אַרונטערגענומען די "בית שני" ווענט, אַרויסגענומען דעם באַלעמער פון אינמיטן ביהמ"ד, אַריינגעברענגט נאָך בענק, און איינגערישט דעם גאַנצן היכל פון איין ברעג ביז דער אַנדערער צו אַקאָמאָדירן די אלפי תינוקות של בית רבן וואָס קומען זיך אויסבעטן – און בעטן פאַר אונז אַלע, פאַר גאַנץ כלל ישראל – להעביר את רוע הגזירה.

### "יעצט איז אַן עת לצעוק ולבכות!" – מנהל רוחני הרה"ג ר' משה פריעדמאן שליט"א

געעפענט דעם מעמד האט מיט אַ רירנדע שטימע דער לאַנגיאָריגער מנהל רוחני, הרה"ג ר' משה פריעדמאן שליט"א, מפּארי תלמידי רביה"ק זי"ע, וועלכער איז ארויף אויף די ארון קדוש און מסביר געווען פאר די קינדער פארוואס מען איז זיך צוזאמגעקומען דא. מיט א קול בוכים האָט ער אויסגעשריגן אז די קינדער דארפן וויסן אז "שלמה המלך זאָגט ס'דאָ אַן עת לשתוק ועת לדבר; אָבער יעצט איז נישט קיין עת לדבר, נאָר אַן עת לצעוק ולבכות!

דער מנהל שליט"א האָט מיט זיין ברען ערוועקט די קינדערלעך אַז "מ'דאַרף שרייען, וויינען און בעטן צום הייליגן באַשעפער אַז די גזירות זאָלן בטל ווערן, און מ'זאל ווייטער קענען אנגיין מיט די תורה הקדושה! עטץ דארפטס וויינען און בעטן אז די תשב"ר זאלן קענען בלייבן די זעלבע ווי ביי מתן תורה ביז משיח וועט קומען און אין דעם זכות וועט מען זוכה זיין צו די גאולה שלימה"!

### מיר גייען טון ווי דער רבי שליט"א האָט געזאָגט, האָבן מסירת נפש"! – הגה"צ רבי זלמן לייב פילאף שליט"א, חבר הבד"ץ

דאַן האָט דער מנהל שליט"א אויסגערופן הגאון הצדיק רבי זלמן לייב פילאף שליט"א חבר הבית דין צדק, אַרויסצוברענגען פאַר די טייערע קינדערלעך דעם חובת השעה, זיי זאָלן וויסן אויף וואָס זיי דאַרפן בעטן און מתפלל זיין.

דער חבר הבד"ץ שליט"א האט בקול בכי געשריגן צו די קינדער אז מ'שטייט אַצינד אין אַן עת צרה ליעקב און אַזאַ תפלה ווי יעצט איז לכולי עלמא מן התורה, ס'איז א דאורייתא!

דער גאון וצדיק האט ארויסגעברענגט פאַר די תשב"ר זיי זאָלן וויסן זייער כח פון זייער תפלה און זייער תורה, דאָס גיט די כוח פאר די וועלט זיך צו האלטן, און אין לו להקב"ה בעולמו אלא ד' אמות של הלכה בלבד, וואס דער רבי זי"ע פלעגט זאגן אז "בלבד" מיינט ריינע תורה, ערליכע תורה, וואס דאָס זענען די תינוקות של בית רבן וואָס ביי זיי רועט די שכינה.

"ובפרט מיר האלטן יעצט מינוטן פאר ביאת המשיח, וואס דער שטן פארלייגט זיך אויף די גרעסטע וואס מיר פארמאגן, די חשוב'סטע, דאס זענען די צאן קדשים די הייליגע תשב"ר, דער יצר הרע ווייסט ווער עס זענען די גרעסטע ביי כלל ישראל, די הייליגע קינדער און ער וויל דאָס אפּהאַלטן, דאס איז די גרעסטע חבלי משיח!", האָט ער געזאָגט בקול בוכים.

דאַן האָט דער חבר הבד"ץ שליט"א אויסגעשריגן בקול רעש גדול פאַר די טויזנטער הייליגע קינדער שיחי': "דער רבי זאל זיין געזונט האט שוין נעכטן נאכט מכריז ומודיע געווען אז

מ'וועט זיך גארנישט אונטערגעבן, און אונז זעמיר אלע גרייט צו זיצן אין די תפיסה, אז מ'זאל נישט משנה זיין קיין זיז כל שהוא פון דאס אלעס וואס מיר האָבן מקובל!"

ס'איז דא איין עצה - האט די דיין געשריגן - שטייט אין די וואכענדיגע סדרה ונצעק אל ה' אלוקי אבותינו, מיר דארפן שרייען און בעטן ביים אויבערשטן, דאס איז אונזער עצה, מען גייט זאגן תהלים, די קינדער דארפן שרייען צום רבוש"ע מעומק הלב אז דער אייבערשטער זאל מבטל זיין אלע גזירות, און אז מ'וועט שרייען וועט די אויבערשטער אויסהערן און מבטל זיין די גזירה!

דער חבר הבד"ץ שליט"א האט אויך דערביי אויסגעניצט די געלעגנהייט מעורר צו זיין די הערצער פון די יונגע קינדער שיחי', מסביר געווען פאר די קינדער אז מ'דארף זיך דערווייטערן פון די גוי און פון די דרכי הגוי, און פון אלע גוי'אישע זאכן מ'דארף זיך מקבל זיין פון היינט און ווייטער צו זיין ריין פון די טמא'נע כלים.

"אם תקום עלי מלחמה", האט דער דיין שליט"א געזאגט, אז דער גוי קומט מיט אונז מלחמה האלטן, דארף מען וויסן "בזאת אני בוטח", וואס איז אונזער כח? אז "אחת שאלתי שבתי בבית ה' כל ימי חיי" מיר האבן נאר איין כח, זיצן אין ביהמ"ד, נישט קיין תערובות מיט קיין גוי, און דאס איז די יסוד פונעם לעבן און די סטרא אחרא פארלייגט זיך דערויף און אונז דארף מיר בעטן שבתי בית ה' כל ימי חיי, אונז וויל מיר די ישיבות און תלמוד תורה'ס זאלן זיך קענען האלטן אויף דעם דרך וואס דער רבי זי"ע האט מיט אונז געלערענט, און דאָס וועט אונז באַגלייטן לעד ולנצח, ולא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי.

## "מיר זענען גרייט צו גיין אין די תפיסות"! - שר העסקנים פאַר כלל ישראל הרה"ח ר' משה דוד נידערמאַן שליט"א

דערנאך האט דער מנהל שליט"א אויסגערופן דעם כלל ישראל העלד, דער לעגענדאַרער שר העסקנים ונזר השתדלנים פאַר כל בית ישראל, הרה"ח ר' משה דוד נידערמאַן שליט"א, וואָס איז מקריב חלבו ודמו פאַר יעדע דבר שבקדושה ובפרט אין דעם הייליגן קאַמף וואָס ער גיט אַוועק פאַר דעם טעג און נעכט, בשליחות פון די גדולי ישראל, צו פּרובירן אָפּראַטעווען כלל ישראל פון די שרעקליכע גזירה הנוראה.

דער עסקן הגדול האָט אָנגעהויבן מיט אַ רירנדע שטימע "ס'איז מיר שווער זיך אויפצושטעלן אויף אזא מקום קדוש וואו דער הייליגער רבי זי"ע האט אין די יעצטיגע הייליגע טעג איינגעריסן פאר די גאולה שלימה און מעורר געווען לבבות ישראל, אבער ההכרח לא יגונה, און מ'מוז זאָגן וואָס דאָ גייט פאָר פאַר די טייערע קינדערלעך".

הר"ר משה דוד שליט"א דוד האט אויסגעשריגן "קינדערלעך, וואס האט דער רבי זי"ע געוואלט פון אונז? מיר זאלן מגדל זיין דורות אזוי ווי אינדערהיים! דאס האט דער רבי כסדר געזאגט און געחזרט, די תורה וואס מיר לערנען אין אונזערע הייליגע חדרים זאל זיין אזוי ווי דער רבי זי"ע האט אונז אראפגעשטעלט, און דאָ שטייט מען ליידער ביי אזא גזירה וואָס וויל דאס אויסרייסן, חס ושלום, און מיר גייען דאָ איינרייסן אַז דאָס זאָל נישט קענען מקויים ווערן".

דער העלדישער שתדלן וואָס קעמפט פאַר כלל ישראל מיט אַ מסירת נפש, האָט מיט אַ וויטאָג ערקלערט פאַר די אלפי תינוקות של בית רבן וואו ווייט די גזירה האַלט שוין: "מיר האלטן יעצט אין זייער א שווערער זמן, ליידער ליידער די ערשטע קאמיטע האט שוין געשטימט אז מיר זאָלן מוזן טוישן דעם סדר הלימודים וואס מיר האָבן געהאט עד היום! און דער רבי זאל זיין געזונט וואס בלוטיגט אויפ'ן מצב האט שוין כמ"פ מכריז געווען אז מיר זענען גרייט אויף אלעס בגוף ובממון און מיר גיין נישט משנה זיין א זיז כל שהוא וואס מיר האָבן מקבל געווען אפילו ס'וועט אונז קאסטן תפיסה"!

דאַן האָט דער שר העסקנים והשתדלנים זייער געבעטן די קינדערלעך אויסניצן זייער כח מתפלל צו זיין פאר דעם גמר החותם פון די גזירה. "קינדער דארפן וויסן אז ס'איז שוין געווען גזירות כלי' אויף כלל ישראל להשמיד ולהרוג ולאבד, און מרדכי הצדיק האט בשעתו צוזאמגענומען די קינדער און אזוי אוועקגעשטיפט די גזירה, און די זעלבע זאך טוען מיר אצינד יעצט, דאס איז די איינציגסטע זאך וואס מיר האָבן נאָך, דער הבל פיהם של תשב"ר שאין בהם חטא, דאס איז אונזער כוח! עשה למען תשב"ר! דאס איז געבליבן די זעלבע און אונז דארף מיר זען דאס זאל בלייבן די זעלבע עד ביאת הגואל!

הרה"ח ר' משה דוד שליט"א האָט דערציילט פאַר די טייערע קינדער, אַז כלל ישראל האָט שוין געהאַט שווערע מצבים, מ'איז שוין אַדורך שווערע גזירות, מ'געדענקט דאָ אַליין ווי העכער צען יאר צוריק ווען ס'איז געווען די גזירה פון מציצה בפה אויף ברית מילה, האט מען שוין ממש געהאלטן ביי א מצב אז מ'וועט דארפן מאכן בריתן אין קעלערן באהאלטענערהייט, אָבער ברוך השם תפילות ישראל עושה רושם און די גאנצע גזירה איז בטל געווארן אפילו נאך ס'איז געווען פארשריבן, און יעצט וועט אויך אזוי זיין בעזר ה'! מיט'ן כח פון די תפלות התשב"ר וועט אי"ה אַלעס בטל ומבוטל ווערן, און כלל ישראל וועט זיגן אין דעם קאמף!

## קול ברמה נשמע נהי בכי תמרורים: די האַרץ-רייסנדע תפלות ותחנונים פון די תשב"ר

נאָכ'ן הערן אַזעלכע האַרץ-רייסנדע דיבורים, האָבן אַלע קינדער זיך אויפגעשטעלט, און אינאיינעם מיט'ן גרויסע רועה נאמן ומנהיג קהל עדתינו כ"ק מרן רבינו שליט"א האָט מען אָנגעהויבן איינרייסן באמירת פּרקי תהלים, די קאפיטלעך פון צ' ביז ק"ז, מיט אַזאַ ברען, און מיט אַזאַ קול אדיר וחזק, אַז ס'האָט בלי ספק דורכגעלעכערט טויען און מויערן בשמי מרומים.

דאַן האָט רבינו שליט"א באַפוילן אַז מ'זאָל זאָגן די פינף קאַפּיטלעך תהלים ח' י' כ' פ"ג ל' וואס רבינו שליט"א האט מעורר געווען צו זאגן די לעצטע צייט זייט ס'האט זיך אנגעהויבן די גזירה. ס'איז געווען רירנד צו זען ווי אידן וואָס האָבן זיך געפינען אין בנין הביהמ"ד זענען אַריינגעקומען אין היכל הגדול און מיטגעזאגט אינאיינעם מיט די קינדערלעך, פאָרמירנדיג אַזאַ געוואַלדיגער כח תפלת הרבים.

דערנאָך האָט מען מכבד געווען דעם חשוב'ן שליח ציבור הרה"ג ר' אנשיל וואלטער שליט"א, דער קביעות'דיגער בעל תפלה אויסצוזאָגן תהלים אין ביהמ"ד הגדול, ער זאָל פאָרזאָגן "שיר המעלות ממעמקים קראתיך ה'" אויף דעם ימים נוראים'דיגן נוסח, וואָס די טויזנטער קינדערלעך האָבן אויסגעשריגן בקול בכי פּסוק ביי פּסוק, וואָס האָט בוקע רקיעים געווען.

דמעות של התרגשות האָבן זיך געגאָסן ביי די אידן וואָס זענען אָנוועזנד געווען. מ'האָט זיך געווישט די טרערן צו הערן ווי די ריינע לויטערע תשב"ר בעטן זיך "קויתי ה' קותה נפשי ולדברו הוחלתי"! וואָס בעטן זיך דען די קליינע קינדערלעך? זיי האָפן צום הייליגן באַשעפער, זיי בעטן, נפשי לה', אַז זיי ווילן קענען ווייטער לערנען תורה אומגעשטערט, אומגעטוישט, ולדברו הוחלתי!

## "קינדערלעך, דער אויבערשטער וויינט מיט אינאיינעם מיט ענק!"

פאַר מ'האָט צוגעטרעטן צו זאָגן דעם "יהי רצון" אחר אמירת תהלים, האט דער מנהל הרה"ג ר' משה שליט"א ווידער גענומען דאָס וואָרט, און בנוכחת פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א פארגעזאגט דעם מדרש וואס שטייט ביי די מעשה פון פורים, ווען המן האט ארויסגעגעבן די גזירה, אין די טויזענטער קינדערלעך האבן צוזאמען מיט מרדכי הצדיק איינגעריסן מיט בכיות, אז אויב ס'וועט נישט זיין קיין קליינע קינדער וואס וועלן לערנען תורה וועט אלעס בטל ווערן!

מרדכי הצדיק האָט געזאָגט: איין זאך וואס אונז האב מיר איז די געוויין פון די קליינע קינדער! ביז דער אייבערשטער האט געזאגט מה קול הצאן הזה באזני! שטייט דאָרט "שמעתי לקול" פון די קליינע קינדער און דער אויבערשטער וויינט אויך מיט, "ותרד עיני דמעה", און ווען דער רבוש"ע וויינט מיט די צאן קדשים דעמאָלט צערייסט ער אַלע גזירות.

דערמיט האָט דער מנהל שליט"א געבעטן אז די קינדער זאלן איינרייסן אין דעם מקום קדוש און אזעלכע הייליגע טעג, און ס'זאל שוין זיין תכלה שנה וקללותי' ותחל שנה וברכותי'.

די הימלען האָבן געוויס מיטגעוויינט ווען די אלפי תינוקות של בית רבן האָבן מיט זייערע ריינע קעלעכלעך און מיט טרערן אין זייערע אויגן אויסגעשריגן די י"ג מדות של רחמים "ה' ה' קל רחום וחנון", נאָכגעפאָלגט צו "אבינו מלכנו" און דאַן צו "פסוקי קבלת עול מלכות שמים", ווען עס שפּירט זיך אין די הערצער ווי מ'שטייט יום הקדוש ביי נעילה, מיט ריינע אויסגעלייטערטע הערצער, והן קל כביר לא ימאס תפלת רבים ותפלת התשב"ר.

ס'נישט מעגליך צו באַשרייבן דעם התעוררות און די טייכן טרערן וואָס איז פארגאסן געווארן אין יענע צוויי שעה אויף דעם מקום קדוש דורך די טויזענטער תשב"ר וואס האבן געבעטן רחמים ותחנונים עליהם ועל כל בית ישראל.

ס'האָט יעדער וואָס האָט זוכה געווען אָנוועזנד צו זיין בהאי מעמד נורא געהאַט די הרגשה אַז דער צדיק בשמי מרומא עלאה כ"ק מרן רבינו הקדוש זי"ע האָט מיטגעוויינט און מתפּלל געווען ביים כסא הכבוד אינאיינעם מיט זיינע ליכטיגע קינדערלעך, בנים חביבים הקרויים בנים, וואָס ווערן נתחנך על ברכיו אין זיינע מוסדות הק' וואָס ער האָט מיט אַזויפיל מסירת נפש אויפגעבויעט, און די הייליגע תפלות וועלן נישט צוריקקומען ריקם, נאָר ס'וועט ברענגען אַ ישועה פאַר גאַנץ כלל ישראל להעביר את רוע הגזירה, ולעמך ישראל עשית תשועה גדולה ופורקן כהיום הזה!

**לכו וחזרו על בתי כנסיות ובתי מדרשות שלהם, אם מצאתם שם תינוקות מצפצפין בקולם אין אתם יכולים להם, שכך הבטיחן אביהם "הקול קול יעקב וגו' כל זמן שקולו של יעקב מצפצף אין הידים ידי עשו!**





# ניו יאָרק טיימס קומט אַרויס דעם זונטאָג מיט אַ העסליכע אַטאַקע אויפ'ן ערליכן חינוך און יהדות החרדית בכלל

ניו יאָרק - דעם זונטאָג - סעפּטעמבער 11, ווען ניו יאָרק האָט אָפּגעצייכנט דעם יאָרטאָג פון די ביטערע טעראָר אַטאַקע אויף ניו יאָרק, האָט דאָס יהדות החרדית אין ניו יאָרק זיך געטראָפן אונטער אַ גאָר שווערע אַטאַקע אויף איר עקזיסטענץ. די ניו יאָרק טיימס איז ערשינען מיט אַן ערשטן בלאַט אַטאַקע אויף די מוסדות התורה און דעם חרד'ישן אידענטום בכלל.

"חסידישע מוסדות געבן נישט קיין עדיוקעשאָן, אבער באקומען א שפע פון רעגירונגס געלטער," האָט זיך געלייענט דער קעפּל, אויף וועלכע עס אַרבעטן שוין אַ גרופּע שרייבער פון די צייטונג פאַר איבער אַ יאָר.

"די שרייבער לייגן אַראָפּ דעם אידישן חינוך מיט גאָר שוואַרצע פאַרבן, און אַז די קינדער קומען אַרויס נישט קענענדיג קיין שפּראַך אָדער רעכענען זאָגנדיג אַז "בשעת מ'לערנט ווייניג ענגליש און רעכענען, און כמעט גארנישט קיין סייענס אדער היסטאריע, לערנט מען און חזר'ט מען מיט די קינדער אן אויפהער, טיילמאל שטרענג און ברוטאל, די שיעורים פון לימודי קודש." איגנאָרירנדיג די פאַקטן אַז דער חרד'ישער ציבור איז שיין מצליח מיט פרנסות, זאָגט דער שרייבער אַז דאָס האַלט דעם ציבור אַרבעטסלאָז און אָנגעוויזן אויף נדבות.

דער אַרטיקל, באַזירט אויף פאַרביטערטע פאַרפאַלענע וואָס האָבן געהאַט פאַרשידענע שוועריקייטן, שטעלט אַהער אַזעלכע פאַרלוימדונגען ווי גלייך מ'שלאָגט קינדער מיט אכזריות, און אַז די באַאַמטע פאַרקוקן באַשולדיגונגען אויף ישיבות צוליב דעם שטאַרקן בלאַק-וואָוט. זיי שעמען זיך אָנצוהענגען זייערע פּראָבלעמען מיט דראָגס א.ד.ג. אויפ'ן חינוך, ווען אין פאַקט זענען די איבלעגישן כמעט נישט פאַראַן ביים חרדיש'ן ציבור.

די צווייט הויפּט שרייבער זענען לײדער מזרע ישראל, אַ שאַפּיראָ - זייער עדיוקעישאָן שרייבער וואָס עס איז שוין יאָרן וואָס זי באַהאַלט נישט איר גיפט קעגן ישיבות - און אַ ראָזענטאַל.

צו זען וואָס עס דרוקט זיי באמת, איז גענוג צו ליינען דעם פאָלגנדן פּאַראַגראַף:

עס זענען פארהאן ארום 200,000 חסידישע אידן אין ניו יארק, אויסמאכנדיג בערך 10 פראצענט פון דער אידישער באפעלקערונג אין דער שטאט. זיי זענען אַנדערש פון מאדערן-ארטאדאקסישע אידן און אנדערע וואס האלטן זיך אויך שטרענג צו דער אידישער הלכה אבער נעמען אויך אריין די היינטיגע וועלט אין זייערע לעבנס. חסידים גייען אנגעטון אין די זעלבע באשיידענע מלבושים ווי זייערע זיידעס, און רוב וואוינען אין געגנטער וואס זענען מער ווייניגער אפּגעזונדערט פון דער פרייער גאס, זייענדיג איבערגעגעבן צו אנהאלטן דורות-אלטע טראַדיציעס, לויטעט דער אַרטיקל - וועלכער איז אויך איבערגעזעצט אין 'אידיש' צו געבן אַ געלעגנהייט פאַר די 'נעבעכדיגע קרבנות' צו ליינען דעם אַרטיקל, ווי גלייך דער ציבור קען נישט ליינען קיין ענגליש.

דער אַרטיקל ברענגט פון ריטשאַרד באַמבערגער - דער פירשפּרעכער פון פּערל"ס - וועלכער האָט אָפּגעשלאָגן די פאַרלוימדונגען. ווי אויך ציטירן זיי פון אַ לאָיער פון 'צדק' וועלכער האָט געשיקט אַ בריוו אָפּצושלאָגן די באַשמיצונגען.

רעאַגירנדיג צו די באַשולדיגונגען פון פיזישע אַטאַקעס אין ישיבות, האָט מר. באַמבערגער פון פּערלס אָנגעוויזן אַז עס איז פאַלש, אָבער האָט צוגעלייגט אַז אפילו אַז "עס זענען געווען א טוץ אנגעבליכע אינצידענטן צווישן הונדערטער מוסדות במשך א תקופה פון צען יאר, איז דאס א פיל בעסערע סעיפטי רעקארד אין פארגלייך צו רוב שולעס," האט ער געזאגט. ער האָט זיי אָנגעוויזן אויף די גרויסע צאָל געוואַלדטאַטן אינערהאַלב פּובליק שולעס.

דער אַרטיקל לייגט אַראָפּ אַז די גרעסטע מוסדות איז סאַטמאַר, וועלכע שטעלט דער



"All the News That's Fit to Print"

The New York Times

Late Edition

VOL. CLXXI . . . No. 59,543 NEW YORK, SUNDAY, SEPTEMBER 11, 2022

UKRAINE RECLAIMS KEY EASTERN CITY, RESHAPING BATTLE

A Setback for Putin on Several Fronts

Izium Falls in Rapid Military Offensive

Failing Schools, Public Funds

Hasidic Students in New York State Are Deprived of Basic Skills

טאָן פון זיין אָפּגעשיידט פונעם גאַס. בלית ברירה אַנערקענען זיי אַז קינדער לערנען גרונטליך און באַקומען אַסאַך ידיעות פון די תורה, אָבער זיי ברענגן געוויסע צעטלעך פון קינדער וואָס ווייזן אַ שוואַכע קענטעניס אין ענגליש, און באַשולדיגן אויך אַז קינדער קענען נישט געהעריג רעכענען. עס באַקלאָגט זיך אויך אַז מ'צענזורירט ביכער פון אומריינע זאַכן, אָן ערקלערן פאַרוואָס דאָס דאַרף זיין אַ פּראָבלעם - אָבער עס איז קלאָר אַז די קינדער ווערן אויפגעצויגן פאַנאַטיש אין זייערע אויגן.

דער טיימס זוכט אָנצורייצן דעם המון עם דורך צוזאַמענרעכנען וויפיל ישיבות האָבן באַקומען במשך יאָרן אין פאָנדינג. טראָץ וואָס זיי אַנערקענען אַז עס איז פיל ווייניגער ווי פּובליק שולעס, נוצן זיי דעם פאַקט אַז פּובליק שולע פאָנדינג איז געשניטן געוואָרן אין די לעצטע יאָר - ווייל די צאָל קינדער זענען דראַסטיש געפאַלן זינט קאָוויד - ווי אָנצודייטן אַז ישיבות נעמען צו זייערע געלטער.

דאָס איז טראָץ דער פאַקט אַז דאָס ביסל הילף וואָס זיי רעכענען דאָרט אויס קומען נישט פון די לאָקאַלע עדיוקעישאָן קאַסע, נאָר פון טשיילד קעיר, לאָנטש פּראָגראַמען, קאָוויד געלטער און אַנדערע פעדעראַלע קוועלער, און טייל דערפון קומט אפילו בכלל נישט אָן אין די באַנק קאָנטעס פון די מוסדות, נאָר גייט דירעקט צו די פירמעס וואָס שטעלט צו ספּעציעל סערוויסעס פאַר תלמידים. אָבער גיי רעד מיט זיי לאָגיק, אַז מ'קען רייצן דערמיט דעם המון עם קעגן די חסיד'ישע פּאַראַזיטן.

ווייטער לייגט אַראָפּ דער טיימס, ווי אַזוי עסקנים, נוצנדיג די פאַראייניגטע שטימע פונעם ציבור, האָבן דאָס גענוצט צו דערשטיקן יעדע אויספאָרשונג:

עס ווייזט אַז דער געוועזענער גאָווערנאָר קאָומאָ, ווען ער איז געקומען אויף אַ באַזוך אין 2018, "האט ער געזאגט פאר כ"ק מרן אדמו"ר מסאַטמאַר שליט"א אז ער וועט זיך נישט אריינמישן אינעם ערליכן חינוך, לויט באריכטן אין דער היימישער פּרעסע. קורץ דערנאך האט ער באקומען די אינדארסירונג פון דער קהילה." און אַז גאָווערנאָר האָקול האָט דאָס זעלבע פאַרשפּראָכן, לויט אַ באַריכט, דורכאויס איר באַזוך אין וויליאַמסבורג.

עס באַשולדיגט ווייטער אַז ניו יאָרק סיטי - וועלכע האָט געעפנט אַן אויספאָרשונג נאָך 2015 קאָמפּלעינטס - האָט זיך געלאָזט מאַנעווירן פון פּערל"ס און איר לאָיער אַבי שיק.

"דער לאיער, אבי שיק, איז געווען א געוועזענער דעפּיוטי סטעיט אטוירני דזשענעראל וועלכער האט זיך ערווארבן א רעפּוטאציע אלס אן אויסערגעווענליכער לאָיער אין געריכט," זאָגט דער אַרטיקל. עס באַשולדיגט אַז שיק האָט מאַנעווירט די סיטי אינספּעקציעס און אָפּגעהאַלטן פון די סיטי צו שרייבן די סטעיט וועלכע מוסדות קומען נישט נאָך די געזעצליכע סטאַנדאַרטן.

דער אַרטיקל, פון וועלכע מיר ציטירן בלויז קליינע טיילן, איז געצילט אויפצורייצן דעם דעת הקהל, דוקא ווען די רידשענטס האָבן געזאָלט אַרויסגעבן די רעגולאַציעס.

במשך איבער דעם יאָר וואָס דער אַרטיקל ווערט אָנגעגרייט האָבן די געטרייע עסקנים און פּערל"ס מידיאַ פאָרשטייער אָפּגעהאַלטן צענדליגער געשפּרעכן מיט די נ.י. טיימס, זיי געוויזן די ערליכע ביזנעסער און ביזנעס קאָנפערענץ ביים ציבור - אַריינגערעכנט די סאַטמאַר עקספּאָ וואָס איז לעצטנס פאָרגעקומען מיט די באַטייליגונג פון טויזענטער געלונגענע בעלי פרנסה - און מ'האָט זיי אויך אָנגעבאטן זיי צו פאַרבינדן מיט ביזנעסלייט און די צענדליגער טויזנטער צופרידענע עלטערן צו הערן וואָס זיי זאָגן צום חינוך.

צום באַדויערן האָבן זיי בלויז ציטירט עטליכע פּאַראַגראַפן אויף יוצא צו זיין, און ענדערש געגעבן דעם וואָרט פאַר דערביטערטע מענטשן, רוב פון זיי האָבן נעבעך זייטיגע פּראָבלעמען, וואָס האָט זיי געהאָלפן אַהערשטעלן די געשיכטע וואָס זיי האָבן געוואָלט.

אין די טעג בעפאָר דער אַרטיקל איז ערשינען איז אויך ערשינען איין גאָר שטאַרקער לייט-אַרטיקל פון אַסעמבלימאַן ר' שמחה אייכענשטיין, אָפּצוענטפערן די אַטאַקעס.

דער אַרטיקל איז ליידער אַ שווערע אַטאַקע אויף כלל ישראל, און העצט אָן רעגירונג באַאַמטע און דעם דעת הקהל קעגן דעם חרד'ישן ציבור, אָבער מ'איז מתפלל אַז עס זאָל מקויים ווערן עוצו עצה ותופר דברו דבר ולא יקום כי עמנו ק-ל.

## פּאָליטישע רעאַקציעס

די טיימס און די פּרעסע האָבן זינט די ערשיינונג פונעם אַרטיקל זיך גענומען שיקאַנירן יעדן באַאַמטער אַרויסצוקומען קעגן ישיבות, און עס איז געקומען געמישטע רעאַקציעס. בעת פילע באַאַמטע האָבן גענומען שטעלונגען קעגן ישיבות אין אַן אַרטיקל אין ניו יאָרק טיימס, אַ שטייגער ווי קאָנגרעסמאַן נאַדלער, און דזשעפריס, און דער ניי-נאָמירטער קאָנגרעסמאַן גאָלדמאַן - וואָס אַלע פאַרטרעטן חרד'ישע געגנטן, האָבן געציילטע אַנדערע זיך געשטעלט אויפ'ן זייט פונעם חרד'ישן ציבור.

דער רעפּובליקאַנער גאָווערנאָר-קאַנדידאַט זעלדין האָט זיך זייער שטאַרק אַרויסגעשטעלט פאַר די רעכט פון עלטערן צו ערציען זייערע קינדער לויט זייער באַגער; דאָס זעלבע האָט דער סטעיט סענאַטאָר מאַטרוטשי, און אַסעמבלי מיטגליד בראַבענעק. דער חרד'ישער ציבור האָט אויך באַקומען שטיצע פונעם נאַציאָנאַלן פיגור, טעקסאַס סענאַטאָר טעד קרוז.

עס זענען אָבער אויך געווען דעמאָקראַטישע באַאַמטע וועלכע האָבן זיך פּאָזיטיוו אַרויסגעשטעלט פאַר'ן ציבור, אַ שטייגער ווי ברוקלין באָראָ פּרעזידענט ענטאָניאָ ריינאָסאָ, וועלכער האָט אָנגעוויזן אַז דער חסיד'ישער ציבור איז אַ המשך פונעם אַלטער היים וואָס איז אויסגעמעקט געוואָרן פון די האָלאָקאָוסט, און ער שטייט דאָ צו העלפן דעם ציבור, און איז דערפאַר מיאוס אַטאַקירט געוואָרן פאַר נישט פאַרדאַמען אונזער ציבור.

גאָר שטאַרק איז באַגריסט געוואָרן די סטעיטמענט פון מעיאָר עריק עדעמס, וועלכער האָט דרייסט אָפּגעענטפערט פראַגעס מיט זאָגן אַז ער קימערט זיך נישט וואָס די ניו יאָרק טיימס זאָגט. די סיטי קוקט אַריין אין די אישו שוין פאַר יאָרן, און ער וועט קוקן אויף דעם. מעיאָר עדעמס האָט זיך שטאַרק אַרויסגעשטעלט אין לויב פון די ישיבות און די הצלחה פונעם ציבור, און דער חרד'ישער ציבור קומט אים אַ האַרציגן דאַנק.

גאָווערנאָר האָקול האָט זיך אויך אָפּגעהאַלטן פון אַרויפשפּרינגען אויפ'ן וואָגן נישט אַראָפּצורייסן דעם ציבור און די ישיבות, אָנווייזנדיג אַז די SED איז אַ זעלבסטשטענדיגע קערפּערשאַפט וועלכע מאַכן זייערע אייגענע באַשלוסן און זי האָט נישט קיין דירעקטן וואָרט דערויף. קומענדיג פון די פירער פון די דעמאָקראַטן אין ניו יאָרק, אין אַ צייט ווען בייזע ווינטן בלאָזן קעגן אונז, איז דאָס אויך אין פּלאַץ צו נאָטירן.

סענאַט מאַיאָריטעט פירער שומער און סענאַטאַר דזשיליבראַנד האָבן זיך אויך אַנטזאָגט זיך צוצושטעלן צום כאָר פון די וואָס רייסן אַראָפּ דעם חרד'ישן ציבור.

צווישן די וואָס האָבן זיך צום באַדויערן געלאָזט און געגעבן סטעיטמענטס אַז מ'דאַרף רעכטשטעלן אונזער חינוך, זענען אויך די וויליאַמסבורגער סטעיט סענאַטאַר דזשוליע סאַלאַזאַר און אַסעמבלימיטגליד גאַלעגער. בעת זיי האָבן זינט זייער ערוויילונג ערוואָרבען מער פאַרשטענדעניש פונעם ציבור, איז ווייטאָגליך צו זען אַז זיי לאָזן זיך באַאיינפלוס פון די העצערייען. דאָס זעלבע האָט מען אויך געהערט אומגונסטיגע סטעיטמענט קאָמפּטראָלער ברעד לענדער.

עסקנים און פּערל"ס לייגן אַריין שעות אָפּצושלאָגן די העצערייען און אויפווייזן ווי פאַלש די באַשולדיגונגען זענען.

בס"ד

### לוח הזמנים לעיר קרית יואל כי תבא - נצבים תשפ"ב

| פרשה | יום | יום לחודש | פרשיות ימים טובים | עלות השחר | הנץ החמה | סוף זמן ק"ש מג"א | סוף זמן תפלה מג"א | סוף זמן תפלה גר"א | חצות היום | מנחה גדולה מג"א | סוף זמן מוסף מג"א | מנחה קטנה מג"א | פלג המנחה מג"א | הדלקת הנרות | שקיעת החמה | צאת הכוכבים ר"ת | Day Month |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| כי תבא | חמישי | יט אלול | | 5:25 | 6:37 | 9:08 | 10:22 | 10:46 | 12:52 | 1:29 | | 5:12 | 6:45 | | 7:06 | 8:18 | Sep. 15 |
| | ששי | כ אלול | | 5:26 | 6:38 | 9:08 | 10:22 | 10:46 | 12:51 | 1:29 | | 5:11 | 6:44 | 6:49 | 7:04 | 8:17 | Sep. 16 |
| | שבת | כא אלול | פרק ג - ד | 5:27 | 6:39 | 9:08 | 10:22 | 10:46 | 12:51 | 1:28 | 2:05 | 5:10 | 6:42 | | 7:02 | 8:15 | Sep. 17 |
| נצבים | ראשון | כב אלול | משכימין לסליחות | 5:28 | 6:40 | 9:09 | 10:22 | 10:46 | 12:51 | 1:28 | | 5:09 | 6:41 | | 7:01 | 8:13 | Sep. 18 |
| | שני | כג אלול | | 5:29 | 6:41 | 9:09 | 10:23 | 10:47 | 12:50 | 1:27 | | 5:08 | 6:40 | | 6:59 | 8:11 | Sep. 19 |
| | שלישי | כד אלול | | 5:30 | 6:42 | 9:09 | 10:23 | 10:47 | 12:50 | 1:27 | | 5:07 | 6:38 | | 6:57 | 8:10 | Sep. 20 |
| | רביעי | כה אלול | | 5:31 | 6:43 | 9:10 | 10:23 | 10:47 | 12:50 | 1:26 | | 5:05 | 6:37 | | 6:56 | 8:08 | Sep. 21 |
| | חמישי | כו אלול | | 5:32 | 6:44 | 9:10 | 10:23 | 10:47 | 12:49 | 1:26 | | 5:04 | 6:35 | | 6:54 | 8:06 | Sep. 22 |
| | ששי | כז אלול | | 5:33 | 6:45 | 9:10 | 10:23 | 10:47 | 12:49 | 1:25 | | 5:03 | 6:34 | 6:37 | 6:52 | 8:05 | Sep. 23 |
| | שבת | כח אלול | פרק ה - ו | 5:34 | 6:46 | 9:11 | 10:23 | 10:47 | 12:49 | 1:25 | 2:01 | 5:02 | 6:32 | | 6:50 | 8:03 | Sep. 24 |

סוף זמן קרי"ש לשיטת הגר"א מאוחר 36 מינוט | מנחה גדולה לשיטת הגר"א מוקדם 6 מינוט | סוו"מ מוסף לשיטת הגר"א מוקדם 12 מינוט | מנחה קטנה לשיטת הגר"א מוקדם 42 מינוט | פלג המנחה לשיטת הגר"א מוקדם 57 מינוט

לע"נ הרה"ח ר' יצחק מאיר ב"ר משה ע"ה (שפירא)

צו באקומען די לוח שיקט אן אימעיל צו KJLIACH@GMAIL.COM

גאסט עדיטאריעל

# מיר שטאָלצירן!

## מיר האָבן נישט פאַרוואָס אָדער פאַר וועמען זיך צו שעמען!

דעם זונטאָג איז דעם נ.י. טיימס' הויפט אַרטיקל באַשטאַנען פון אַ העסליכע אַטאַקע אויף אונזערע בתי חינוך - ליבערשט געזאָגט אויף אונזער עקזיסטענץ. דער אַרטיקל טראָפט מיט האַס צווישן די שורות אויפ'ן ערליכן אידענטום און אידישקייט, אונטער'ן שלייערן פון באַנעבעכן אונזערע קינדער, און ערוואַקסענע וואָס זענען אַמאָל נתחנך געוואָרן אין 'חסיד'ישע' בתי חינוך אַלס: "דורות פון קינדער ווערן סיסטעמאַטיש צוריקגעוויזן אַ יסודות'דיגע ערציאונג וואָס כאַפּט זיי אַריין אַ ציקל פון אַרבעטסלאָזיקייט און אָרימקייט."

דער ענטפער פון כלל ישראל איז: מיר שטאָלצירן!

מיר האָבן נישט פאַרוואָס אָדער פאַר וועמען זיך צו שעמען!

עס איז מער ווי אַ יאָר, אויב נישט יאָרן, וואָס די שרייבער - אָנגעהעצט פון די טרויעריג-באַרימטע גרופּע אַוועקגעגליטשטע וועלכע האָט זיך אויפגעשטעלט חרוב צו מאַכן אונזער ערליכן, ריינעם חינוך - האָבן זיך אַרויסגעלאָזט זוכן שמוץ אויף די בתי חינוך. סך הכל האָבן זיי געטראָפן געציילטע געוועזענע תלמידים וועלכע האָבן געהאַט טענות אַז מ'האָט זיי נישט אָנגעגרייט פאַר די ערוואַקסענע יאָרן.

ס'איז נישט קיין חידוש אז פון די הונדערטער טויזנטער וואס זענען אַרויסגעקומען פון ישיבות, זענען פאַראַן אַ מיעוטא דמיעוטא וואָס זענען נעבעך אַרויסגעפאַלן און באַשולדיגן יעדן פאַר זייערע פּראָבלעמען - דער אייבערשטער זאָל זיי אוודאי העלפן זיך צו סטאַביליזירן און צוריקקומען. כי לא ידח ממנו נדח. עס איז אַ רחמנות אויף זיי.

דער אַרטיקל איגנאָרירט די הערליכע פירות וואָס אונזערע בתי חינוך געבן אַרויס, פון וועלכע די אַלע אַלגעמיינע פּובליק שולעס קענען זיך פאַרשטעקן.

מיר שטאָלצירן מיט בתי חינוך:

- **פון וועלכע רובא דרובא - קלאָר איבער 90 פּראָצענט - זעצן פאָר אויפצושטעלן געזונטע משפחות, און געבן זיך אָפּ געטריי מיט זייערע קינדער;**
- **וועלכע געבן אַרויס אָרענטליכע בירגער וועלכע ווייסן נישט פון קיין מערדערייען אָדער געוואַלדטאַטן ח"ו;**
- **וועלכע געבן אַרויס באַזעצענע מענטשן פון וועלכע גאָר ווייניג פאַלן אַריין מיט פאַרטייבנדע דראָגס און אַנדערע איבלענישן;**
- **וואו ממש יעדער האָט וואו צו וואוינען און דאַרף חלילה נישט אָנקומען צו קיין שעלטער;**
- **וועלכע דאַרפן נישט קיין מעטאל דעטעקטארס ביי די בתי חינוך און מ'טרעפט נישט קיין וואפן ביי די קינדער ח"ו;**
- **וועלכע געבן אַרויס תלמידים וועלכע קענען נישט איין שפּראַך, נאָר דריי-פיר, און פיר-פינף סאָרטן שריפטן, און יאָ, זיי קענען די לאַנד'ס שפּראַך אפילו מ'רעדט דאָס נישט אין שטוב, נישט אויפ'ן גאַס און נישט דעם גרעסטן טייל פונעם טאָג;**
- **וועלכע גיט אַרויס תלמידים וועלכע נוצן מחשבה, טראַכטן טיף און קענען פיין רעכענען;**
- **וועלכע געבן אַרויס געלונגענע ביזנעסלייט און געשעפטסלייט וועלכע זענען ב"ה שיין מצליח אין אַזוי פיל עקאָנאָמישע געביטן;**
- **וועלכע געבן אַרויס פּראָפעסיאָנאַלע אַרבעטער, זאָל עס זיין אויפ'ן פעלד פון קאָמפּיוטערס, אַקאַונטינג, פינאַנץ און אינשורענס, אי.-קאָמערץ, שיפּינג, קאָנסטראָקשען, עקספּאָרט-אימפּאָרט, עלעקטראָניקס, און אין וואָס נישט;**
- **וועלכע האָבן אַרויסגעגעבן ביזנעס מאַגנאַטן וועלכע פאַרדינען פיל מער ווי זייערע קאָלעדזש-גראַדואירטע, הויך-געבילדעטע אַקאַונטענטס און לאָיערס וואָס זיי באַשעפטיגן;**
- **וואו די תלמידים רעספּעקטירן עלטערע פון זיי;**
- **וואָס געבן אַרויס מענטשן וואָס רייסן אַראָפּ פון זייער פרייע צייט צו וואַלונטירן פאַר הצלת נפשות, דורך חברה הצלה, חברה שומרים צו העלפן באַשיצן די געגנט, צי חברים מיטגלידער וועלכע העלפן מענטשן אין נויט, ביקור חולים אין שפּיטעלער, צי צו טראָגן עסן פאַר נויטבאַדערפנע משפחות בדרך כבוד, גמ"ח'ן צו העלפן מיט הלוואות, מעדיקעל רעפעראל אָרגאַניזאַציעס, חסד דרייווערס וואָס טראָגן חולים ומשמשיהם א.א.וו. מענטשן וואָס געבן זיך אָפּ מיט ספּעציעלע קינדער;**
- **וועלכע געבן אַרויס פירות וועלכע זייך אוועק פאַר אַ צווייטן אין נויט און טיילן אַסטראָנאָמישע סומעס צדקה;**
- **און אוודאי שטאָלצירן מיר מיט בתי חינוך וואָס געבן אַרויס ערליכע אידן, וועלכע האַלטן זיך צו מסורת אבות און גייען און די פּיסטריט פון די עלטערן און אור-עלטערן;**
- **וואָס געבן אַרויס מארי מקרא, מארי משנה, תלמידי חכמים וואָס זענען עוסק אַגאַנצן טאָג אין העכערס, אין הוויות דאביי ורבא, שווערע מקצועות און שולחן ערוך;**
- **וואָס געבן אַרויס מחנכים וואָס זייער גאַנצע שאיפה איז מחנך צו זיין צעירי הצאן, בחורי חמד, אָדער בנות ישראל;**
- **וואָס געבן אַרויס כלי קודש, שוחטים, סופרים, בעלי מכשירים און משגיחים, א.א.וו. צו העלפן דעם ציבור מיט תורה ומצוות.**

און די ליסטע מיט וואָס מיר שטאָלצירן איז נאָך אַ לאַנגע.

מיר דאַרפן זיך נישט שעמען פון די אַלעמיינע שולעס וועלכע:

- **האָבן אַ הויכע פּראָצענט קינדער (מער ווי 425,000 קינדער דורכאויס די סיטי אין 2018) וואָס האָבן נישט קיין צוויי עלטערן צו וועמען אַהיימצוגיין;**
- **פּראָדוצירן אַ באַדייטנדע ראַטע פון ווילדע קרימינאַלן (לויט אַ 2016 באַריכט האָבן 2.3 מיליאָן ניו יאָרקער געהאַט אַ קרימינאַלע היסטאָריע און איבער 337,000 ניו יאָרקער זענען אמאָל געווען אין תפיסה);**
- **האָבן אַ הויכע ראַטע וועלכע פאַלן אַריין אין דראָגס (כמעט א צענטל פון ניו יארקער האָבן אין 2010 גענוצט אומלעגאַלע דראָגס יענעם חודש, און די ציפער איז שוין היינט מסתמא העכער, און דורכאויס דעם לעבן זענען פיל מער פאַרפלאָנטערט דערין), און מ'דאַרף דאָס גאָר לעגאַליזירן פאַר זיי;**
- **האָבן אַ גרויסע צאָל היימלאָזע, וואָס קומען פון שעלטערס און קומען אָן אין שעלטערס אָדער אויף דער גאַס;**
- **וואו מ'דאַרף אַוועקשטעלן מעטאַל דעטעקטאָרס כדי צו פאַרזיכערן אַז די קינדער קומען נישט מיט קיין געווער (טויזנטער 'וואָפנס' זענען בלויז היי-יאָר קאָנפיסקירט געוואָרן אין ניו יאָרק סיטי פּובליק שולעס);**
- **וועלכע גיט ארויס אַ ריזיגע צאָל סטודענטן אָן קיין ווירדע אָדער מענטשליכקייט;**

און די ליסטע פון וועמען און וואָס מיר האָבן זיך נישט צו שעמען איז נאָך זייער לאַנג.

וואָס? פאַר וועמען דאַרפן מיר זיך פאַרענטפערן? צו וועמען דאַרפן מיר צוגלייכן אונזער חינוך?

*

אין די לאַנגע ליסטע פונעם פינסטערן אַרטיקל זענען גראַדע פאַראַן טיילן מיט וואָס מיר קענען זיך פאַסמאַקעווען, בבחינת בא לקלל ונמצא מברך.

דער נ.י. טיימס - וואָס ווערט גערופן דער צייטונג פאַר'ן רעקאָרד - האָט באַשטעטיגט אַז ישנו עם אחד מפוזר ומפורד בין העמים ואת דתי המלך אינם עושים: טראָץ וואָס מיר זענען אין גלות אַמעריקע, זענען מיר נישט געוואָרן קיין אַמעריקאַנער יענקיס.

כמעט אַכציג יאָר נאָכ'ן ביטער'ן חורבן, ווען מיר האָבן נאָך גאָר ווייניג פון די זקנים וואָס געדענקן דעם אַלטן היים, שרייבט מען נאָך אויף אונז: "חסיד'ישע מענטשן פאָלגן נאָך שטרענגע פאָרשריפטן וועלכע צילן צוריק צו שאַפן אַ לעבנסשטייגער וואָס איז כמעט אויסגעמעקט געוואָרן דורך די האָלאָקאָוסט."

עס האָט באַשטעטיגט אַז דער 'סאַטמאַרער פלעק' איז נאָכנישט אָפּגעריייניגט, זאָגנדיג אַז די סאַטמאַרער מוסדות "העלפן שטעלן דעם טאָן" פון די זהירות'ן זיך צו האַלטן אָפּגעזונדערט פון די גאַס, וואָס ציעט צו אַנדערע אונז נאָכצוטאָן.

עס 'באַשולדיגט' סאַטמאַר פאַר איינשטעלן תקנות קעגן סמאַרט-טעלעפאָנען.

און עס 'באַשולדיגט' אַז די מנהיגי הקהלות האָבן אַוועקגעשטעלט בתי חינוך מחנך צו זיין קינדער אין תורה ומצוות, תפלה און מסורה, און צו זיין אָפּגעשיידט פון דעם דרויסנדיגן גאַס.

דער אַרטיקל באַשטעטיגט אַז יאָ, הן עם לבדד ישכון ובגוים לא יתחשב - מיר זענען אָפּגעזונדערט און דער גוי'אישער גאַס האָט נישט קיין חשיבות ביי אונז.

עס קומט די הייליגע טעג, זאָל דאָס זיין אַ מליצה ישרה פאַר אונז, ווען מיר גייען צו די הייליגע טעג, האָפן מיר אַז דער אַרטיקל וועט געברענגט ווערן פאַר'ן כסא הכבוד אַלס אַ מליצה ישראל פאַר דעם אָרימען דור - ווען מיר וועלן זאָגן דלותי ואין מעש - זענען מיר נאָך אַלץ דער עם הנבחר, דער הן עם לבדד ישכון.

**לך ה' הצדקה ולנו בושת הפנים. הייליגער באַשעפער, מיר שעמען זיך פאַר דיר, אָבער נישט פאַר אָפּטריניגע. פאַר זיי זאָגן מיר:**

**ענק זאָלן זיך שעמען!**

**קמו ויבושו ועבדך ישמח!**



YOUR BUSINESS STRATEGY STARTS HERE
NEXT LEVEL OF BUSINESS
INTRODUCING
STONEGATE Center
ROUTE 208 / 2 STONEGATE DRIVE, MONROE, NY 10950
NOW LEASING
Customized built to your style & needs
Large windows
Modern conference room
Airy roof deck
24 hour building access
Close to NYS-Thruway / 17M
Main road access - Route 208
Parking space galore
Supermarket in the building
Transportation shuttles
SUPERMARKET
2
STONEGATE Center
CALL TO INQUIRE TODAY!
845.388.1900
info@BloomingRealty.com
Moche Halpern
718-930-1877
moche@bloomingrealty.com
Lazar Schvimmer
845-238-0247
lazar@bloomingrealty.com
Shia Lieberman
347-781-4545
shia@bloomingrealty.com
PROJECT BY:
BLOOMING REALTY

קול צהלה ודנה שפתינו תרננה

ישיבה ומתיבתא נועם אלימלך ליזענסק

מעומק הלב פנימה, כסא דברכתא נרימה, בשפה ברורה ונעימה, קדם האי גברא יקירא, גריס באורייתא תדירא, עומד ומשמש למען ישיבתינו, שלא יחסר המזג בבית חיינו, יום ולילה לא ישבות למענינו, מסור בלב ונפש לזולתו, כי זה חלקו מכל עמלתו, כשמן תורק שמו, אשרי שככה לו, כבוד שמו משבחים ומפארים, בהילולים ותוארים, ה"ה האברך החשוב המהולל בתשבחות

מוה"ר

# משה יהודה מאיר בידערמאן

הי"ו

## אדמיניסטראטאר דישיבתינו ישיבת נועם אלימלך ליזענסק

## לרגל השמחה שהגיע למעונו בלידת בנו למז"ט והכנסתו בריתו של אברהם אבינו בשעטומ"צ

ואילין מליא יהון לרקיעיא, יהא רעוא מן קדם שמיא, שיזכה לרב תענוג ונחת דקדושה במדה גדושה, מתוך עושר ואושר וכבוד וסייעתא דשמיא, בבני חיי ומזוני רויחיא, ועוד רבות בשנים יזכה לעמוד על משמרתו משמרת התורה, להגביר פעלים להגדיל תורה ולהאדירה, בעוז ובגבורה. וזכות לימוד התורה של בחורי חמד המסולאים בפז ילווה אותו על כל ימי חייו ויעמוד לו ולזרעו אחריו בזה ובבא לנצח נצחים, ובזכות הרבצת התורה, יתברך מנותן התורה, בברכה הכתובה בתורה, ברוך אשר יקום את דברי התורה הזאת.

כברכת

הנהלת הישיבה


סכנת שמד
517
אידישע
נשמות
וואַרטן
נאָך אויף אַ
ספּאָנסער
PUBLIC
SCHOOL
"כל המלמד את בן ע"ה
תורה, אפילו הקב"ה גוזר
גזירה, מבטלה בשבילו"
(ב"מ פה.)
קויפט אייך דעם
גרעסטן זכות
ביום הדין
ראטעוועט נשמות!
ראטעוועט דורות!
ספאנסערט אן
עלעמענטרי קינד
$100
לחודש
ספאנסערט אן
ערוואקסן קינד
$150
לחודש
יעצט
קען
מען
נאך!
NECHOMAS YISROEL
נחמת
ישראל
718.851.0340
1338 41 Street Brooklyn, NY 11218
nechomasyisroel@yeshivanet.com
ראטעוועט זיי פון זייער 'גזירת החינוך' צו מוזן חלילה לערנען אין 'פובליק סקולס'

קופת הקהילה
למען נצרכי אנשי שלומינו
שע"י קהל יטב לב ד'סאטמאר
קרית יואל

תעשה קרית יואל כמדורת אש:

# פלאקער און אייפער אינערהאלב ק"ק קרית יואל זיך גרייטנדיג צו פארטיילן מאסיווע געלט חלוקה דורכ'ן צענטראלן 'קופת הקהילה' פאר תושבי העיר לכבוד יו"ט

**קופת הקהילה וועט פארטיילן בס"ד אסטראנאמישע סכום פון א 'פערטל מיליאן' דאלער פאר קינדער געבענטשטע פאמיליעס, דורכשניטליכע פארדינער, נצרכים בני הקהילה, און באזונדער פאר אלע אלמנות וכדומה בקרב העיר רבתי עם.**

מאסיווע קאמפיין געלאזט אין גאנג אנצושליסן 'אלע אנ"ש' מיט ריזיגע סומעס צו נעמען א טייל אינעם עמוד הצדקה, ספעציעלע דגוש געלייגט אנצושליסן גרויסע צאל נדיבים פון לכה"פ פינף הונדערט דאלער און ארויף צו קענען פארטיילן די טשעקס צייטליך בעוד מועד.

## בעפארשטייענדע חלוקה לכבוד יום טוב סוכות וועט זיין 12'טע חלוקה דורכ'ן קופת הקהילה גרייכנדיג אומגליבליכע ציפערן פון האבן פארטיילט א מיליאן זעקס הונדערט טויזענט דאלער פאר תושבי העיר!

קרית יואל. - ושמחת בחגך והיית אך שמח, מיט א קארגע פיר וואכן צום הייליגן יום טוב סוכות הממשמש ובאה עלינו לטובה, שפירט זיך שוין די סוכות אטמאספער לענגאויס די קרית יואל'ע גאסן, און קארידארן פון קרית יואל'ע בתי מדרשים, ווען עס פלאקערט אויף, מיט אן אש קודש, די פייער פון צדקה וחסד וואס דער מייסד העיר מרן רבינו הקדוש והטהור זכותו יגן עלינו האט אונז אויסגעלערנט און כסדר געפאדערט, זיך גרייטנדיג זיך אויסצולייזיגן די טאשן און גיסן ריזיגע סכומים, פאר'ן הייליגן קופת הקהילה, די צענטראלע צדקה קאסע פונעם הייליגע קרית יואל'ע קהילה "קהל יטב לב" בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, צו פארטיילן ריזיגע סכומים פאר אחינו בשרינו, שכנים און גוטע פריינד, קרובים וידידים, הרחוקים והקרובים.

### "ק"ק קרית יואל עולים מעלות רמות"

אנ"ש קרית יואל'ע איינוואוינער זענען שוין היינט געוואוינט צו הערן כסדר אנטוויקלונגען פון הרחבת גבולי הקדושה בקרב העיר, מיט שמחה וחדוה קוקט מען זיך כסדר צו ווי די קהילה און מוסדות צוואוקסן זיך און בויען זיך במעלות רמות ונשגבות, דאס אויפבוי פון בנינים אדירים לד' ולתורתו מבצרי תורה ויראה, בתי מדרשים בכל פינות העיר, אלעס הייבט זיך מיט געוואלדיגע סוקסעס און סייעתא דשמיא, דער כח התורה דערהייבט זיך מיט פרישע כוחות ההוראה, דער הויכע ניווא בקרב הכולל, די אויסברייטונג פונעם עמוד התורה, די הצלחה פון זכרו תורת משה, מפעל בנין עדי עד, דער כח העבודה הייבט זיך, מיט אוועקשטעלן "מנינים צענטערן" אין אלע געגענטער, בתי מדרשים פאר אנ"ש, דרשות התחזקות, און דער כח פון גמילת חסדים מיט'ן עטעבלירונג פונעם "בעידן חדותא", גמ"ח'ן און סערוויסעס, אבער ווי שיין און לעכטיג שטארט ארויס דער עמוד החסד פונעם הייליגן קהילה, ווען עס האט זיך אוועקגעשטעלט אזא אומבאגרייפבארע מעכטיגן צדקה אפאראט דער בארימטער 'קופת הקהילה' דקהל יטב לב, וואס דינט כהיום אלס צענטראלע קופה פאר די גאנצע שטאט.

### "קופת הקהילה די קופה פון אנ"ש"

די הייליגע קופת הקהילה באווייזט גדולות ונצורות, מיטט'ן אויסטיילונג פון ריזיגע באדייטענדע סכומים הגונים ואדירים, יעדעס יאר בעפאר דעם זמן חירותינו די הייליגע יום טוב פסח, און בעפאר דעם זמן שמחתינו די הייליגע יום טוב סוכות,ביידע ימים טובים באזונדער מיט ריזיגע הילכיגע סכומים.

עס איז אומגלויבליך אבער מיום הווסדה האט שוין דער 'קופת הקהילה' דקהל יטב לב קרית יואל פארטיילט דעם סכום נכבד א מספר עצום פון א 'מיליאן זעקס הונדערט טויזענט דאלער'.

א סומע וואס האט אויפגעלאכטן די פנימ'ער פון אנשי שלומינו און אריינגעברענגט א שמחה וחדוה צו די הייליגע ימים טובים, צו פראוועון דעם יו"ט בהרחבת הדעת.

דער אסטראנאמישער סכום אדיר וחזק משמיע קול דינערט און בליצט און שפיגלט אפ די געוואלדיגע כח הצדקה והחסד וואס בושעוועט בקרב אנ"ש, וועלכע פלאקערן פאר צדקה וחסד.

במשך די צייט שטייגן די הוצאות אבער פיל מער שטייגט די סכום פונעם געלט חלוקה וואס ווערט פארטיילט דורכ'ן קופת הקהילה און דערביי שטייגט די סכומים וואס נדיבי לב תושבי קרית יואל לאזן זיך קאסטן פאר דעם צענטראלן 'קופת הקהלה'.

### "חלוקה ווערט פארטיילט צוויי פאכיג"

די הייליגע קופה איז מפליא פלאות מיט'ן פארטיילן צוויי באזונדערע חלוקות, צוערשט, ווערט פארטיילט טשעקס מיט גרויסע נומערן דערויף, וועלכע ווערט ארויסגעשיקט מיטן גרעסטן דרך כבוד און מתן בסתר גלייך אריין אין די פאסט קעסטלעך פון קינדער געבענטשטע פאמיליעס חברי הקהילה, און מיטל קלאסיגע פארדינער בעלי בתים, וועלכע קענען נוצן אפאר דאלער לכבוד יום טוב ווען די הוצאת החג זענען למעלה מראש.

ספעציעל פאר די נצרכים מאנשי שלומינו וועלכע באטרעפט ליידער א גרויסע מספר, און זענען אנגעוויזן אין די קופה צו קענען פראוועון דעם יו"ט אומגעשטערט, און ווען נוצן די טשעקס כדי ס'זאל זיין ביי זיי א זמן שמחתינו, און די נחיצות פונעם חלוקה איז הימל שרייענד.

### "באזונדערע זעלטענע חלוקה פאר אלע אלמנות תושבי קרית יואל"

אין צוזאמענהאנג מיט דעם ווערט פארטיילט דורך די חשוב'ע קופת הקהילה, בפקודת הקודש פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, א גאר זעלטענע וואונדערבארע חלוקה נשגבה פאר אלע אלמנות און גרושות בקרב קרית יואל רבתי, פון אלע שיכטן און קרייזן אן אויסנאם, וועלכע ערהאלטן די טשעקס



הונדערטער טשעקס כתוב וחתום גרייט ארויסגעשיקט צו ווערן צו די פאסט קעסטלעך בארבע כנפות העיר

מיט גרויס שמחה, סיי אלס א חיזוק, און סיי אלס א שטופ צו לינדערן די הוצאת החג וועלכע ליגט אויף זייערע פלייצעס. און די צענטראלע קהלה מאכט זיכער אריינצוברענגן א שמחת יו"ט אין יעדע קרית יואל'ע שטוב.

## "אנ"ש שרייען אויס: כל דכפין ייתי ויסכך"

איצטערט ווען מען גייט שוין אויפבויען דעם סוכה, און מען גרייט זיך צום סוכה חלוקה, איז דעם פארלאפענעם זונטאג כי תבא העעל"ט פארגעקומען א דריגענדע אסיפה, אינעם צענטראלן אפיס פון קהל יטב לב אויף גארפיעלד ראוד, מיט'ן וועד בעלי בתים, און גבאים פונעם הייליגן קופה, ווי מען האט דעבאטירט די היסטארישע אינפלאציע קריזיס, וועלכע שמעטערט אינעם אומגעגענט, און לאזט אירע שווערע נאכפאלגן און הייבט די ליסטע פון מקבלים, און די געלט חלוקה איז קריטיש פילפאכיג מער היי יאר.

איז באשטימט געווארן ביים אסיפה א דריגענדע נויט צו שאפן א 'פערטל מיליאן דאלער', און דערביי האט מען ארויסגעברענגט אז עס איז נישט פארהאן קיין צייט און מעגליכקייט צו ווארטן ביז די גרעסערע סכומים פון די גדולי נדיבי אנ"ש וועלן ווערן גרייט צו דעפאזיטן, וואס פארשלעפט וויכטיגע טעג און ברענגט אז די חשוב'ע משפחות דארפן ווארטן ביזן ערהאלטן די טשעקלעך אין די פאסט קעסטלעך, און אויף היי יאר האט מען געלייגט א באזונדערע שטארקע דגוש צו האבן די געלט אפגעשיקט 'בעוד מועד' מיט גענוג צייט צו קענען נוצן די חלוקה איינצוקויפן מכל הבא ליד, מכל טיב וטוב.

דעריבער האט מען באשטימט צו לאזן אין גאנג א מאסיווער קאמפיין, צוזאמצוקלייבן ביי דעם אלגעמיינער ציבור אנ"ש דאס מינימום צו דעקן די טשעקלעך, מיט א הארציגע ווענדונג און בעטענדע אפיעל ביי אנ"ש זיך אנצושליסן מיט פינף הונדערט דאלער לכה"פ, און באזונדער די וועלכע שפירן אז זיי קענען זיך ערלויבן א גרעסערע נתינה, דערמיט אוועקצושטעלן א יסוד און קיום אנצוקומען צום סכום פון א פערטל מיליאן דאלער צום זמן שמחתינו, און עס איז זיכער אז דער ציבור וועט ענטפערן כל דצריך ייתי ויסכך, און מען וועט קענען אנקומען צום ציל, בעהשי"ת, אויפ'ן הייליגן יום טוב.

## "אנ"ש קרית יואל: אל תעמוד מנגד"

וכאן הקריאה יוצאת, טייערע אנשי שלומינו, האנדלט אייך איין דעם צאנזער רב זי"ע'ס נוי סוכה, האנדלט אייך איין א מליצה ישרה צום יום הדין, ווי נאך איז דא אזא פאסיגע צדקה צוועק, ווי די אייגענע ברידער, אחים לדעה, כולנו בני איש אחד נחנו מאבינו רועינו רביה"ק זי"ע, מיר מוזן זען אז יעדער מאנ"ש און יעדער אלמנה אין שטאט זאל האבן אויף יום טוב, דאס איז אן הלכה, דאס איז חסידות, דאס איז א הידור.

די געטרייע עסקנים ווענדן זיך צו יעדע קרית יואל'ע תושב, צו יעדע איינציגסטע פון די אריבער דריי טויזנט חברי הקהילה, אל תעמדו מנגד, מיר דארפן דיינע פינף הונדערט דאלער, מיר דארפן דיינע טויזנט דאלאר. כי בנפשינו הדבר. ווייל ס'איז פאר 'אייער' ברודער! 'אייער' שכן! 'אייער' ידיד! פון בני 'עירך'! יעדע דאלאר מער באדייט א גרעסערע חלוקה מיט א גרעסערע ליסטע און ברייטערע מעגליכקייטן לעמוד לסעד ולעזר.

אט אט קומט סוכות, די טשעקס מוזן ליגן אין די קרית יואל'ע פאסט קעסטלעך, עס איז די אחריות פון יעדע חבר הקהילה אז דאס זאל קענען ווערן דעפאזיט. עס איז די וואונטש פון יעדן אז די חלוקה זאל קענען געשיקט ווערן אין צייט.

אין דעם זכות וועט מען זוכה זיין צו א גוט געבענטשט יאר, ושמעתי כי חנון אנו, צו א כתיבה וחתימה טובה, להכתב ולהחתם בספרן של צדיקים גמורים, בביאת משיח צדקינו, אמן.




וּבְכֵן תֵּן כָּבוֹד לְעַמֶּךָ, תְּהִלָּה לִירֵאֶיךָ, וְשָׂשׂוֹן לְעִירֶ"ךָ

וּבְכֵן צַדִּיקִים יִרְאוּ וְיִשְׂמָחוּ וִישָׁרִים יַעֲלֹזוּ, וַחֲסִידִים בְּרִנָּה יָגִילוּ:

# קרית יואל העיר האדירה, פייערליך געשפּאַנט צו חגיגה הכבירה, היסטאָרישער מעמד "הכנסת ספר תורה", פון ק"ק קרית יואל, געשריבן בשותפות פון אלפי תושבי העיר וגלילותי' חברי הקהלה הקדושה, "מוצאי שב"ק בראשית" בהתחלת השנה החדשה

— וּתְרוּעַת מֶלֶךְ בּוֹ • קרית מלך רב —

ומלכינו בראש שמחתינו ושמחת עירנו:

## בהשתתפות עטרת תפארת ראשינו הוד כבוד קדושת מרן רבינו שליט"א

— וְנֶאֱמַר וַיְהִי בִישֻׁרוּן מֶלֶךְ בְּהִתְאַסֵּף רָאשֵׁי עָם יַחַד שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל —

מַעֲשֵׂה אִישׁ וּפְקֻדָּתוֹ:

קרית יואל'ס דינאַמישע ראשי העסקנים אויף ערשטע באַראַטונגען אינאיינעם מיט ענערגישן עסקן המנצח על כינוסי רבבות בחצר סאַטמאַר הר"ר יצחק אייזיק דאסקאל הי"ו פון "עיפּעקס טיעם" ביינאַזאַם מיט'ן טאַלאַנטפולער מאורעות-מייסטער ר' יוחנן פליישמאַן הי"ו פון "ווייי. עף. פּראָדוקשענס" וועלכע האָבן אויף זייערע רעקאָרדס די סוקסעסן פון די גרעסטע מאורעות וכינוסים אין ק"ק סאַטמאַר בכלל און קרית יואל בפרט, אַנגאַזשירט געוואָרן אָנצופירן מיט אַלע לאָגיסטישע דעטאַלן און פּראַקטישע צוגרייטונגען פאַר פייערליכער הכנסת ספר תורה, מיט'ן הויכפּונקט פון די ריקודים הנלהבים במקהלות אלפי אלפים ברחובה של העיר רבתי עם, איתן מושבינו, אתרא קדישא "קרית יואל", קרית מלך רב

אֶרֶת יָמִין עֹז לַעֲשׂוֹת חָיִל!

כִּתְבוּ בְּסֵפֶ"ר זִכָּרוֹ"ן!!!

לעצט-מינוטיגער אויספּאַרקויף פון סאַמע געציילטע פּאַרבליבענע זכותים ביים געטרייען משמש דק"ק קרית יואל הרה"ח ר' אביגדור נחום שלעזינגער הי"ו, וועלכער שטייט געטריי בראש פון דער גאַנצער אונטערנעמונג צו לאָזן שרייבן די "ספר תורה של ציבור" לטובת די הייליגע קהלה

# הִנֵּה יָמִים בָּאִים: באַשטימטע דאַטומען פאַר קרית יואל'ס פייערליכער שמחת התורה

**ועתה כתבו לכם:**

## מיטוואָך בראשית - אסרו חג

**"כתיבת האותיות" לכל הקהל הקודש**

וועט געגעבן ווערן די געלעגנהייט פאַר אלפי אנ"ש חברי ק"ק קרית יואל אַריינצושרייבן אותיות אין דעם הייליגן ספר שנכתב בשותפות כל הקהל הקודש הזה




**נכתב בטבעת המלך:**

## דאָנערשטאָג בראשית

**"מעמד כתיבת האותיות" לנדיבים בראשות רבינו**

הוד כ"ק מרן רבינו שליט"א וועט ערשיינען בהדרתו אַריינצושרייבן די אותיות, און באַשיינען בראש המאורע וואו די נדיבים ושותפים אין די ספר תורה וועלן אַריינשרייבן די לעצטע אותיות אינעם ספר תורה

**ששון לעירך! בהתאסף ראשי עם יחד שבטי קרית יואל!!**

## מוצש"ק בראשית היסטאָרישער "חגיגת התורה" שמחת הכנסת ספר תורה

וְיוֹדוּ שָׁמַיִם פִּלְאֲךָ ה' אַף אֱמוּנָתְךָ בִּקְהַל קְדֹשִׁים:

# אַמביציעזע פלענער פאַר פראַכטפולע פייערונג לכבודה ולשמחתה של תורה אַנטשפרעכט מלכות'דיגע הרמת קרן התורה ושמחתה במקהלות אלופי אלפי התושבים, אנשים נשים וטף, אין סאַמע רחובה של עיר

**קרית יואל לבשי בגדי תפארתך!! שמחת הכנסת ספר תורה דקהלתך!!**
**"מוצש"ק בראשית" בהתחלת השנה יהי' האות הזה!**

**איספירליכע דעטאַלן, קרישקעלעך, נאָטיצן, צוגרייטונגען, פלענער, איינצלהייטן און אָנווייזונגען, אַרום קרית יואל'ס בעפאָרשטייענדע גראַנדיעזע הכנסת ספר תורה וועלן נאָכפאָלגן קומענדיגע וואָך בעז"ה**

# הנהלת הקהלה והמוסדות ק"ק בני יואל ד'סאטמאר איז ממנה הרב הגאון רבי אשר זעליג פריינד שליט"א לעמוד לשרת אלס דיין ומורה צדק בביהמ"ד 'בית שלמה מיכל ראזנער' דקהל בני יואל בשכונת האמבורג

גאר פריידיגע אנטוויקלונג ווערט באריכטעט איבער דאס התמנות פון א פרישע כח בקרב העיר צו שטיין אין שפיץ לדעת את המעשה אשר יעשון צו פסק'נען און שטיין לשרת פון שכונת האמבורג והסביבה לכל דורש ומבקש.

דער חשוב'ער דיין הרה"ג רבי אשר זעליג פריינד שליט"א דינט שוין לאנגע יארן אלס פולשטענדיגע מורה צדק בקרב די בארימטע בית הוראה דקהל בני יואל ד'סאטמאר וואס איז סטאנציאנירט אין צענטער פון שטאט אויף ווען ביורען, ווי דער חשובער מורה צדק הרה"ג ר' אשר זעליג שליט"א דינט אויך אלס מנהל בית הוראה צו באגלייטן די בית הוראה און כסדר אלס פארבעסערן און פארשטערקערן דעם כח ההוראה, און דערביי איז דער מורה צדק שליט"א בארימט מיט זיין געוואלדיגע איבערגעגעבקייט כקטן כגדול תשמעון און שיינט אראפ מיט זיין געוואלדיגע אצילות צו יעדן לדעת לדון ולהורות און משפיע צו זיין מהוד הרמה.

אצינד איז דער חשובער מו"ץ שליט"א עלה לגדולה, ווען מעכ"ת איז מטעם הנהלת הקהלה והמוסדות בני יואל נתמנה געווארן אלס פולשטענדיגער דומ"ץ ביהמ"ד "בית שלמה מיכל ראזנער" דקהל בני יואל, בשכונת האמבורג, ווי ער וועט שטיין בראש פון דעם הערליכן פרעכטיגן ביהמ"ד וואס נעמט אריין אין זיך א הערליכער ציבור מתפללים ולומדים תושבי השכונה. דאס איז שוין נאכדעם וואס דער דיין שליט"א לערנט שוין פאר הערליכע שיעורי הלכה מידי שבת בשבתו, פון וואס די לומדים ומתפללים זענען שטארק נהנה דערפון, און אצינד איז נתרומם געווארן דער כח ההשפעה ווען דער דיין שליט"א וועט בסייעתא דשמיא שטיין בראש פון אזא חשוב'ע ציבור אין שכונת האמבורג והסביבה וואס טוט פילפאכיגע הייבן די כח ההוראה בקרב עיר עוז לנו קרית יואל המעטירה.

דער געהויבענער מעמד התמנות איז פארגעקומען ברוב פאר והדר פארגאנגענעם דאנערשטאג ליל שישי פ' שופטים ושוטרים תתן לך, אין גרויסן צענטראלן אויפנאמס צימער אין אפיס פון די מוסדות הק' בני יואל, ווי עס איז צוגעגרייט געווארן א געהויבענער מסיבת לחיים וואס איז אפגעהאלטן געווארן מיט די השתתפות פון אלע חשוב'ע חברי הנהלת המוסדות און הנהלת הקהלה כל אחד בשמו הטוב יבורך.

א גאר געהויבענע ערנסטע אטמאספער האט געהערשט ביים מעמד לחיים, ווען מ'האט דערמיט זוכה געווען פריש אויפצוהייבן דעם כח ההוראה בקרב הקהלה, אויפן דרך הסלולה פון מרן רבינו הקדוש והטהור זי"ע פארן ציבור אנ"ש.

ביים מעמד התמנות האט מען געהערט קורצע טרעפליכע דיבורים פון חשוב'ן דיין שליט"א, צו דער געלעגנהייט ווען מ'איז זוכה צו אזא פרישע עבודת הקודש און מ'האט זיך ווארעם אנגעוואונטשן אז דער חשובער דיין שליט"א זאל קענען אנגיין מיטן כח הוראה און השפעה אויפצוהייבן דעם פרעכטיגן ביהמ"ד עשר מעלות רמות.

און דערביי האט מען שטארק באטאנט די אומגעהויערע כוחות וואס די קהלה קדושה לייגט אריין אין יעדן היניזכט צו דערהייבן דעם כח התורה וההוראה מיטן ממנה זיין אזא חשוב'ע תורה'דיגע אטאריטעט צו שטיין בראש פונעם הערליכן ביהמ"ד 'בית שלמה מיכל ראזנער' וואס שטייט צום דינסט פון די גאנצע שכונת האמבורג והסביבה דינענדיג אלס לייכט טורעם פארן גאנצן אומגעגענט לתורה ועבודה וגמ"ח.

און גלייכצייטיג איז ארויסגעברענגט געווארן די געוואלדיגע סייעתא דשמיא עד הנה עזרונו רחמך אז מען האט זוכה געווען צו דעם אלעם ביז אהער און מיט א תפילה אויף ווייטער ואל תטשנו אויף די פילע אנגייענדע פראיעקטן להרחיב גבולי הקדושה מיט נאך בתי מדרשים לענגאויס די שטאט וואס ווערט געבויעט אין געפלאנט אין פילע געגענטער לבנות ולכונן בתי מדרשים אדירים ומפוארים עס זאל זיין א כבוד פאר רביה"ק זי"ע בשמי מעל מיט בתי מדרשים וואס קלאמערן זיך בדרכיו הקדושים בלי שום זוז שינוי כל שהוא.

דאס ביהמ"ד בית שלמה מיכל ראזנער דקהל בני יואל ד'סאטמאר איז באקאנט מיט איר זעלטענע ערנסטקייט און מורא מקדש ווען עס קומען זיך צוזאם א ערנסטער ציבור פון אלע עקן פון די שכונה אפצורעכטן די תפלות אויף א געהויבענעם פארנעם. באזונדער איז דאס ביהמ"ד צוגעשטעלט מיט איר רחבות'דיגער מקוה וואס איז פארענדיגט געווארן אויפן ערשטן שטאק מיט א גרויסע בור הטבילה צו שטיין לקדש ולטהר פארן גאנצן אומגעגענט.

בית המדרש שלמה מיכל ראָזנער דקהל בני יואל ד'סאטמאר וואָס געפינט זיך אויף האַמבורג, איז אין קורצע תקופה פאַרוואַנדעלט געוואָרן אַלס אַ הערליך ווינקל פאַר תורה ותפלה אינעם גאַנצן געגענט.

דאָס ביהמ"ד וואָס איז געעפנט געוואָרן איבער זעקס יאָר צוריק פאַר אנ"ש אין יענער געגענט וואָס נעמט אַרום די פרישע גאסן פון דינוב, טאָלטשאווא, האַמבורג און פראַנקפורט, איז ב"ה אַן הערליכן היכל בית המדרש, וואס ציעט מתפללים און לומדים אפי' פון אנדערע געגענטער, אזוי אויך די הערליכע מקוה וואס ווערט באנוצט יעדן טאג בפרט שבתים וימים טובים דורכאויס דעם יאר.

פון דער ערשטער מינוט אָן איז דאָס ביהמ"ד פארוואנדלט געוואָרן אין אַ מגדל אורה, וואו עס דאַווענען א הערליכן ציבור מתפללים מסלתה ושמנה און זענען זיך דאָרט קובע עתים לתורה, אין דעם אייגענעם מקום תורה ותפלה, זיך צו קענען דערהאַלטן צום דרך הסלולה לנו. דאָס ביהמ"ד האט במשך די פארגאנגענע איבער זעקס יאָר אָפּגעצייכנט אַ געוואַלדיגע הצלחה, און איז היינט צו-טאָג באַרימט אַלס פינת יקרת אין די געגענט. דאָס ביהמ"ד איז הערליך געשמאַק צוגעשטעלט מיט ספרי קודש, און די לומדים גיבן איבער דעם זעלטענעם הרחבת הדעת וואס הערשט דארט אויף א אויסערגעווענליכע אופן.

באזונדער דארף ארויסגעברענגט ווערן די געוואלדיגע זכי' ווען דאס ביהמ"ד איז געשטאנען אפען 24 שעה א טאג אפילו אין די שווערע צייטן במשך די גאנצע תקופה פון קאראנא איז דאס ביהמ"ד געווען אפן, און אלע תושבי השכונה צוגלייך האבן נהנה געווען פונעם ביהמ"ד און מקוה.

און אצינד מיטן פרישן התמנות וועט דאס פילפאכיג אוועקשטעלן דאס ביהמ"ד מיט די ג' עמודי עולם מיט אזא שטארקן כח הוראה פונעם חשוב'ן דיין שליט"א וועלכע וועט מיט זיין זעלטענע צהלת פנים און צוגעלאזנקייט און שטארקע כח השפעה אויפהייבן און משפיע זיין פארן גאנצן סביבה בתורה ועבודת התפלה.

צום ערשטן שבת נאכן פרישן התמנות, האבן די מתפללי ביהמ"ד מיטגעלעבט א געהויבענעם שבת קודש, ווען הרה"ג דומ"ץ ביהמ"ד שליט"א האט געדאווענט אלע תפלות שב"ק בקרב השכונה, וואס דינט אלס צייט פון מאחד זיין און צוזאמברענגן א גרויסן ציבור תושבי השכונה. ליל שבת קודש זענען ארויפגעקומען דאווענען אין ארטיגן ביהמ"ד די חשובע געטרייע הנהלת הקהלה והמוסדות, וואס האט געגעבן גרויס חיזוק פארן ציבור, און בעפאר קבלת שבת האט די חשובע הנהלת הקהלה אויפגעטרעטן מיט קורצע ווערטער איינצולייטען דעם שבת און איבערגעבן די בשורה טובה ומרנינה איבער דאס פרישע התמנות וואס איז פאר די ביהמ"ד א געוואלדיגע פרישע פאזיטיווע אנטוויקלונג להגדיל תורה ולהאדירה.

דערנאך האט מען געהערט קורצע ווערטע פונעם חשוב'ן דיין שליט"א, וועלכער האט טרעפליך ארויסגעברענגט דאס ענין פון 'בי כנישתא חדא' וואס האט א געוואלדיגן כח, טאקע נאר ווען דאס איז 'חדא' ווען מ'האט דעם כח המאחד זיך צו האלטן צוזאמען מיטן כח הרבים לטובת בית מקדש מעט און ער האט אנגעוואונטשן ווארעמע ברכות יהי רצון שתשרה שכינה במעשי ידינו אמן. און דערנאך האט מען געדאווענט קבלת שבת מיט א געוואלדיגן התעוררות והשתפכות הנפש דאנקענדיג השי"ת על כל הטובה.

די יעצטיגע התמנות איז א פרישע רינגעלע אין די קייט פון פילצאליגע פעולות כבירות אונטערגענומען דורך הנהלת קהל בני יואל ד'סאטמאר אין אלע היניזיכטן אהערצושטעלן און צעמענטירן די רוחניות'דיגע סערוויסעס פאר יעדן חבר הקהלה אין יעדן געגענט בתוככי העיר רבתי קרית יואל אויפצוהייבן דעם כבוד הציבור פארצוזעצן מיטן בויען בתי מדרשים, בתי הוראה, תורה וטהרה אויפן אויסגעטרעטענעם דרך ווי עס האט מיט אונז געלערנט און געפאדערט אבינו רועינו מרן רבינו הקדוש זי"ע צו קענען אויפציען אויף ווייטער ערליכע לעכטיגע דורות אויפן דרך המסורה לנו מדור דור.



זכרון
• תורת משה •
לזכרון נשמת כ"ק מרן רבינו בעל ברך משה זצוק"ל
מוסר • ש"ס • הלכה
• קרית יואל •

בס"ד

לוח הלימודים

חבורת
לומדי ש"ס
ישראל ואורייתא
פטרון מסכת מנחות
הרבני הנגיד התורני
מו"ה אברהם בנימין אלימלך קרויס הי"ו

פרשת נצבים

| | היום | שבוע | חודש |
|---|---|---|---|
| יום א' | טז. | יג: | ו. |
| יום ב' | טז: | יד. | ו: |
| יום ג' | יז. | יד: | ז. |
| יום ד' | יז: | טו. | ז: |
| יום ה' | יח. | טו: | ח. |

בחינה ב' במסכת מנחות
יתקיים אי"ה
יום א' פ' וירא

SPONSORED BY:
PRO DECKS
BECAUSE OUR PROFESSION IS LIMITED TO DECKS, OUR PROFESSIONALISM AT DECKS IS UNLIMITED.
T: 845.352.DECK (3325) F: 845.371.3325
E: DECKSNY@GMAIL.COM W: PRODECKS.COM

קול זכרון • 718.387.1010

# חרדי'שע כלל ישראל אָפּצושיקן "פושקע געלטער" קיין ארץ ישראל בעפאָר'ן יום הדין, מיט איין טעל. קאל!

**מאַסיווער דרייוו ב' און ג' סליחות "פושקע צום וואָגשאָל": מען רופן אריין, און הונדערטער גבאי קודש שטייען גרייט אויפצופיקן אייער "כולל שומרי החומות" פושקע, דאָס געלט זאָל אָנקומען צו די עניי ארץ ישראל, דאס גייט אויף אייער וואָגשאָל!**

**מען רופט, אָדער טעקסט דאָס ווארט PICKUP, צו 732.6347.1866 (REB.MEIR) און אַ גבאי פון "כולל שומרי החומות" קומט עס אָפּנעמען - פועל'ט אַלעס גוטס!**

קרית יואל - מיט אן אייפערדיגע ווארעמקייט רישט זיך דאס יהדות ניו יארק צו זאמלען מאסשטאבליכע מליצי יושר דעם קומענדיגן מאנטאג-דינסטאג נצבים, ימי ב' וג' סליחות, דורכ'ן זיך אנשליסן אינעם גרויסארטיגן "פושקע צום וואגשאל" דרייוו, וואס ווערט דורכגעפירט דורכ'ן הייליגן "כולל שומרי החומות" לצדקת רבי מאיר בעל הנס בארה"ק.

דורכאויס די צוויי באשטימטע טעג ווערט פארגעשטעלט די געלעגנהייט פאר די צענדליגער טויזנטער משפחות איבער גרעיטער ניו יארק, צו איבערגעבן די ישועות'דיגע "כולל שומרי החומות פושקע" פאר די גבאי קודש וואס וועלן דאס פערזענליך קומען אפנעמען ביי די הייזער, בלויז מיט אייער איין טעל. קאל צום הויפט נומער פון כולל שומרי החומות. דערמיט וועט מען זיך איינהאנדלען פולע פעק ישועות און זכותים נשגבים צום נייעם יאר הבעל"ט.

עס איז גענצליך איבריג צו ערקלערן דעם באדייט פון א "כולל שומרי החומות פושקע", מען דארף נישט מסביר זיין דאס חשיבות. מען דארף נישט מסביר זיין דעם געוואלדיגן צורך. יעדעס קליין קינד ווייסט אז "רבי מאיר בעל הנס" איז די צדקה פון כלל ישראל מדור דור. ווען אימער א איד ברויך א ישועה, אן עקסטערן סייעתא דשמיא, מ'מאכט א שמחה, אדער מ'האט ח"ו א צרה, לויפט מען צום רבי מאיר בעל הנס פושקע.

"כולל שומרי החומות", די הייליגע קאסע וואס איז נתייסד געווארן דורך מלאכי אלקים משרתי עליון, וועלכער איז עד היום הזה געווידמעט צו שפייזן עניי ארץ ישראל און צו דערהאלטן לומדי תורה בארץ ישראל, איז באקאנט אלס א מקור פון ישועות. ווען א איד געפינט זיך אין א צרה, איז רבי מאיר בעל הנס דער ענטפער. צדקת רבי מאיר בעל הנס איז א קאסע וואס ברענגט צוזאם גאנץ כלל ישראל, מסוף העולם ועד סופו, דאס איז א צד השוה, וואס א יעדער איד פון אלע שיכטן און קרייזן ווייסט און גלייבט אינעם אלקא דמאיר עננו!

צוליב די אויסטערלישע שווערע מצבים פון די לעצטערע תקופות אין ארצינו הקדושה זענען טויזענטער אידן - און זייערע משפחות - ארייננגעפאלן אין שרעקליכע מצבים שאין לשער, נישטא קיין פרנסה, זיי נעמען נישט קיין רעגירונגס-הילף. זייער לעצטע האפענונג איז די הילף פונעם קופת רבי מאיר בעל הנס, צו לייגן ברויט אויפ'ן טיש פאר זייערע קינדערלעך. אצינד גרייט מען זיך צו א פרישע פאנטאסטישע "ימים טובים חלוקה", צו דערלייכטן די טויזענטער משפחות וועלכע לעכצן צו מקבל זיין די חגים וזמנים מיט אן אמת'ע "ששון ושמחה", און שפייזן זייערע פאמיליעס וואס לעבן מיט צער און דוחק.

די הצלחה פון די חלוקות, און אוודאי פון די גאנץ-יאריגע מולטי-מיליאן דאלאר'דיגע תמיכות פאר עניי ארץ ישראל, אלעס איז אפהענגיג אין א פאראייניגטע אנטשלאסענע שטיצע פונעם יהדות הגולה, וואס שטרעקט אלעמאל אויס א ברייט האנט פאר אונזערע געפלאגטע ברידער בארה"ק. בפרט ווען עס קומט נאנט צו די ימים טובים, שטרענגט מען זיך אן צו ביישטייערן ברוח נדיבה. דאס אויסליידיגן די "פושקע" פארמירט א קריטישער טייל פון די חלוקה, צאמברענגענדיג אינאיינעם א פאנטאסטישע זאמלונג פון שווערע הונדערטער אלפים (!) וואס גייט דירעקט צום ביסן אין מויל פון אונזערע ארעמע ברידער און שוועסטער בעיר ה' שמה.

כדי צו ערפילן דעם הארציגן באגער פונעם ציבור, וואס מ'טוט כסדר אריינווארפן אינעם פושקע, און מ'קוקט ארויס צו געניסן פונעם פארזיכערטן מקור הישועות דורך דעם וואס די פושקע ווערט אויסגעליידיגט און דאס געלט קומט פאקטיש אן להחיות נפש כל חי, איז פונדאמענטירט געווארן א גאר פראקטישער סערוויס אונטער'ן פאסיגן נאמען "פושקע צום וואגשאל". כשמו כן הוא, דאס געלט-פושקע וואס ווערט אפגענומען פון די בתי התורמים, ווערט ווירקליך ארויפגעלייגט אויפ'ן כף מאזנים לצדק, מכריע צו זיין דעם כף זכות, און פון הימל זאל ערפילט ווערן אלע בקשות לרחמים ולרצון, בזכות התנא אלקי רבי מאיר בעל הנס.

אין די צייט תיכף "ווען דער מלך קומט אין שטאט אריין", מאנטאג און דינסטאג נצבים, דהיינו ימי ב' וג' סליחות, איז געווארן באשטימט דער "פושקע צום וואגשאל" דרייוו, א באגנוגנדע צייט אפשניט פאר די טויזנטער תושבי קרית יואל רבתי, ארייננצוכאפן די געלעגנהייט און אויסליידיגן די פושקע, דורכ'ן אריינרופן דעם ספעציעלן כולל שומרי החומות נומער וואס ווערט איינגעשטעלט פאר'ן דרייוו, און פארלאנגען א פושקע פיק-אפ.

א קאלאסאלע מאביליזאציע פון הונדערטער גבאי קודש האבן זיך רעקרוטירט פאר די ביידע טעג, איינגעטיילט לויט א גענויטן סדר פון געניג שלוחי רבי מאיר פאר אלע געגנטער אין קרית יואל רבתי, וואס וועלן דורכפירן די פערזענליכע פושקע-אויסליידיגונג ביי אלע הייזער.

די מאביליזאציע איז געווארן אויסגעשטעלט אויף אן אופן, אז ווען איינער וועט אריינרופן אדער טעקסטן פאר א פושקע פיק-אפ ביז 5 נאכמיטאג, ווען מען אראפקומען צו אים אין שטוב נאך יענעם טאג בעזר השם! און די שפעטערדיגע וועלן אויך נאכפאלגן אין די שנעלסטע מעגליכקייט.

אין די קורצע פארבליבענע טעג הערשט א טעטיגע אטמאספערע אין די כולל שומרי החומות אפיסעס, אנצוגרייטן די לעצטע דעטאלן אין די פארצווייגטע אפעראציע, זיכער צו מאכן אז יעדער איינציגער אריינרופער, פון די געשאצטע צענדליגער טויזנטער מקבלי ישועות, ווערט פערזענליך סערווירט און איינגעשלאסן אין די ליסטע פון אדרעסן וואס וועט באקומען א באזוך דורך א כולל שומרי החומות עסקן, וואס וועט אויסליידיגן די פושקע, און איבערלאזנדיג ברכות וישועות, א שנה מאי"ר ומבורכת.

חסד ואמת יקדמו פניך

בס"ד

תלמוד תורה
תשב"ר נחלת חיים
ריבניץ

די כח פון
תורה
פון די תינוקות של בית רבן
אין הייליגן **ריבניצער רבי'נס**
**חדר** - זיין איינציגסטע
ירושה

די כח פון
תפילה
דורך שליחי המוסד וועלכע
וועלן פאר אייך אויסזאגן
תהילים ביים ציון הק' פון
כ"ק רבינו מריבניץ זי"ע

וועט
דורכברעכן
אלע טויערן



און אייך ברענגען
# השפעות
# און ישועות

תהילים
ריבניץ
להחזיק ידושת רבינו
תלמוד תורה
תשב"ר נחלת חיים ריבניץ

רופט שוין
מיט אייערע
בקשות:

845•250•1818

thefeedlgroup@gmail.com

# להנהיל אוהבי יש ואוצרותיהם

מעומק לבבינו כסא דברכתא נרימה, מול מעלת כבוד ידידינו הנכבד, רחים ומוקיר רבנן מגדולי תמכין דאורייתא, מרבה פעלים לתורה ולתעודה, למען יושבי אהל כל מגמתו יומם ולילה

ידידינו היקר והנערץ, רודף צדקה וחסד, מכבד ה' מהונו, לכבוד התורה ולומדי', מסור בלב ובנפש למען הצלחת כוללינו, במסירה נאמנה ונפלאה, עסקנות בלי ליאות יומם ולילה ברוח נדיבה

## הרה"ח ר'

# יואל מערץ

## הי"ו

בן הרה"ח ר' **יושע מתתי'** הי"ו

וחתן הרה"ח ר' **מענדל מאיר בראוועּר** הי"ו

**מנכ"ל כולל תו"י סאטמאר וויליאמסבורג**

## חבר הנהלת הכולל מיום הוסדה

**ולמנב"ת החשובה, עזרתו בחסד לטובת כוללינו, ובפרט בעד הפארטי השנתית ברוב טובה וחסדה**

**לרגל תת ה' שמחה במעונם** | **נשואי בתם שתחי' למזל טוב**

**עב"ג החתן המצוין מופלג בתורה ויראת שמים**

## כמר ישעי' הי"ו

**בן מעלת ידידינו החשוב, אהוב ונערץ בפי כל, מחשובי אנ"ש**

**הרה"ח ר' יואל פערענץ הי"ו**

**בן הרה"ח ר' יעקב מאיר הי"ו**
**וחתן הרה"ח ר' נחום הערש שווארץ הי"ו**

יעלה ויגיע ברכותינו חמה ולבבית, הזיווג יעלה יפה לשם ולתפארת, דורות ישרים ומבורכים, נחת דקדושה וכל מילי דמיטב כל הימים, וזכות התורה יליץ בעדו ובעד משפחתו בכל מיני השפעות לנצח נצחים

# כברכת: הנהלת הכולל



בס"ד

# גם ברכות יעטה מורה

תבענה שפתינו תהלה וכבוד אל מול פני מאורינו ומדריכינו, אלוף לראשינו, אשר על פי מצוותו ינהלנו, המאיר לנו נתיבותינו, העומד בראש מערכת החינוך של מוסדותינו, איש על העדה להורות לנו את המעשה אשר יעשון על כל פרט ופרט ועל פיו ישק כל דבר קטן וגדול הנוגע לתלמידי מוסדותינו, משכמו ולמעלה הוא גבוה מכל עם מוכתר במעלות ובמדות שמנו חכמינו, אשרינו שזכינו לאדם גדול כמותו המשפיע מזיו אורו עלינו, שקדן עצום בתורה יומם ולילה ביגיעה עצומה, חריף ובקי מובא בתורת ה' תמימה, נוח לבריות ונוח לשמים, מקבל כל אדם בסבר פנים יפות במעייניו, איש האשכולות בתורה ובמעשים טובים, לומד ומלמד לרבים, נאה דורש ונאה מקיים, כזה בן נזה, מורה הוראה בתוך אמוני עם סגולה, נוהג ממנו עצה ותושיה בחכמה ובתבונה, מרומם הוא על כל ברכה ותהלה

הרב הגאון הגדול, משנו ומגדל בשה"ת

## רבי שמואל יעקב מייזעלס

שליט"א

[illegible] ייטב לב סאטמאר

## עומד בראש מערכת החינוך של מוסדותינו הק' באר מים חיים

הלא הוא העומד על משמרת הקודש להיות לנו לעינים
בעצה ותושי' ובהדרכה ישרה ונבונה בכל עת ועידן להעמיד
ולקיים את המוסד הק' הדין בכל לב ונפש עד מאוד

לרגל השמחה הגדולה השורה במעונו

## באירוסי בנו למזל טוב

הבחור החתן המופלג בתורה ויראה טהורה, עדיו לגאון ולתפארת, הוב"ט

הרב **אברהם יחזקאל שרגא** שליט"א

מאריות שבחבורה בישיבה גדולה תו"י הרב"י ד'סאטמאר

עב"ג הכלה הבתולה המהוללה שתחי' בת האי גברא יקירא, בת ת"ח

הרה"ג רבי **יששכר דוב טירנויער** שליט"א

אב"ד תורת משה ומסב"ג - ור"מ בישיבה תו"י דסאטמאר

הברכה אחת היא לבעלת כבוד הרה"ת באונו מקירות לבבינו פנימה, שמשמחה זו ישפע שפע קודש לנו ולכל ישראל, ויזכה להמשיך בעבודתו בקודש לזון ולהורות ולהשפיע לעדת צאן מרעיתו, ושתשרה שכינה במעשי הכבירים, לרבות לתורה ולתעודה פעלים, מתוך עושר ואושר ושובע שמחות וברכת ה' כל הימים, ורוות שושן והנאה בכל המטבים, עדי נזכה נזכה לקבל פני משיח צדקנו ומלכנו בראשינו בב"א

הכ"ד המברכים בכבוד הראוי וברגשי תודה

**הרב נחמן מערמעלשטיין • הרב יחזקאל קייפמאן**
**הרב מרדכי אהרן שווארטץ • הרב מענדל וואלף האלצער**

חברי הנהלת המוסד

**הרב ישראל פריעדמאן, הרב יצחק אייזיק ראזנבוים**
**הרב אהרן ישראל פאלאק**

המתעסקים בקודשים, מלמדי תשב"ר

גדול העונה

**הרב חיים יצחק גרינפעלד**

תלמוד תורה
באר מים חיים
קרית יואל יצ"ו


בס"ד
אנ"ש גיסן הארציגע נדבות
ברוח נדיבה
אנ"ש ערהאלטן הארציגע מתנות
בדרך כבוד
עס איז פאר אונזערע ידידים און קרובים, אנ"ש,
וואס תמיד זענען מיר זיך משמח בשמחתן,
יעצט וועלן מיר זיך מצטער זיין בצערתן,
און פארגרינגערן דאס צו גיין צום יו"ט!
קופת הקהלה
למען נצרכי אנשי שלומינו
דקהל יטב לב סאטמאר
קרית יואל
רופט אריין:
845.783.5688 #9

הנם ימים המבורכים:

# געהויבענע טעג פאַר תלמידי וחסידי סאַטמאַר באַרה"ק מיט'ן ביקור כבוד פון הגה"צ מורינו שליט"א אין ארץ ישראל

## הערליכע מאורעות לאָזן איבער טיפן רושם להרמת קרן התורה והקהלה

ירושלים. – אַ קייט פון געהויבענע טעג האָט אַרומגענומען סאַטמאַרער חסידים אין ארה"ק, מיטלעבנדיג דעם 'ביקור כבוד' פון הגה"צ מורינו שליט"א, וואָס איז געקומען צו פאָרן קיין ארה"ק צו ווייל'ן בחצרות בית ה' בקרב קהלתו הרוממה און מרומם קרן התורה והיראה וכל עניני הפרט והכלל בתוככי הקהלה.

דורכאויס די טעג האָבן די סאַטמאַרער קהלות קדושות אין ירושלים בני ברק און בית שמש מיטגעלעבט אַ רייע געהויבענע מעמדים און מאורעות, וועלכע האָבן איבערגעלאָזט אַ טיפן רושם אויף די חברי הקהילה די בכל אתר ואתר, ווען הויפטזעכליך זענען די מאורעות אָפּגעראָכטן געוואָרן בחצרות בית ה' בתוככי ירושלים. ווי מיר וועלן אי"ה פּרובירן צו ברענגען אין די קומענדיגע שורות אַ קורצן איבערזיכט פון די ימים המבורכים פאַר סאַטמאַרער חסידים אין ארה"ק.

### דאָנערשטאָג פרשת עקב – כ"א מנחם אב

דאָנערשטאָג נאָכמיטאָג איז הגה"צ מורינו שליט"א אָנגעקומען קיין ארץ ישראל, וואו עטליכע חברי הנהלת הקהילה והמוסדות האָבן אָפּגעוואַרט אין לופטפעלד.

פון עירפּאָרט איז דער רב שליט"א אנגעקומען אין קרית ויואל משה, ירושלים, און נאָך אַ קורצער צייט אָפּשניט צוגעפאָרן צום שטוב פון הרה"ג ר' אברהם יצחק באַרמינקאָ שליט"א, וואו עס איז פאָרגעקומען דער 'מעמד כתיבת האותיות' פאַר דער ספר תורה וואָס איז געשריבן געוואָרן דורך משפחת ראָטשילד הרוממה, לע"נ זייערע חשוב'ע עלטערן.

נאָכ'ן שרייבן דעם לעצטן אות, האָט מען געמאַכט 'הגבה וגלילה', און דער רב שליט"א האָט איבערגענומען די ספר תורה און איז אַרויס לרחובה של עיר מיט ריקודין של שמחה, ווען אַ גרויסער ציבור האָט אָפּגעוואַרט אינדרויסן, און מקבל געווען די תורה בשמחה וגיל. אויך האָבן די ילדי התשב"ר געשפּאַנט פאָרנט פונעם ציבור באבוקות של אור לענגאויס די גאַסן, בית ישראל, זאנענפעלד, מאה שערים און יואל ביזן אנקומען לעבר ביהמ"ד 'אהל רחל' ד'סאַטמאַר.

אין ביהמ"ד אהל רחל האָט דער רב שליט"א ווידעראַמאָל געטאַנצט מיט דער ספר תורה, און דערנאָך געטאַנצט די ריקודי קודש מיט די דייני ופני הקהילה וכל הציבור. נאָך לאַנגע ריקודין של מצוה האָט מען אַריינגעלייגט דער ספר תורה אין ארון הקודש, דער רב שליט"א האָט דאַן פאָרגעזאָגט 'לדוד מזמור', און דערנאָך איז דער ציבור אַריבער נעמען שלום.

נאָך דער הכנסת ספר תורה איז דער רב שליט"א געגאַנגען באַשיינען עטליכע שמחות פון חברי הקהלה, די חתונה פון בת הרה"ג ר' ישראל יעקב יאזשעף שליט"א - חתן הגאון המופלג ר' דוד יואל ווייס שליט"א, מח"ס מגדים חדשים, חבר ועד שקל הטהור בארה"ק וחבר הנהלת העדה החרדית, און די שבע ברכות פון אַ תלמיד הישיבה אין קוממיות בן הרה"ח ר' שמואל יקותיאל פעקעטע שליט"א, עב"ג בת הרה"ח ר' אברהם יעקב העלד שליט"א יו"ר משוררי בית סאַטמאַר ירושלים, און שמחת השבע ברכות פון בת הרה"ח ר' יהושע לאווינגער שליט"א - חתן הגאון הגדול רבי שלמה יודא הירש שליט"א דומ"ץ הקהילה.

שפּעטער בייַנאַכט האָט זיך דער רב שליט"א צוריקגעקערט צו דער סעודת מצוה, וואָס איז אָפּגעראָכטן געוואָרן אויף אַ גרויסן פאַרנעם פאַר די הונדערטער בני משפחת ראָטשילד לכבוד דער הכנסת ספר תורה. דער רב שליט"א האָט דאָרט אויפגעטרעטן מיט דברות קודש און מעלה געווען זכרונו הטוב פון דעם ראש המשפחה הרה"ח ר' אליעזר ראטשילד ז"ל און אַרומגעשמועסט בענין שמחת התורה ובשבח המשפחה.

אויך איז דער רב שליט"א אַרויס אין אַ טאַנץ מיט החתן בן הרה"ח ר' נפתלי ראטשילד שליט"א תלמיד הישיבה גדולה אין קוממיות, וואָס די סעודת מצוה לכבודה של תורה איז אָפּגעראָכטן געוואָרן צוזאַמען מיט דער שמחת השבע ברכות לכבוד שמחת חתן וכלה.

### שבת קודש פרשת עקב – כ"ג מנחם אב

פרייטאָג צונאַכטס האָט הגה"צ מורינו שליט"א אָפּגעראָכטן די תפילות אין ביהמ"ד ויואל משה וואו ער איז צוגעגאַנגען לפני התיבה, נאָכ'ן דאַווענען איז דער ציבור אַריבער אַ לאַנגע צייט זאָגן 'אַ גוט שבת' און 'שלום עליכם'.

אַרום צוועלף אַזייגער איז דער רב שליט"א אַריינגעקומען צום 'שבת אחים' אין היכל ביהמ"ד הגדול ויואל משה, וואו עס זענען זיך צונויפגעקומען הונדערטער חברי הקהילה ובחורי הישיבות, דורכאויס דער באָטע האָט מען געזונגען די זמירות שבת מיט אַ וואַרעמקייט, און געהערט דברי תורה פון רב שליט"א.

ביי דער תורה האָט דער רב שליט"א אַרומגעשמועסט אַ שיינעם דרוש אויף די וואָכעדיגע סדרה, און באַטאָנט די נושא פון עוסק זיין בעבודת ה' מיט אַ חיות דקדושה, ספּעציעל חודש אלול ווען עס ליגט אַ פליכט צו מעורר זיין דער חיות דקדושה וואָס איז דאָ אין יעדן איד.

שבת בייטאָג האָט דער רב שליט"א אָפּגעראָכטן די תפילות אין ביהמ"ד 'אהל רחל', ווען נאָכ'ן דאַווענען איז געפּראַוועט געוואָרן אַ קידושא רבה פאַר'ן גאַנצן ציבור לכבוד דער שמחת 'הכנסת ספר תורה' פון משפחת ראָטשילד.

רעוא דרעוין האָט דער רב שליט"א געפּראַוועט אין ביהמ"ד ויואל משה, וואו עס זענען זיך צונויפגעקומען אַ ריזן ציבור חברי הקהלה ובחורי הישיבות וועלכע זענען געשטאַנען אויף די פּאַרענטשעס, די זמירות זענען געזונגען געוואָרן מיט גרויס התעוררות.

ביי די תורה האָט דער רב שליט"א אַרומגעשמועסט איבער דעם ענין פון צוזאַמפלעכטן תשובה מיט תפילה, וואָס די כוחות פון ביידע צוזאַמען איז דער ריכטיגער וועג פון מטהר זיין דעם נפש און זיך גרייטן צו די הייליגע טעג הבעל"ט.

נאָכ'ן בענטשן האָט דער רב שליט"א געזאָגט די שבע ברכות לכבוד די 5 חתנים וואָס זענען דאָרט געווען, און מיט ברכה אחריתא האָט דער רב שליט"א מכבד געווען הגאון הגדול רבי משה זאב זאָרגער שליט"א, דומ"ץ הקהלה ובעל 'וישב משה'.

### זונטאָג פרשת ראה – כ"ד מנחם אב

זונטאָג פאַרמיטאָג איז פאָרגעקומען במעונו פון הגה"צ מורינו שליט"א אַן אסיפת הנהלת מוסדות יטב לב, און מינוי מנהל המוסדות (זע באַריכט אין באַזונדערן באַקסל).

שפּעטער אין טאָג איז פאָרגעקומען קבלת קהל, ווען חברי הקהילה זענען אַריינגעקומען צום רב שליט"א זיך דורכשמועסן פילע עניני הכלל

## נאָבעלע מאמענטן ביי מסיבת לחיים ומינוי מנהל המוסדות איש המעש הרה"ח ר' ישכר דוב פויגל שליט"א

ירושלים - אַ זעלטענע אסיפת הנהלת מוסדות יטב לב דרב"י מסאַטמאַר ביה"ק ירושלים ת"ו, איז פאָרגעקומען זונטאָג צופרי פרשת ראה כ"ד מנחם אב, ווען די חברי הנהלת המוסדות זענען זיך צונויפגעקומען במעונו פון הגה"צ מורינו שליט"א.

דער אסיפה איז געפּראַוועט געוואָרן צוזאַמען מיט אַ 'מסיבת לחיים' לרגל דער מינוי פון אַ נייעם 'מנהל המוסדות' נאָך דעם שווערן פארלוסט פארלאפענעם ט"ז סיון, מיטן פטירה פון דער לעגענדארער מנהל מוסדות יטב לב ד'סאַטמאַר ירושלים הרה"ח ר' יוסף ראזענבערג ז"ל.

ביים מסיבת לחיים האָט הגה"צ דער רב שליט"א, איבערגעגעבן פאַר הרה"ח ר' ישכר דוב פויגל שליט"א אַ 'מכתב קודש' פון זיין גרויסער פאטער כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, ווי ער נעמט אים אויף לכהן פאר אלס 'מנהל המוסדות', און אנפירן די הייליגע אימפעריע פון 'מוסדות יטב לב' אין פלטרין של מלך.

דער בריוו שליט"א פאנגט זיך אָן מיט אַ דרישת שלום ווי דער רבי שליט"א דרוקט אויס זיינע געפילן הערנדיג איבער די הצלחה פון די הייליגע מוסדות און די הרחבת גבולי הקדושה פארן בנין פון דער מיידל שולע, דערנאָך באַטאָנט דער רבי שליט"א דעם שווערן פארלוסט מיטן פטירה פון דער מנהל הרה"ח ר' יוסף ראזנבערג ז"ל.

דאן לייגט זיך דער בריוו: "וכעת כאשר גדולה היא האבידה מחובתינו לאמץ ברכיים כושלות ולמלאות את החסרון, לבל יפלו מוסדותינו הק' אחור ואדרבה להמשיך הלאה ביתר שאת וביתר עז, ולכן חזיתי איש מהיר במלאכתו ה"ה ידידינו איש האשכולות עושה גדולות מוה"ר ישכר דוב פויגל הי"ו אשר כבר איתמחי גברא ואיתמחי קמיע, וביודעי ומכירי קאמינא, בהיותו עסקן נאמן לכל קדשי קהלתינו ומוסדותינו הק' זה רבות בשנים, והכל עשה ועושה ומעשה בכוונה רצוי' למען שלא יחטיא המטרה, ולכן כי לו נאה כי לו יאה להתמנות בתור מנהל המוסדות הק'."

"ובמטותא מנייכו וכל הקהל הקודש הזה ההורים החשובים שיחי' להטות שכם אחד, לחזקו ולעודדו, למען יוכל עמוד ולהצליח בפעליו, ואתו עמו גם נתוספו חברי הנהלה חדשים, אנשי חיל עושים ומעשים, שיעמדו ביחד עמכם לרומם את קרן מוסדותינו הק', חזקו ואמצו לעשות חיל, וה' הטוב יהי' בעזריכם למען כבוד שמו יתברך.

נאָכ'ן איבערגעבן דעם בריוו האָט דער רב שליט"א געוואונטשן לחיים פאַר'ן נייעם מנהל און פאַר די חברי הנהלת המוסד, צווישן זיי דער נייער חבר הנהלה הרה"ח ר' שלמה מאיר ראָזנבערג שליט"א, וואָס איז אַריינגעקומען אין דער הנהלה במקומו פון זיין פאָטער דער מנהל ר' יוסף ז"ל.

נאָך דעם לחיים, האָבן די חברי הנהלה אַרומגעשמועסט מיט'ן רב איבער פאַרשידענע ענינים, צווישן אַנדערע איבער פאַרשידענע אָנגעלעגנהייטן אינערהאלב די תלמוד תורה און די ישיבה גדולה.

# מעמד קידוש ה' חלוקת קרן ויואל משה פאַר די אָרגאַניזאַציעס וועלכע ראַטעווען נשמות פון גזירות הגיוס

ירושלים – געהויבענע מאמעטן פון קידוש ה' און חיזוק פאר די לוחמי מלחמות ה' להצלת נשמות בחורי ובנות ישראל איז פאָרגעקומען דעם פארגאַנגענעם מאָנטאָג פרשת שופטים, ב' אלול, אין ירושלים עיר הקודש בראשות הגה"צ מורינו שליט"א.

ביים מעמד האָבן אַנטייל גענומען די אַרבעטער פון די באַרימטע אָפּיסעס יד להושיע, מרכז הצלה און הצלה לאחים וועלכע זענען צונויפגענומען אונטערן שירעם אָרגאַניזאַציע 'קרן ויואל משה' פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א צו שטיצן די מלחמה קעגן גזירות הגיוס אין ארה"ק.

ביים מעמד וואָס איז דאָסמאָל פאָרגעקומען אויף אַ גרויסן פאַרנעם לכבוד דעם באַזוך פון הגה"צ מורינו שליט"א אין ארה"ק, זענען געהערט געוואָרן שטאַרקע דיבורים בשבח די חשוב'ע עסקנים וועלכע זענען טאָג טעגליך אַריינגעטון אין דער מלחמה קעגן גזירות הגיוס, צווישן די בעלי דרשנים זענען געווען הרה"ח ר' נחמן געווירץ שליט"א און הרה"ג המשפיע ר' שאול סירוטה שליט"א.

מטעם די אָפּיסעס האָבן אויפגעטרעטן הרה"ח ר' מענדל טעפּ הי"ו, הרה"ח ר' יואל מינצבערג הי"ו, ווען הרה"ח ר' יואל סעמעליועס הי"ו און הרה"ח בנימין טעפּ הי"ו האָבן אַרויסגעברענגט די דאַנקבארע געפילן פון די עוסקים במלאכת הקודש פאַר די חשוב'ע עסקנים פון קרן ויואל משה אין אַמעריקע.

די צענטראַלע דרשה איז געהערט געוואָרן פון הגה"צ מורינו שליט"א וואָס האָט געלאָזט הערן דברי חיזוק והערצה פאר די חשובע עוסקים במלאכת הצלת נשמות, און דערנאָך האָט ער פאַרטיילט די תמיכת קרן ויואל משה פאר די עסקני האָפּיסעס און געשמועסט פּערזענליך מיט די חשוב'ע ראשי העסקנים.

דער מעמד איז באַשיינט געוואָרן דורך חברי הבד"ץ העדה החרדית און חשוב'ע פני וזקני ירושלים של מעלה וועלכע האָבן אויסגעדרוקט דאַנקבארע געפילן פארן רב שליט"א וואָס שטייט שטענדיג לימין די פעולות הקודש להגנת הדת בארה"ק.

---

והפרט.

אויך איז דער רב שליט"א געפאָרן צום 'הדסה עין כרם' שפּיטאל צו ביקור חולים ביי הגאון הגדול רבי שלמה יודא הירש שליט"א, דומ"ץ קהל יטב לב ד'סאַטמאַר, חבר הבד"ץ העדה החרדית ורב הפוסק של ועד השחיטה שע"י העדה החרדית ומח"ס מנחת ש"י.

אין די אָוונט שטונדן איז דער רב שליט"א געקומען מפאר זיין אַ מסיבה נכבדה לטובת דער ישיבה גדולה יטב לב ד'סאַטמאַר אין ישוב קוממיות, דער מסיבה איז פאַררופן געוואָרן דורך הרה"ח ר' ישכר דוב פויגל שליט"א, הרה"ח ר' משה יחיאל ראָטה שליט"א און הרה"ח ר' שלמה מאיר (בר"י) ראָזנבערג שליט"א, און ס'איז באַקרוינט געוואָרן מיט אַ שטאַרקן סוקסעס.

ביים מסיבה האָט אויפגעטרעטן הרה"ג ר' דוד שבתי קליין שליט"א מרביץ תורה אין די קהלה קדושה, דערנאָך איז געהערט געוואָרן דברות קודש פונעם רב שליט"א בשבח הישיבה און איבער דער וויכטיגקייט אַז די חברי הקהלה אין ירושלים זאָלן זיך אָנשטרענגען פאַר'ן קיום פון דער הייליגער ישיבה אין קוממיות.

## מאָנטאָג פרשת ראה – כ"ה מנחם אב

מאָנטאָג דורכאויס דעם טאָג האָט הגה"צ מורינו שליט"א אויפגענומען דעם ציבור אויף קבלת קהל, און די מיטאָג צייט איז ער געקומען באַשיינען די שמחת השבע ברכות לנישואי אַ חתן תלמיד הישיבה אין קוממיות, בן הרה"ח ר' מנחם מענדל זאב וואַלערשטיין שליט"א מנהל מוסדות יטב לב, עב"ג בת הרה"ח ר' מאיר יודא קליין שליט"א, וואו דער רב שליט"א האָט געוואונטשן לחיים און געטאַנצט מיט'ן חתן און די מחותנים.

ביינאַכט האָט דער רב שליט"א באַשיינט די צענטראַלע סעודת הילולא רבתי לעי"נ מרן רביה"ק זי"ע, וואָס איז געפּראַוועט געוואָרן אינאיינעם מיט'ן דינער השנתי לטובת דער ישיבה גדולה אין קוממיות, ווי דער רב שליט"א האָט מפאר געווען בראש דער ריזיגער ציבור און הגאו"צ מנהיגי קהלות הקודש וחברי הבד"ץ העדה החרדית שליט"א.

ביים מעמד האָט דער רב שליט"א משמיע געווען מדברות קדשו בעניני השעה ובדברים הצריכים חיזוק.

## דינסטאָג פרשת ראה – כ"ו מנחם אב

דינסטאָג גלייך צופרי איז הגה"צ מורינו שליט"א אַרויסגעפאָרן קיין קוממיות צו דאַווענען שחרית אין ישיבה של רבי צוזאַמען מיט די חשוב'ע תלמידים, דער רב שליט"א האָט געדאַווענט שחרית פאַר'ן עמוד לכבוד די הילולא קדישא פון מרן רביה"ק זי"ע.

נאָכ'ן דאַווענען איז פאָרגעקומען אַ מעמד לחיים לכבוד דער הילולא קדישא, ווי דער רב שליט"א האָט ברייט אַרומגעשמועסט וויכטיגע יסודות פאַר די בחורי חמד במשנתו של מרן רביה"ק בעל ההילולא זי"ע.

שפּעטער האָט דער רב שליט"א אויפגענומען פּריוואַט די תלמידי שיעור ג' און שיעור ד', און אויך די בחורים פון שיעור א' תשפ"ג וועלכע זענען געקומען פון אַנדערע ישיבות קיין קוממיות, און זיי זענען שוין אַריינגעקומען אין ישיבה אינמיטן חודש אב.

מיטאָג צייט איז דער רב שליט"א צוריקגעפאָרן קיין ירושלים וואו ער האָט באַשיינט דער מעמד קידוש ה' חלוקת שקל הטהור פאר איבער 160 מוסדות חינוך הטהור על טהרת הקודש, ומה נהדר היה המחזה בשעת די מנהלים האָבן ערהאלטן די תמיכה פון רב שליט"א און געבעטן איבערגעבן דעם ישר כח פאר אביו הגדול כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א (פולער באַריכט ערשינען אין 'וואכנשריפט' פארגאנגענע וואך).

ביינאַכט האָט דער רב שליט"א אויפגענומען אינעדערהיים די הנהלה פון קהל יטב לב ד'סאַטמאַר בית שמש, וועלכע זענען געקומען דורכשמועסן פאַרשידענע ענינים בנוגע דער קהלה קדושה און די הרחבת גבולי הקדושה.

## מיטוואָך פרשת ראה – ז"ך מנחם אב

מיטוואָך צופרי איז הגה"צ מורינו שליט"א אַרויסגעפאָרן קיין בני ברק, וואו ער האָט געדאַוונט שחרית אין ביהמ"ד 'ברך משה', וואו ס'איז דערנאָך פאָרגעקומען דער שמחת הברית פארן רך הנולד בן האברך הר"ר אליעזר שטויבער הי"ו בן הרה"ח ר' מרדכי שמואל שטויבער שליט"א חתן הרה"ח ר' שמואל מאיר אילאָוויטש שליט"א, דער רב שליט"א איז מכובד געוואָרן מיט סנדקאות.

נאָכ'ן ברית איז דער רב שליט"א געקומען באַזוכן אין דעם האָטעל 'מלון בני ברק' אין צענטער פון שיכון קרית יואל בני ברק, וואָס ווערט רענאָווירט אין די וואָכן כדי צו קענען אַקאָמאָדירן דאָרט די תלמוד תורה יטב לב ד'סאַטמאַר בני ברק.

דערנאָך איז דער רב שליט"א געקומען באַזוכן דעם לאָקאַל פון דער סעמינאַר וואָס ווערט אויך הערליך רענאָווירט, און דערנאָך איז ער געגאַנגען צו דעם אָפּיס פון די מוסדות, וואו עס איז פאָרגעקומען אַן אסיפה פון רב שליט"א צוזאַמען מיט די הנהלת מוסדות יטב לב ד'סאַטמאַר בני ברק.

שפּעטער אין טאָג איז דער רב שליט"א געפאָרן קיין בית שמש, וואו ער איז צום ערשט געפאָרן באַזוכן ביי הגה"צ רבי יהושע ראזנבערגער שליט"א מרא דאתרא קרית הרמ"א וואו ס'איז געפירט געוואָרן אַ שיינער שמועס במשנת מרן רביה"ק זי"ע.

פון דאָרט איז דער רב שליט"א געפאָרן צום שטוב פון הרה"ח ר' חיים אליעזר וויזל שליט"א מנכבדי הקהלה, וואו דער רב שליט"א האָט



נעמט א חלק אינעם
גרעסטען הכנסת אורחים
אפאראט אין די שטאט

$180 ארוחת בוקר › זכות פרישטאג
$360 ארוחת ערב › זכות נאכטמאל
$500 סעודה למנין
$720 סעודת הודאה
$1,000 פרנס היום
$5,000 פרנס השבוע

מרב"ה לשובע
ר' ישעי'לע'ס קאך
לע"נ הרה"ק רבי ישעי' ב"ר משה זי"ע

צו ספאנסערן רופט אונזער עסקן מוה"ר זלמן לייב פריעדמאן אויף: 845.261.1600 #2 #3

אויפגענומען דעם ציבור חברי הקהלה פאר קבלת קהל, אין דער באשטימטע צייט איז דער רב שליט"א געקומען באַשיינען דער כינוס חברי הקהלה לכבוד די הילולא קדישא פון מרן רביה"ק זי"ע.

נאָכ'ן סעודת הילולא האָט זיך דער רב שליט"א אומגעקערט צום שטוב פון ר' חיים אליעזר ווייזל פאר קבלת קהל, און דערנאָך איז דער רב שליט"א אַרויס מיט די חברי הנהלת הקהלה צום שטח וואו מען וועט אי"ה אין די קומענדיגע וואכן אנפאנגען די ארבעט צו בויען דער בית המדרש הגדול דקהל יטב לב ד'סאַטמאַר אין בית שמש.

## דאָנערשטאָג פרשת ראה – כ"ח מנחם אב

דאָנערשטאָג פאַרמיטאָג, ער"ח אלול מוקדם, איז הגה"צ מורינו שליט"א אַריינגעקומען אין היכל ביהמ"ד 'ויואל משה' צו אמירת כל ספר תהלים און יום כיפור קטן, הרה"צ רבי אברהם כהנא שליט"א מנהל רוחני בישיבה קטנה יטב לב ד'סאַטמאַר ירושלים האָט געדאַווענט פאַר'ן עמוד.

אין די אווענט שטונדן איז דער רב שליט"א אַרויף צום שטוב פון ש"ב הרה"ג ר' מענדל ענגלארד שליט"א, וואו ער האָט געשריבן אותיות אין די ספרי תורה וואָס זענען אַריינגעגעבן געוואָרן לע"נ זיינע צוויי חשוב'ע זין פון די קדושי מירון ע"ה. שפעטער ביינאכט איז דער רב שליט"א אויך געגאַנגען אנטיילנעמען ביי דער סעודת מצוה לגומרה של תורה.

אויך איז דער רב שליט"א געקומען באַשיינען אַ 'מסיבת לחיים' אין 'שטיבל הגדול' פון ביהמ"ד ויואל משה, לכבוד דער סיום פון צווייטן מחזור לימוד שו"ע או"ח הנוגעים למעשה, ביים טעגליכער שיעור פון 20 מינוט וואָס ווערט פאָרגעלערנט דורך הרב הגאון רבי צבי אריה זארגער שליט"א דומ"ץ הקהילה.

ביים מעמד האָט דער רב שליט"א משמיע געווען מדברות קדשו איבער דער ענין פון לעבן מיט הלכה ביי שטייגערליכע הליכות עולם, וואָס כאטש ס'איז לייכט צו מקיים זיין, זענען מענטשן מזלזל אין לערנען די הלכות, און דאַן נאָכגעזאָגט דאָס וואָרט פון מרן רביה"ק זי"ע אויף די גמרא "אמר ליה רבא לרפרם בר פפא אימא לי מר מהני מילי מעלייתא דבי כנישתא וכו' אוהב ה' שערי ציון מכל משכנות יעקב וכו' שערים המצויינין בהלכה" אז אַ איד דארף אייביג זיין אַ מוסיף והולך, און אויך ווען ער גייט אין גאס זאל ער זיין אין אַ מצב פון עליה דורכדעם וואָס ער פירט זיך ווי די הלכה פאדערט.

דער מגיד שיעור הרב הגאון רבי צבי ארי' זארגער שליט"א האָט אויך אויפגעטראטן מיט טרעפליכע דיבורים, איבער די מעלה פון ענדיגן דעם מחזור לימוד ההלכה צום צווייטן מאל, און באַטאָנט דאָס וויכטיגקייט פון לערנען הלכה למעשה וואָס ס'איז דא דערויף אַ ספעציעלע התגברות היצר, און נאָכגעזאָגט פון דער ספר 'צוואת הריב"ש' איבער דעם חיוב פון קובע זיין אַ טעגליכער שיעור אין הלכה למעשה.

נאָך דער מעמד איז דער רב שליט"א אַרויסגעפאָרן מיט אַ באַשיידענער ציבור קיין אתרא קדישא מירון, וואו מ'האָט אויסגעזאָגט תהלים פון קאַפיטל צ' ביזן סוף, און זיך אויסגעבעטן אלעס גוטס לישועות הכלל והפרט.

## שבת קודש פרשת ראה – אדר"ח אלול

פרייטאָג צונאַכטס האָט הגה"צ מורינו שליט"א געדאווונט אין ביהמ"ד 'ויואל משה', און פאָרגעדאווונט מנחה פאַר'ן עמוד, נאָך מעריב איז דער ציבור אַריבער זיך וואונטשן מיט 'א גוט שבת', דערנאָך איז דער רב שליט"א אַרויף אויף ביקור חולים אין שטוב פון הגאון הגדול רבי שלמה יודא הירש שליט"א דומ"ץ הקהילה וחבר הבד"ץ העדה החרדית.

אַרום צוועלף אַזייגער איז דער רב שליט"א אַריינגעקומען צום 'שבת אחים' וואָס האָט זיך פאַרצויגן אַרום צוויי שעה בזמירות שירות ותשבחות לחי עולמים, דורכאויס דער באָטע האָט דער רב שליט"א משמיע געווען דברי תורה איבער דעם ענין וויאזוי אַ איד קען אויפוועקן דער אור הנשמה וואָס ליגט אינערליך אין יעדן איד.

שבת בייטאָג האָט דער רב שליט"א אויך אָפּגעראָכטן די תפילות אין ביהמ"ד ויואל משה, וואו ער איז צוגעגאַנגען לפני התיבה אויף שוכן עד, שחרית און הלל. די תפילה איז געווען מיט אַ שטארקן קאך און התעוררות.

רעוא דרעוין האָט דער רב שליט"א געפראַוועט אין ביהמ"ד אהל רחל, און דערביי ברייט אַרומגעשמועסט ביי דער תורה איבער די סגולת לימוד התורה הק', און וויאזוי דאָס איז דער פאסיגע הכנה צו די הייליגע טעג הבעל"ט.

מוצאי שבת איז דער רב שליט"א געקומען באַשיינען דער שמחת הפאָרשפיל פון ש"ב הרה"צ רבי יצחק האלפערין שליט"א מוואסלוי, וואו דער רב שליט"א האָט אָנגעוואונטשן דער חתן און די מחותנים.

דערנאָך איז דער רב שליט"א געקומען צו אַ מלוה מלכה צוזאַמען מיט די חשוב'ע בחורים יוצאי הישיבה, ווען ער האָט דערביי געשמועסט מיט די בחורים און משמיע געווען דברי חיזוק והכנה צו די ימי הרחמים והסליחות.

## זונטאָג פרשת שופטים – בדר"ח אלול

זונטאָג צופרי איז הגה"צ מורינו שליט"א געקומען דאַווענען שחרית אין היכל הישיבה קטנה, וואו ער האָט פאָרגעדאַוונט הלל פארן עמוד, נאָכ'ן דאַווענען איז פאָרגעקומען אַ מסיבת לחיים לכבוד ראש חודש, ווען ער האָט דערביי אויפגעטראטן מיט דברות קודש און באַטאָנט זיין זכי' און תענוג צו דאַווענען מיט די תלמידי הישיבה, און אויך געלאָזט הערן דברי הכנה פאר די ימי הרחמים והסליחות און פאר די וואכן פון סוף זמן.

דורכאויס דעם טאָג זענען פאָרגעקומען עטליכע אסיפות במעונו פון דער רב שליט"א צווישן אַנדערע מיט די הנהלה רוחנית פון דער ישיבה גדולה אין קוממיות, די הנהלת רוחנית פון דער ישיבה קטנה אין ירושלים, די ועד הנהלה רוחנית פון בית חינוך לבנות שע"י מוסדות יטב לב און די הנהלת התאחדות הבחורים ד'סאַטמאַר בארה"ק.

אין די אווענט שטונדן איז דער רב שליט"א געקומען משמיע זיין דברי הספד ביים עצרת מספד ככלות השלושים פון דער גדול הדור כ"ק מרן הגה"ק גאב"ד ירושלים זצוק"ל בעל השערי טובי' וואָס איז פאָרגעקומען אין ביהמ"ד כתב סופר שע"י כולל שומרי החומות.

נאָך דער עצרת איז דער רב שליט"א געגאַנגען מפאר זיין דער בר מצוה פון בן הרה"ח ר' ליפא לעווינגער שליט"א, דערנאָך איז דער רב שליט"א געקומען באַשיינען דער מסיבה לטובת מוסדות עטרת יהושע פון בית שמש, וואָס איז פאַררופן געוואָרן דורך הרה"ח ר' אהרן עקשטיין שליט"א, דארט האָט דער רב שליט"א געטרינקען לחיים און געשמועסט מיטן בעל אכסניא און די מנהלי המוסדות בראשות הגה"צ רבי יהושע ראזענבערגער שליט"א נשיא המוסדות.

## מאָנטאָג פרשת שופטים – ב' אלול

מאָנטאָג צופרי איז הגה"צ מורינו שליט"א געקומען דאַווענען שחרית אין היכל פון תלמוד תורה יטב לב צוזאַמען מיט די קינדער פון די עלטערע כתות, נאָכ'ן דאַווענען איז פאָרגעקומען אַ מסיבת לחיים ווי עס האָט אויפגעטראטן דער מרביץ תורה הרה"ג ר' מאיר פריש שליט"א, מ'האָט געזינגען ניגוני התעוררות שפעטער האָט מען געהערט אַ שטארקער שמועס פון רב שליט"א פאר די צאן קדשים.

נאָכ'ן מעמד לחיים איז דער רב שליט"א אַראָפּ אויפ'ן אונטערשטן שטאק פונעם תלמוד תורה וואו עס זענען געווען פארזאמלט די ילדי התשב"ר פון די נידריגע קלאסן, דער רב שליט"א האָט קובע געווען אַ מזוזה אויפ'ן טיר פון אַ נייע צימער וואָס מ'האָט געבויעט צו לערנען עברי פריוואַט מיט די קינדער, דערנאָך האָט דער רב שליט"א געטרינקען לחיים און אָנגעוואונטשן די צאן קדשים.

דאן איז דער רב שליט"א אַריין באזוכן אין אָפיס פון דעם נייעם מנהל המוסדות הרה"ח ר' ישכר דוב פויגל שליט"א און דערנאָך אַרויף מבקר חולה זיין בביתו פון דער לעגענדארער מלמד מומחה הרה"ח ר' חיים הערש גראס שליט"א.

אין די נאָכמיטאָג שעה'ן איז פאָרגעקומען אן אסיפה במעונו פון דער רב שליט"א צוזאַמען מיט די ראשי החבורות פון כולל יטב לב

# איבער הונדערט סאַטמאַרער יונגעלייט פון ארה"ק ווערן באַהערט ביי כינוס 'אשרינו' פאַר'ן זיך גענצליך אָפּשיידן פון יעדע טעכנאָלאָגישע נעטוואָרק

ירושלים - אַ זעלטענע אסיפת הנהלת מוסדות יטב לב דרב"י מסאַטמאַר ביה"ק ירושלים ת"ו, איז פאָרגעקומען זונטאָג צופרי פרשת ראה כ"ד מנחם אב, ווען די חברי הנהלת המוסדות זענען זיך צונויפגעקומען במעונו פון הגה"צ מורינו שליט"א.

דער אסיפה איז געפּראַוועט געוואָרן צוזאַמען מיט אַ 'מסיבת לחיים' לרגל דער מינוי פון אַ נייעם 'מנהל המוסדות' נאָך דעם שווערן פארלוסט פארלאפענעם ט"ז סיון, מיטן פטירה פון דער לעגענדארער מנהל מוסדות יטב לב ד'סאַטמאַר ירושלים הרה"ח ר' יוסף ראזענבערג ז"ל.

ביים מסיבת לחיים האָט הגה"צ דער רב שליט"א, איבערגעגעבן פאר הרה"ח ר' ישכר דוב פויגל שליט"א אַ 'מכתב קודש' פון זיין גרויסער פאטער כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, ווי ער נעמט אים אויף לכהן פאר אלס 'מנהל המוסדות', און אנפירן די הייליגע אימפעריע פון 'מוסדות יטב לב' אין פלטרין של מלך.

דער בריוו שליט"א פאנגט זיך אן מיט אַ דרישת שלום ווי דער רבי שליט"א דרוקט אויס זיינע געפילן הערנדיג איבער די הצלחה פון די הייליגע מוסדות און די הרחבת גבולי הקדושה פארן בנין פון דער מיידל שולע, דערנאָך באַטאָנט דער רבי שליט"א דעם שווערן פארלוסט מיטן פטירה פון דער מנהל הרה"ח ר' יוסף ראזנבערג ז"ל.

דאן ליינט זיך דער בריוו: "וכעת כאשר גדולה היא האבידה מחובתינו לאמץ ברכיים כושלות ולמלאות את החסרון, לבל יפלו מוסדותינו הק' אחור ואדרבה להמשיך הלאה ביתר שאת וביתר עז, ולכן חזיתי איש מהיר במלאכתו ה"ה ידידינו איש האשכולות עושה גדולות מוה"ר ישכר דוב פויגל הי"ו אשר כבר איתמחי גברא ואיתמחי קמיע, ובידועי ומכירי קאמינא, בהיותו עסקן נאמן לכל קדשי קהלתינו ומוסדותינו הק' זה רבות בשנים, והכל עשה ועושה ומעשה בכוונה רצוי' למען שלא יחטיא המטרה, ולכן כי לו נאה כי לו יאה להתמנות בתור מנהל המוסדות הק'."

"ובמטותא מנייכו וכל הקהל הקודש הזה ההורים החשובים שיחי' להטות שכם אחד, לחזקו ולעודדו, למען יוכל עמוד ולהצליח בפעליו, ואתו עמו גם נתוספו חברי הנהלה חדשים, אנשי חיל עושים ומעשים, שיעמדו ביחד עמכם לרומם את קרן מוסדותינו הק', חזקו ואמצו לעשות חיל, וה' הטוב יהי' בעזריכם למען כבוד שמו יתברך.

נאָכ'ן איבערגעבן דעם בריוו האָט דער רב שליט"א געוואונטשן לחיים פאַר'ן נייעם מנהל און פאַר די חברי הנהלת המוסד, צווישן זיי דער נייער חבר הנהלה הרה"ח ר' שלמה מאיר ראָזנבערג שליט"א, וואָס איז אַריינגעקומען אין דער הנהלה במקומו פון זיין פאָטער דער מנהל ר' יוסף ז"ל.

נאָך דעם לחיים, האָבן די חברי הנהלה אַרומגעשמועסט מיט'ן רב איבער פאַרשידענע ענינים, צווישן אַנדערע איבער פאַרשידענע אָנגעלעגנהייטן אינערהאלב די תלמוד תורה און די ישיבה גדולה.

ד'סאַטמאַר ירושלים, וואו מ'האָט אויסגעשמועסט פאַרשידענע ענינים אַרום דעם התרחבות הכולל, אויך זענען די הנהלת קרן הצלה בארה"ק הרה"ח ר' דוד גדליה פויגל שליט"א און הרה"ח ר' שמחה אנשין שליט"א געקומען אויף אן אסיפהביים רב שליט"א.

אין די אָווענט שטונדן איז דער רב שליט"א געקומען אנטיילנעמען ביי אַ מחאה למען קדושת ירושלים קעגן דער 'רכבת הקלה' באן אין בר אילן געגענט אין ירושלים.

שפּעטער איז דער רב שליט"א אַרויף למעון קדשו פון כ"ק אדמו"ר ממשכנות הרועים שליט"א וואו ס'איז פאָרגעקומען אַ מעמד לחיים לרגל שמחת נישואי נכדו אין אַמעריקע, אויך איז דער רב שליט"א געקומען באזוכן אין די אָפיסעס פון מפעל 'שמעו' דבר ה', וואו ער האָט געהערט אַ באריכט איבער די פאַרצווייגע פעולות פון דער מפעל צו מרבה זיין שיעורים אין ספה"ק ויואל משה אינערהאַלב אַלע קהלות הקודש פון דער יהדות החרדית בארה"ק.

דאן איז דער רב שליט"א געקומען באַשיינען דער מעמד חלוקת קרן ויואל משה פאר די אָרגאַניזאַציעס וועלכע זענען עוסק בהצלת נשמות פון בחורי ובנות ישראל וועלכע זענען פאַרפּלאָנטערט מיט די ציוניסטישע מיליטערישע אינסטאַנצן (זע באַריכט אין באַזונדערן באַקסל).

נאָכ'ן מעמד איז דער רב שליט"א געפאָרן באַשיינען דער שמחת הבר מצוה פון ש"ב נכד כ"ק האדמורי"ם מלויצק און אלכסנדר שליט"א. און דערנאָך געגאַנגען זיך משתתף זיין ביים מסע הלויה פון ש"ב כ"ק אדמו"ר הגה"צ רבי שלמה גאלדמאן זצוק"ל מזוועהיל.

## דינסטאָג פרשת שופטים – ג' אלול

דינסטאָג דורכאויס דעם טאָג האָט הגה"צ מורינו שליט"א אויפגענומען דער ציבור חברי הקהלה פאר לאַנגע שעה'ן, אויך איז אין דעם טאָג פאָרגעקומען נאָך אַן אסיפה פון דער רב שליט"א צוזאַמען מיט דעם ועד הנהלה רוחנית פון דער בית חינוך לבנות בנות ישראל שע"י מוסדות יטב לב וואו מ'האָט דן געווען בענינים העומדים על הפרק.

אויך איז דער רב שליט"א געגאַנגען מבקר חולה זיין ביי הרה"ג ר' צבי ישראל איסר בן ברכה יוטא לרפואה שלימה, און לפנות ערב איז ער געפאָרן מפאר זיין דער שמחת החתונה פון בת הרה"ח ר' יעקב יודא בערקאָוויטש שליט"א.

ביינאַכט איז דער רב שליט"א געקומען באַשיינען דעם מעמד אשרינו וואָס איז אָפּגעראָכטן געוואָרן פאר חשוב'ע יונגעלייט וועלכע שיידן זיך געגנצליך אָפּ פון יעדע טעכנאָלאָגישע נעטוואָרק (זע באַריכט אין באַזונדערן באַקסל).

נאָכ'ן מעמד, איז דער רב שליט"א געגאַנגען באַשיינען די שמחת התנאים פון בת איש אמונו ונאמן ביתו הרה"ח ר' אריה לעבאָוויטש שליט"א וואו דער רב שליט"א האָט געליינט תנאים, דערנאָך איז ער געקומען באַשיינען דער שמחת החתונה פון בן הרה"ג ר' משה יחיאל פעקעטע שליט"א חתן הגאון הגדול רבי משה זאב זארגער שליט"א דומ"ץ הקהלה עב"ג בת הרה"ח ר' משה יודא קרעמער שליט"א, וואו דער רב שליט"א האָט געטאַנצט מיט דער חתן די מחותנים און דער זיידע הגאון הדומ"ץ שליט"א.

## מיטוואָך פרשת שופטים – ד' אלול

מיטוואָך צופרי איז הגה"צ מורינו שליט"א געקומען דאַווענען שחרית אין היכל הישיבה קטנה, און נאָכ'ן דאַווענען זענען די בחורים אַריבער איינציגווייז זיך אָנוואונטשן מיט אַ גוט יאר. דערנאָך איז דער רב שליט"א אַראָפּ אין היכל ביהמ"ד ויואל משה, וואו ס'איז פאָרגעקומען דער ברית פאַר בן האברך הר"ר יעקב שלום פּריש הי"ו, בן הרה"ג ר' מאיר שליט"א חתן הרה"ח ר' אליעזר שטיינבערג שליט"א, וואו דער רב שליט"א איז מכובד געוואָרן מיט סנדקאות.

ביים ברית האָט דער רב שליט"א זיך געטראָפן מיט כ"ק הגה"צ רבי יעקב מאיר שעכטער שליט"א, וואָס האָט ווארעם אָנגעוואונטשן דעם רב שליט"א און געבעטן אז דער רב שליט"א זאל אים אויך ווינטשן ציט אַ גוט יאר.

שפּעטער איז דער רב שליט"א געקומען אויף אַ באזוך אין תלמוד תורה 'דרכי שמואל' עטה"ק פון די ערליכע ליטווישע קרייזן, וואו מען לערנט אויף דער אידישער שפּראַך, דער רב שליט"א איז אַריין אין אַלע כתות און אָנגעוואונטשן די תלמידי המוסדות.

דורכאויס דעם טאָג איז דער רב שליט"א געגאַנגען מנחם אבל זיין ביי די קינדער פון ש"ב כ"ק אדמו"ר מזוועהיל זצוק"ל. אויך איז פאָרגעקומען ביים רב שליט"א אן אסיפה מיט הרה"ג ר' ישראל מאיר שושן שליט"א ראש ישיבת שערי תבונה און הרה"ג ר' שמואל תהלה שליט"א, וועלכע זענען עוסק בקדשים אוועקצושטעלן קהלות הקודש פון ספרדי'שע אידן על טהרת הקודש.

אין די אווענט שטונדן זענען די תלמידי מכינה לישיבה קטנה געקומען דאַווענען מנחה און מעריב במעונו פון דער רב שליט"א דערנאָך זענען די הנהלת הקהלה והמוסדות זיך געקומען געזעגענען פון רב שליט"א, אויך איז דאַן געקומען הרב הגאון רבי עקיבא וואָזנער שליט"א רב ועד משמרת ד'סאַטמאַר ירושלים.

אויפ'ן וועג צום עירפּאָרט איז דער רב שליט"א אַריינגעפאָרן אין בית שמש וואו ער האָט באַשיינט די שמחת החותנה במעון הקודש פון החתן תלמיד הישיבה אין קוממיות בן הרה"ח ר' יעקב יאקאב שליט"א און אויך ביי די חתונה פון החתן בן הרה"ח ר' נתן בנימין ראטה שליט"א.

פון בית שמש איז דער רב שליט"א אָפּגעפאָרן צום עירפּאָרט, און אָפּגעפלויגן צוריק קיין אַמעריקע, און דערמיט געשלאסן די געהויבענע טעג פאר תלמידי וחסידי סאַטמאַר בארה"ק וועלכע האָבן זיך אָנגעזעטיגט מיט די געהויבענע מעמדים און מאורעות וואָס האָט אויך געלאָזט אַ טיפן ווירקונג און דערהויבן דער קרן התורה.




בס"ד
קאַוויד איז
אריבער
סטימיולעס א
פארגאנגענהייט
עקאנאמיע
וואקעלדיג
קופת
הקהלה
למען נצרכי אנשי שלומינו
דקהל יטב לב סאטמאר
קרית יואל


ער דער
רלישע
רות איד
הימל-
ייענד!!!
ע פארמעגליכע בעלי יכולת, ווערן דערשטיקט
די דראסטיש הויכע פרייזן אין די געשעפטן!
עס איז פאר אונזערע ידידים און קרובים, אנ"ש,
וואס תמיד זענען מיר זיך משמח בשמחתן,
יעצט וועלן מיר זיך מצטער זיין בצרתן,
און פארגרינגערן דאס צו זיין צום יו"ט!
רופט אריין:
845.783.5688 #9
איר קענט די
פארגרינגערן
אריינטרעטן
אין יו"ט מיט
וואס הרחבה!

ודברי"ו חיי"ם וקיימים:

# מקום שהתפללו בו אבותי היסטארישע "קלאָוו וואָד" שטחים באשטימט געוואָרן דורך כ"ק אדמו"ר מצאַנז זמיגראַד שליט"א מיט קריאת שם אלס 'שכונת דברי חיים' נאך וואונדערליכע איסוואוקס פון עיר רבתי

קדושה ראשונה קודשה לשעתה ולעתיד:

## די הייליגע תשוקה און די געהויבענע תפלת מנחה לאזט רישומא קדישא מיטן איפבליה פון א פרישע שכונה מיט העכער 1,200 הייזער אינעם עיר מלוכה וועלכע טראגט מיט שטאלץ דער חותם המלך פון מרן רביה"ק זי"ע מסייד העיר רבתי - ולא נפל מדבריו ארצה

ווי שוין ברייט באריכטעט צווישן די שפאלטענעס פון "וואכנשריפט" מיט עטליכע חדשים צוריק, האָט אין די פאַרלאָפענע תקופה ב"ה אויפגעלעבט די גאַלאָפירנדע פראַגרעס אַרום דעם אויפבוי פון ריזיגן "קלאוו וואד" פראָיעקט, וואָס רוקט זיך אין אַ פאָזיטיוון ריכטונג, צו ברענגען בעז"ה אַ פלוס פון דירות אין דעם ווילעדזש.

די 'קלאוו וואוד' דעוואלאפמענט איז ליידער געווארן טרויעריג באקאנט אין די פארגאנגענע יארן, אלס א סימבאל פון אָפענע אנטיסעמיטיזם ווען די אידן - פיינט אין דער אומגעגנט האבן אין לויף פון 15 לאַנגע יאָרן! געטון אלעס אין זייער מעגליכקייט, מיט אומצאָליגע שיקאָנירונגען און געלט אויספרעסעריי, צו אָפּהאַלטן און שטערן דעם דעוועלאָפּמענט, צו פאַרזיכערן אַז דאָ ווערט קיינמאָל נישט געבויעט קיין פרישע הייזער פאַר אידישע קינדער.

אָבער לא לעולם חוסן, בחסדי השי"ת, באַלד נאָכדעם וואָס די ווילעדזש פירערשאַפט איז איבערגענומען געוואָרן דורך אַ סימפּאַטישע אַדמיניסטראַציע, איז געגעבן געוואָרן די גרינע ליכט זיך צו רוקן פאָראויס מיט דעם פאַרצויגענעם פראָיעקט. די היימישע באָורד מיטגלידער האָבן געטון צו דער זאַך, אַרויסצוהעלפן לינדערן דעם דירות מאַנגל, און זינט דאַן האָט דער פראָיעקט אָנגעהויבן פאָרן אויף די ריכטיגע רעלסן מיט אַקטיוועו און זאַכליכע פאָרשריט אויף טריט און שריט, ווען מען גרייט זיך אָט צו אָנהויבן די פאַקטישע בוי - אַרבעט, בשעה טובה ומצלחת.

צו דער זעלבער צייט רוען אָבער נישט די העסליכע עלעמענטן, הרשעים כים נרגש, און עס גייט באַשיינפערליך נישט אַריבער קיין 24 שעה אָן קיין פרישע מסירות טאָג טעגליך, וואָס ווערט אַריינגעגעבן ממש טאָג טעגליך, חדשים לבקרים, פאר די קאַונטי און סטעיט אַגענטורן.

וואוסנדיג אַז זיי קענען מער נישט נוצן דעם ווילעדזש פאר אַ שטעקן קעגן אידישע אינטערעסן, פרובירן זיי זייער מזל לויפנדיג צו די דעפארמענט








אָוו העלטה און די דעפּאַרטמענט אָוו ענווייראָנמענטאַל קאָנסערוועישאָן, די DEC, וואָס האָט זייער אַ שטרענגע אינפאָרסירונג פּאָליציי און לויט דעם געזעץ דאַרפן זיי רעאַגירן און אַראָפּקומען אויף דער סצענע, יעדעס מאָל וואָס מען ערהאַלט אַ קאָמפּלעין.

עס האָט דערגרייכט צו אַ שטאַפּל אַז אין לויף פון די לעצטע וואָכן איז די DEC געווען אויף דעם קלאוו - וואד שטח, ממש יעדן איינציגן טאָג, וואו זיי האָבן זיך געטראָפן מיט די ווילעדזש באַהערדע, אַזש אַז אין אַ טאָג וואָס מען האָט נישט געהערט פון די אַגענטור האָט מען זיך שוין געזאָרגט אויב אַלעס איז טאַקע רואיג...

די אַגענטורן זעלבסט האָבן שוין איינגעזען אַז דאָ, צווישן אחינו בני ישראל, ווערט אַלעס דורכגעפירט הונדערט פּראָצענט געזעצליך און לעגעטים. ס'איז זיי פשוט נמאס געוואָרן צו אַראָפּקומען טאָג טעגליך במשך לאַנגע וואָכן פאר אויסגעזויגענע מסירות. איז דעריבער געקומען אַ פאַרלאַנג פון עטליכע סטעיט אַגענטורן אַז עס וואָלט געווען אַ פּאַסיגע געדאַנק צו טוישן דעם נאָמען פון דעם פּראָיעקט, וואָס וועט האָפנטליך אַראָפּנעמען דעם פּרעשור פון זיי, וויבאַלד די פּיינטליכע עלעמענטן זענען געוואוינט צו דעם אַלטן נאָמען "קלאוו וואד" וואָס איז זיי ווי אַ דאָרן אין אויג, דעריבער איז אַ גוטע רעקאָמענדאַציע צו טוישן דעם נאָמען צו באַרואיגן די געמיטער.

ביי אונז אידן ווייסט מען דאָך אַז אַ נאָמען איז שטאַרק משפּיע, שמא קא גרים, ווי מיר לערנען אין די פּרשיות פון די מסעות אַז יעדע נאָמען פון אַ פּלאַץ האָט אַ באַדייט און אַן איינפלוס, האָבן דעריבער די אַפּליקאַנטן און דעוועלאָפּער פון דעם פּראָיעקט, האָבן באַלד באַשטימט אַז וויבאַלד דער געגענט האָט דאָך ב"ה דעם רוחניות'דיגן סמכות און כח הנהגה פון כ"ק מרן אדמו"ר מצאַנז זמיגראַד שליט"א, וועט מען אים אָנפרעגן כדת מה לעשות, אויב מען זאָל בכלל טוישן דעם נאָמען און אַז יאָ, דאַן וואָספאַראַ נאָמען זאל געגעבן ווערן.

דעם פאַרלאָפענעם מיטוואָך ראה, זענען די שלוחי הציבור אינאיינעם מיט די אַפּליקאַנטן אַריבערגעגאַנגען אל הקודש פנימה, צו אָנפרעגן דעת קדשו פונעם צאַנז זמיגראַדער רבי'ן שליט"א. נאָכ'ן אויסשמועסן אַלע הצעות און פאָרשלאגן האָט דער רבי שליט"א געענטפערט אַז אויב מען זעט אַז עס פירט זיך אַזוי פון הימל איז דאָס זיכער אַ פּאַסיגע זאַך, וואָס וועט ברענגען אַ גוט מזל לטובה.

דער רבי שליט"א האָט דאַן מציע געווען אַז דער גרויסער פּראָיעקט זאל טראָגן דעם הייליגן נאָמען "שכונת דברי חיים", וואָס איז דאך מרמז אויף לעבן, אויף אַ חיים של ברכה ברוחניות ובגשמיות.

באַזונדער האָט דער רבי שליט"א דערמאַנט אַז אַזאַ פּאַסיגע נאָמען וועט מעורר זיין זכותו הגדול והקדוש פון הייליגן דברי חיים זי"ע, וואָס כידוע דאָס דביקות און התקשרות פון רביה"ק זי"ע, מייסד עירינו, לשמו ולזכרו פון הייליגן דברי חיים זי"ע, וואָס ער פלעגט ממש אויפציטערן ווען ער האָט דערמאַנט דעם הייליגן נאָמען.

דער רבי האָט דערביי פאַרציילט אַז בימיו פונעם צאַנזער רב זי"ע איז געווען אַ בחינה פון "סיהרא במילואה", די שטאָט צאַנז איז בשעתו געווען אַ שטאָט פון טויזנטער אידן און ס'האָט זיך נישט געפינען דאָרט קיין איין מחלל שבת, און אָט די זעלבע השפעה וועט בעז"ה נמשך ווערן אַז אונזער שטאט זאָל זיין אַן ערליכע אָפּגעהיטענע און אידישע שטאט, אין פרץ ואין יוצאת ואין צוחה ברחובותינו, אשרי העם שככה לו.

ווירקליך איז "פקודתו שמרה רוחינו"!, ווען באַלד דעם קומענדיגן טאָג איז אַריינגעגעבן געוואָרן דער אָפיציעלער פאַרלאַנג צו דער קאַונטי אַז דער פּראָיעקט וועט טוישן דעם לעגאַלן און עמטליכן נאָמען צו "שכונת דברי חיים", לסתום פיות משטינינו ומקטרגינו, ולאור באור החיים!

**ואתם הדבקים בה' אלוקיכם חיים כולכם היום.**



תורת מש"ה - מאי"ר עיני חכמים

# תורה'דיגע קרית יואל רבתי דרוקט אויס רגשי שמחה צום מרומם קרן ה'חזרות' הרבני הנגיד ר' משה מאיר טייטלבוים הי"ו

## פטרון חבורת "מאיר עיני חכמים" אינעם כולל סאטמאר קרית יואל - לרגל שמחתו רוממה אירוסי בתו שתחי' עב"ג החתן המופלג בן הרב הגאון רבי יואל פאשקעס שליט"א מו"ץ בקהלתינו ב'וויליאַמסבורג




**שמחה דגולה בעתו וזמנו, ווען עס ווערט ערשטמאָליג אימפּלעמענטירט אַ טאָפּלטע אויסברייטערונג בקרב החבורה, מיט אַ נייע באַזונדערע תמיכה פאַר חזרה אויף לימודי "כל השנה", אין צוגאָב צו תמיכה פאַר חזרה אויף לימודי "כל הזמן"**

# שבת יאָרצייט צום ערשטן יומא דהילולא פון כ"ק הגה"צ חו"פ דומ"ץ ור"מ סאַטמאַר מאַנטריאַל זצ"ל געפּראַוועט מיט התרוממות הנפש אין קרית יואל

יזכור אהבתו ויחיה זרעו! מיט אן אויסטערלישע דערהויבנקייט האָבן די המוני תלמידים חביבים, יוצאי ישיבת תורת משה מאָנטריאַל, געפּראַוועט דעם פאַרלאָפענעם שב"ק פרשת כי תצא, ווען עס איז אויסגעפאַלן די יומא דהילולא קמייתא פון רבם ומאורם, כ"ק הגה"צ חו"פ דומ"ץ ור"מ סאַטמאַר מאנטריאל זצ"ל, בעל "מנחם משיב", אין דעם טאָג פון י"ד אלול הבעל"ט.

דער גאַנצער שב"ק איז געפּראַוועט געוואָרן אין דעם מקום מיוחד, בבית הרבני החסיד מו"ה שאול צבי פערלמוטער הי"ו, וואו עס האָבן זיך פאַראייניגט תלמידים פון אַלע יאָרגענג, אברכים, בעלי בתים, נכבדי תלמידים כולם באו נקבצו לך להתעלות בזכרונו הטהור שלא ימוש מקרב הלב לנצח.

ווירקליך איז דער גאַנצער שב"ק מבואו ועד צאתו פאַרוואַנדלט געוואָרן אַלס ווי אַ חטיבה אחת מיט זכרונות ימי קדם בצלו פונעם דיין זצ"ל, ווען מען דערמאַנט זיך אומאויפהערליך די לעכטיגע שמועסן און זמנים וואָס מען האָט מיטגעלעבט אין זיין געהויבענעם שאָטן, ווען מען האָט געהאַט די זכי' צו לערנען במחיצתו און קונה זיין אזויפיל תורה און יראת שמים פון דעם גרויסן רבי'ן וואָס האָט זיי באַגלייט אויף יעדן טריט און שריט.

שוין באַלד בכניסת השב"ק, פרייטאָג צונאַכטס נאָך תפלת מנחה, האָט איינגעלייטעט דעם שבת אַ חשוב'ער תלמיד, מו"ה שלמה יואל גאלדשטיין הי"ו וועלכער האָט אָנגעשלאָגן דעם טאָן מיט האַרציגע ווערטער, דערמאַנענדיג וויפיל דער דיין זצ"ל האָט אַוועקגעגעבן פון זיין לעבן און זיינע כוחות פאר די טובה און תועלת פון יעדן תלמיד באַזונדער, אַצינד קענען מיר אַביסל זוכה זיין צו טון לטובת נשמתו הבהירה און לטובת אונזער אייגענע נשמה דורכדעם וואָס מען פאַרבלייבט מקושר צו אים און מען האַלט זיך אינאיינעם אַזוי ווי ער האָט אונז געלערנט און מנחיל געווען.

די תפלות זענען טאַקע אַריבער מיט אַ זעלטענע דערהויבנקייט, וואָס האָט ביי אַלעמען דערמאַנט דעם "מי יתננו ירחי קדם" פון די תפלות בהיכל הישיבה, ווען לפני התיבה האָט יורד געווען דער חשוב'ער גאַסט, בנו חביבו פונעם דיין הגה"צ רבי שלמה טירנויער שליט"א מו"ץ בקיט"ל- ווּמס"ב, וועלכער איז ספּעציעל געקומען באַשיינען דעם גאַנצן שב"ק.

בצפרא דשבתא אין די פריע שטונדן האָט זיך שוין פאַרזאַמלט אַ שיינער ציבור לאמירת כל ספר תהלים. פאַר'ן עמוד האָט פאָרגעזאָגט הר"ר יהוסף מענדלאָוויטש הי"ו, מחשובי התלמידים וש"ב פונעם דיין זצ"ל, וועלכער איז גלייכצייטיג געווען דער געטרייער עומד על הפקודים צו ערמעגליכן דעם שב"ק מיט אַזאַ געוואַלדיגע הצלחה.

בעפאָר תפלת שחרית איז אויך פאָרגעקומען אַ שיינער שיעור אין אור החיים הק', פאָרגעלערנט דורך הרה"ג רבי ישכר בער לערנער שליט"א, בן הגה"צ דומ"ץ ור"מ סאַטמאַר מאָנטריאַל שליט"א ונכד הדומ"ץ זצ"ל. דאַן האָט מען זיך געשטעלט דאַווענען מיט אַ געוואַלדיגע התרוממות הנפש.

ביי קריאת התורה זענען די עליות געוואָרן צעטיילט צווישן די תלמידים חביבים, און ביי מי שברך איז נתנדב געוואָרן גרעסערע סכומים לצדקה, צו פינאַנצירן די הוצאות השבת און באַזונדער פאר דעם הייליגן מפעל "קרן רבי משה מנחם" וואָס באַגלייט די נייע מוסדות על טהרת הקודש בכל רחבי ארה"ק, לשמו ולזכרו פונעם דיין זצ"ל.

נאָך תפלת המוספים איז געפּראַוועט געוואָרן דער גרויסאַרטיגער קידושא רבה לרגל די יאָרצייט, בנדבת לבו הטוב פון תלמידו הרבני החסיד ר' יצחק הערש היימאן הי"ו. ביי דעם קידוש איז אויך געווען קענטיג פילע תלמידים פון ווייטערע געגנטער, וועלכע האָבן נישט עספּייעט צו אָנקומען ביים דאַווענען און האָבן זיך אַצינד אָנגעשלאָסן בקרב דעם גרויסן ציבור.

עס האט דערביי אויפגעטרעטן מיט הארציגע דברי זכרון במשנתו של בעל הילולא תלמידו חביבו, הרה"ג רבי שלמה אליעזר שפיטצער שליט"א ראש כולל משפט אליהו, וועלכער האָט אַרויסגעברענגט הערליכע ענינים ודברי זכרון. אַזוי אויך האָט הרה"ג רבי שלמה טירנויער שליט"א געוואונטשן לחיים און משמיע געווען דברים נפלאים.

צו סעודת רעוא דרעוין איז דער זאל פריש אויסגעשטעלט געוואָרן צום מאַקסימום, כדי צו קענען אַקאָמאַדירן דעם גרויסן צאָל משתתפים פון איבער דער גאַנצער שטאט.

נאך מנחה האָט מען זיך געוואַשן צו ברייט - געדעקטע טישן, בנדבת לבו פון אַ תלמיד חביב, הר"ר שלמה אדלער הי"ו, מנכ"ל סאטמאר פלייש, און בצוותא חדא האָט מען אַ לענגערע צייט געזינגען די הייליגע זמירות של"ש, מיט אן אינערליכע געפיל פון דביקות און דערהויבנקייט, ווען ביי אַלעמען שווימט אַרויף די אומפאַרגעסליכע זכרונות וויאַזוי דער דיין זצ"ל האָט געפירט דעם של"ש בהיכל הישיבה, און אויסגעשריגן בקול אדיר דעם ה' מלך, וואָס ליגט נאָך טיף איינגעקריצט ביי אַלעמען אין די הערצער.

ביי די דברי תורה האָט הרה"ג רבי שלמה טירנויער שליט"א משמיע געווען דברי התעוררות והתחזקות פון ספרי רבינו הק' זי"ע איבער די ענינים וואָס דער דיין זצ"ל האָט שטענדיג גע'חזר'ט און משריש געווען בקרב תלמידיו, בפרט אַצינד ווען מען גרייט זיך צו די ימי הרחמים והרצון. דערנאָך האָט הרה"ג רבי שלמה שליט"א אויך געדאווענט מעריב לפני התיבה, לרגל די יאָרצייט פון הרב רבי משה מנחם בן אלכסנדר ז"ל, דער פאָטער פונעם דיין זצ"ל וואָס זיין יאָרצייט געפאַלט די וואך.

מיט אומבאַשרייבליכע געפילן פון התרוממות האָבן זיך די הונדערטער תלמידים געשיידט פון אַ יום שבתון אין לשכוח, אָנגעפולט מיט קבלות טובות און רגשי התעוררות, צו ווייטער שפּאַנען אויף דעם דרך וויאַזוי דער דיין זצ"ל האָט געלערנט און געשטרעבט, ולאורם נסע ונלך עד ביאת ינון.

מוצאי שב"ק האָבן אַ ריזיגער ציבור תלמידים תושבי קרית יואל זיך אַרויסגעלאָזט קיין וויליאַמסבורג, וואו מען האָט זיך באַטייליגט ביי דעם צענטראַלן "כינוס התלמידים" אין די זאַלן פון "כתר ריזל" אין וויליאַמסבורג, אינאיינעם מיט דער סעודת הילולא וסיום הש"ס ומשניות בראשות בניו ותלמידיו החשובים פונעם בעל ההילולא זצ"ל.

ויהי רצון אַז זכותו הגדול זאָל מגין זיין אויף אַלע תלמידים און אויף גאַנץ כלל ישראל, והוא ימליץ טוב בעדינו.

# שמחת בית צדיקים בחצר הק' דינוב ביי דערהויבענע מסיבת שבע ברכות אין קרית יואל בהשתתפות כ"ק אדמו"ר מדינוב שליט"א

קרית יואל. - דעם פאַרגאַנגענעם זונטאג תבא העעל"ט איז אַ הערליכע שמחת בית צדיקים געפּראַוועט געוואָרן אין בית המדרש המפואר דרכי תשובה דינוב, לרגל די גרויסע שמחת הנישואין בחצר הק', מיט דער באַטייליגונג פון אַ גרויסער ציבור חסידים ואנשי מעשה, ועל צבאם דער גרויסער זיידע, כ"ק אדמו"ר מדינוב שליט"א, וועלכער איז געקומען צופאָרן קיין קרית יואל, צו באַשיינען די דערהויבענע שמחה.

צו דער באַשטימטער צייט איז אַ פּרעכטיגער שבע ברכות צוגעריכט און אַראַנדזשירט געוואָרן דורך די הנהלת הקהלה אין קרית יואל, ברוב פאר והדר, עס איז סערווירט געוואָרן אַ ברייטע סעודת מצוה לכבוד חתן וכלה ולכבוד בית צדיקים, אין באַגלייטונג פון נגינה שירה וזמרה, אויפ'ן בימת הכבוד האָט זיך אויך אנגעזעצן דאָס השתתפות פון הגאון דומ"ץ בעל אגלי דבש שליט"א, הרה"ג רבי שלמה זאבעל שליט"א דומ"ץ ביהמ"ד בית דוב, הרה"ג רבי פרץ טובי' דייטש שליט"א, און נאָך רבנים וחשובי העיר.

דער באַאַבטער יושב ראש, הרה"ג ר' אהר' פערל שליט"א מחשובי מתפללי ביהמ"ד, האָט איינגעלייטעט דעם מעמד מרומם בנועם צוף אמריו. דאַן האָט מען געהערט די פערל ווערטער פון הרה"ג דומ"ץ הביהמ"ד שליט"א וועלכער האָט איבערגעגעבן פאַר'ן רבי'ן שליט"א אַ גרוס פון דעם פנת יקרת, דאָס דינוב'ער בית המדרש וואָס בליעט מיט אַזאַ שיינענדיגע הצלחה, מיט די תפלות און שיעורי תורה תמידים כסדרן.

מיט דער צענטראַלער דרשה האָט אויפגעטרעטן דער ראש ישיבה, הגה"צ ר' חיים אלעזר ראבינאוויטש שליט"א דומ"ץ דינוב, וועלכער האָט אויסגעדרוקט זיין התפעלות זעהנדיג פון דער נאָנט וויאַזוי די תלמידים אהובים האַלטן זיך אינאיינעם מיט אַזאַ אחדות




לשם ולתהלה, כה יתן ה' וכה יוסיף.

מיט אַ הדרת קודש האָט מען געהאַט די זכי' אַז כ"ק אדמו"ר מדינוב שליט"א האָט משמיע געווען דברות קודש און דערביי מאציל געווען מברכתו פאַר אַלע מתפללים ובאי בית המדרש אַז דער שמחה זאָל משפיע זיין אַסאַך ישועות און ברכות לנו ולכל בית ישראל.

דאַן האָבן די צוויי ברודער, הני תרי בדחני המשמחים אלקים ואנשים, הרב שלום אליעזר דים שליט"א מחשובי מתפללי ביהמ"ד, אינאיינעם מיט זיין ברודער הרב בצלאל דים שליט"א צוזאַמען משמח געווען לכבוד חתן וכלה, ובכן צדיקים יראו וישמחו.

דער זייגער האָט שוין געקלאַפּט אין די שפּעטע שעות ווען כ"ק אדמו"ר מדינוב שליט"א האָט מברך געווען על הכוס. מיט די ערשטע צוויי ברכות איז מכובד געוואָרן דער מחותן הרב אברהם רובין שליט"א מקערעסטיר, די איבריגע ברכות זענען צעטיילט געוואָרן פאַר די זיידעס, די פינפטע ברכה האָט געזאָגט דער דיין שליט"א, און ברכה אחריתא דער ראש ישיבה שליט"א. דאָס האָט נאָכגעפאָלגט מיט ריקודים של מצוה, שמחו בה' וגילו צדיקים והרנינו כל ישרי לב!

ויהי רצון שמשמחה זו יושפע שפע רב לכל בית ישראל.

פתחו לי שערי צדק אבוא בם אודה קה:

# פייערליכע שטימונג ביי כינוסי "אסיפות הורי התלמידים" פון ישיבה גדולה שער נפתלי

## בראשות הרה"ג מרביץ תורה לבחורי חמד רבות בשנים הר"ר משה הערש בערקאָוויטש שליט"א | גיגאַנטישע אָפּגעקויפטע קאָמפּלעקס אין טשעסטער ניו יאָרק ווערט צוגעגרייט צום קומענדיגן שנת הלימודים

טשעסטער ניו יאָרק. - אין די צייט וואָס אויפ'ן גיגאַנטישע "ישיבה קאָמפּלעקס" פון ישיבה גדולה "שער נפתלי" קומען פאר די העפטיגע צוגרייטונגען צום קומענדיגן שנת הלימודים תשפ"ג הבעל"ט ווען בשעטומ"צ וועלן געעפענט ווערן די שערי הישיבה, איז אין די יעצטיגע טעג פאָרגעקומען צוויי כינוסי אסיפות הורי התלמידים פון די תלמידי ישיבה גדולה "שער נפתלי" אינאיינעם מיט די חשובע רמ"י הישיבה אין שפּיץ פונעם ראש הישיבה הרה"ג רבי משה הערש בערקאָוויטש שליט"א.

ווי שוין באַקאַנט גרייט מען זיך בעולם הישיבות צו די אויפשיינונג פון אַ שטאַרקע ליכטיגקייט מיט די ערעפענונג פון די חשובע ישיבה גדולה שער נפתלי, וואָס וועט בעז"ה עפענען אירע טויערן צום קומענדיגן שנת הלימודים אונטער די פירערשאַפט פונעם לאַנג יעריגע מרביץ תורה לבחורי חמד הרה"ג המפואר רבי משה הערש בערקאָוויטש שליט"א מנה"ר רבות בשנים אין די ישיבות גדולות מהרי"ט דסאַטמאַר און נועם אלימלך דליזענסק, וואָס דער ראש הישיבה שליט"א מיט זיינע געוואַלדיגע כוחות און שטאַרקע קשר צו בחורים, האָט ער שוין במשך השנים מעמיד געווען פילצאָליגע תלמידים הגונים וישרים, וואָס ער האָט זיי אַוועקגעשטעלט אויף די פיס און זיי באַגלייט מיט אַ געוואַלדיגע געטריישאַפט און איבערגעגעבנקייט ביז צו די חתונה.

עס איז בעז"ה אויסגעקליבן געוואָרן גאָר אַ געלונגענע שטאַב פון מרביצי תורה שליט"א מיט אַ קלאָרע פאַרשטאַנד צו בחורי חמד, וואָס וועלן בעז"ה מרביץ תורה זיין בהיכל הישיבה און משפיע זיין מהודם אויף די בחורי חמד, אין שפּיץ פון די געלונגענע שטאַב שטייט דער מנהל רוחני הרה"ג רבי יונתן בנימין שטערן שליט"א לאַנגיעריגע מרביץ תורה ומחנך נפלא מלפנים מנה"ר בישיבת גדולה מאור התלמוד, וואָס דער מנהל שליט"א מיט זיין לאַנגיעריגע עקספּערטיז בעולם הישיבות איז באַקאַנט מיט זיין שטאַרקע מהלך ווי אַזוי אַריינצוברענגען אין די בחורי חמד אַ חיות און געשמאַק קונה צו זיין די ריכטיגע דרך הלימוד למען יעמדו ימים רבים.

די ישיבה ווערט בעז"ה אַוועקגעשטעלט אויף שטאַרקע פעסטע יסודות איתנים אויפצובויען יעדן תלמיד הישיבה מיט אַ ריכטיגע שטאַרקע דרך הלימוד, און אַריינצוברענגען אין די בחורי חמד אַ שטאַרקע וואַרעמקייט און געפיל צו אידישקייט, און אַ באַזונדערע געוויכט וועט געלייגט ווערן צו אָנהאַלטן אַ פערזענליכע נאָנטע קשר מיט יעדן בחור וואָס דאָס איז גאָר אַ שטאַרקע שליסל צו קענען שטייגן מעלות רמות בתורה ועבודת השי"ת.

אין די סאַמע הכנות צום עפענונג פון די שערי הישיבה איז פאָרגעקומען אין אַ פייערליכע שטימונג צוויי כינוסי הורי התלמידים וואָס גרייטן זיך בעז"ה אַריינצוקומען בשערי הישיבה צו שטייגן מעלות רמות בתורה ויר"ש.

עס איז פאָרגעקומען צוויי באַזונדערע אסיפות, איינס אין וויליאַמסבורג פאר די הורי התלמידים פון וויליאַמסבורג, באָראָ פּאַרק, און די אומגעגענט, און אַ באַזונדערע אסיפה איז פאָרגעקומען אין קרית יואל פאר די הורי התלמידים פון קרית יואל, מאָנסי, און די אומגעגענט.

ביי די אסיפה האָבן די עלטערן זיך באַקענט פונדערנאָנט מיט די באַרימטע מרביצי תורה שליט"א, און עס זענען דערביי געהערט געוואָרן דרשות איבער די סדר ומהלך הישיבה דורך די מרביצי תורה שליט"א, הרה"ג רבי אלימלך שמשון לאנדא שליט"א ר"מ בישיבה, הרה"ג רבי יונתן בנימין שטערן שליט"א מנה"ר, הרה"ג רבי ברוך ראזענפעלד שליט"א ר"מ בישיבה, און צום לעצט האָט מען געהערט די טייערע ווערטער פון הר"ר שלמה יעקב הערמאַן שליט"א חבר וועד הרוחני פון די ישיבה.

אויך זענען געווען אָנוועזנד די חשובע געטרייע חברי הנהלה גשמיות וועלכע געבן זיך אַוועק בכל לב ונפש לטובת הצלחת הישיבה, און טראָגן מיט אַ געוואַלדיגע אחריות די עול הגשמי פאַרזיכערנדיג שלא יחסר המזג אַז די הרבצת התורה אין ישיבה זאָל קענען אָנגיין אומגעשטערט, צווישן די חברי הנהלה גשמיות האָט אַרויסגעשיינט די אָנוועזנהייט פונעם חשובן ברודער פונעם ראש הישיבה הרבני החשוב ר' יחזקאל דוד בערקאָוויטש הי"ו וועלכע איז מרבה פּעלים להצלחת הישיבה להגדיל תורה ולהאדירה.

אין די זעלבע צייט גייט אן די העפטיגע בוי-אַרבייט אויפ'ן גיגאַנטישע אָפּגעקויפטע "ישיבה קאָמפּלעקס" אין טשעסטער ניו יאָרק וועלכע ווערט צוגעגרייט צום קומענדיגן שנת הלימודים, ווי עס וועט אַהערגעשטעלט ווערן אַלע צרכי הישיבה פאר די בחורי חמד צו קענען שטייגן בתורה ובעבודת ה'.

מיט אַ תפלה צו השי"ת שחפץ ה' בידינו יצליח גרייט מען זיך צום עפענונג פון די שערי הישיבה דעם קומענדיגן ר"ח חשון תשפ"ג הבעל"ט להגדיל תורה ולהאדירה.

### שמחתי באומרים לי בית ה' נלך!

בס"ד

רשימת מורי צדק דקהלתינו
העומדים הכן להורות את דבר ה' זו הלכה

הגאון הדומ"ץ שליט"א
4 Orshava ct. #301
היים: 845.783.8790 ספרים שטוב: 845.782.7399

הרה"ג רבי יעקב יודא ברוין שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מאיר
51 Satmar Dr. #302
היים: 845.783.8259 ספרים שטוב: 845.782.4671

הרה"ג רבי מנחם מענדל ווייס שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד טיב לבב
5 Schunnemunk Rd. #201
היים: 845.782.3190 סעל: 347.598.3917

הרה"ג רבי בערל ראזענבערגער שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד ישמח משה
15 Fillmore ct. #303
היים: 845.783.3224

הרה"ג רבי שלמה יונגער שליט"א
דומ"ץ טאהש
4 Krolla dr. #201
היים: 845.783.7201 סעל: 845.248.8021

הרה"ג רבי שמואל יעקב מייזעלס שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מרדכי לייב
5 Van Buren Dr. #303
היים: 845.781.8143 סעל: 845.395.4972

הרה"ג רבי שבתי קאהן שליט"א
מורה צדק בקהלתינו הק'
15 Getzil Berger Blvd. #302
היים: 845.783.3572 סעל: 845.537.1559

הרה"ג רבי יואל ברוין שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית יעקב נחמי'
37 Raywood Dr. #204
היים: 845.783.9842 סעל: 845.537.7843

הרה"ג רבי מנחם נתנאל יונגרייז שליט"א
דומ"ץ בקהלתינו שכונת בלומינגראוו
9 Strawberry Ln.
היים: 718.302.0917 סעל: 347.415.5850

הרה"ג רבי יצחק בריזל שליט"א
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'
4 Iron Hill Plaza #301
היים: 845.774.3622 סעל: 845.637.4570

24 שעה הוראה ליין:
845.783.5688 #3


בס"ד
ישראל הם חיים וקיימים ונשענין על המתים (מדרש שמו"ר)
השגחה ופיקוח עולמי
אתרא קדישא
לשמירת קברי אבותינו
הננו מוכן ומזומן!


מיר גיבן
פאר די שוכני עפר.
אלעם גוטס
מיר פועל'ן
בזכות די שוכני עפר.
כופר נפש
אתרא קדישא
ערב יום הקדוש
www.Artistic.Group

# אינפארמאטיווע אינטערוויו

מיט איינעם פון די ראשי העסקנים

פון די יערליכע

# קהל'ס אתרוגים יריד

צו הערן פון אים אינטערעסאנטע דעטאלן איבער דעם יריד און ד' מינים בפרט

שטייענדיג געציילטע טעג בעפאר די גאסן ווערן באהאנגען מיט די ריזיגע "אתרוגים צענטער" פלאקאטן, טייל דערפון באגלייט מיט עלעקטראנישע באלייכטונגען, ווען אנדערע שטעלן אהער קרייעטיווע געדאנגען צו ציען קונים האבן מיר זיך פארבונדן מיט איינעם פון די גרויסע אתרוגים "יריד עסקנים" צו הערן פון אים א דעטאלירטע באריכט איבער וואס מען קען קויפן ביים קהל'ישן יריד, אזוי אויך הערן מיר איבער זיין עקספערטיג איבער די ד' מינים נושא בכלל און איבער עצות און טיפס איבער האלטן די ד' מינים פריש און ריין במשכ'ן יו"ט בפרט.

לויט ווי מיר הערן האט היי יאר די הנהלת הקהלה זיך ארייגעלייגט בעובי הקורה נאכמער צו פארבעסערן דעם יריד מיט אלעם וואס מעגליך, געטרוי ווי די הנהלת הקהלה טוט מיט יעדע סארט סערוויס וואס נאר שייך במשך די לעצטע תקופה.

דער אתרוג יריד איז שוין גארנישט קיין נייע ערשיינונג, עס גייט שוין אן א שיינע פאר יאר וואס פיל אנשי שלומינו חברי קהלתינו קויפן איין הערליכע מהודר'דיגע ד' מינים סעטס פאר גאר ביליגע פרייזן, און דערצו באקומט מען אויסגעצייכנטע גוטע סערוויס וואס מען באקומען נישט ערגעץ אנדערש.

### א גוט יאר, יישר כח פארן אוועקגעבן פון אייער טייערע צייט בעת וואס מען איז פארנומען זיך צו גרייטן צום יערליכן ד' מינים יריד. צום אלעם ערשט, ווען האט זיך אנגעהויבן דער ד' מינים יריד בקרב קהלתינו הקדושה?

דער אתרוגים יריד האט זיך געגרונדעט אומגעפער 10 יאר צוריק ב"ה, כולם שוים לטובה. היי יאר איז שוין ברוך השם דער "יובל העשור", 10 יאר איז א לאנגער צייט, יעדעס יאר לייגט מען אריין גרויסע כוחות צו פארבעסערן די אויסוואל, די סערוויס און אלעס ארום, אלעס כדי צו קענען צושטעלן די שענסטע און בעסטע סחורה פאר אנשי שלומינו חברי הקהלה. די צופרידנהייט פונעם ציבור זעט זיך פון דעם וואס דער ציבור וואקסט קע"ה פון יאר צו יאר, און די קונים קומען צו אונז צוריק מדי שנה בשנה.

### וואס איז געווען דער ציל מיט'ן גרינדן דעם אתרוגים יריד?

דער ציל איז איין איינציגער ציל, צו ארויסהעלפן אנשי שלומינו מיט די אויסטערלישע גרויסע הוצאות יו"ט וואס דער חודש תשרי קאסט אפ פאר יעדן איד, אנגעהויבן פון ראש השנה און במשכ'ן גאנצן חודש קאסט א געוואלד מיט געלט, יעדער איד, אפילו באלעבאטישע אידן קענען ניצן א שטיקל דערלייכטערונג פון די גרויסע הוצאות, און טאקע דאס איז אונזער ציל צוצושטעלן, הערליכע טייערע אתרוגים מהודרים, מהודר שבמהודר מיט די בעסטע השגחה פאר ביליגע פרייזן, פיל ביליגער ווי ביי אלגעמיינע אתרוג סוחרים.

און מ'זעט טאקע יאר איין יאר אויס ווי עס קומען פארמעגליכע אידן און זיי קויפן ביי אונז דעם אתרוג סעט וויבאלד ווי געזאגט קען יעדע ניצן א שטיקל הרחבה, נאכדערצו אז מען באקומט גאלדענע סערוויס און א הערליכן סעט, נו וואס קען דען זיין בעסער.

### וואס קומט אריינגערעכנט אין די ד' מינים סעט פון די יריד? באקומט מען אויך א לולב מיט הדסים און ערבות?

ביי אונז באקומט מען א הערליכער אתרוג, א הערליכע מהודר'דיגע שיינע גרויסע לולב און הדסים.

### פון וואו קומען די אתרוגים וואס ווערן פארקויפט ביים יריד?

אונז ברענג מיר אריין די שענסטע סחורה פון מאראקאנער און יאנעווער אתרוגים. איך וועל דיר זאגן סתם א זייטיגע זאך וואס קען זיין אינטערעסאנט פאר די ליינערס. די יאנעווער אתרוגים קומען נישט פון א געגנט וואס הייסט יאנעווע, היות דער פארט שטאט אומגעגנט הייסט יאנעווע איז עס נקראת על עם דער שטאט יאנעווע.

### וועלכער סארט אתרוג קויפט דער עולם מער? יאנעווער אדער מאראקא?

איך קען נישט רעדן פאר אלגעמיינע סורחים, אבער ביי אונזער יריד גייט מער מאראקאנער, אבער עס איז ב"ה גענוג א גרויסער פראצענט פונעם עולם וואס קויפט יאנעווער אתרוגים.

### וויאזוי איז היי יאר איבער דאס ריינקייט פון די אתרוגים?

ווי מיר הערן פון די גרויסע אתרוג סוחרים איז היי יאר ב"ה דא א שפע פון שיינע אתרוגים מובחרים ומהודרים, מיר דא אינעם יריד אפיס מאכן זיכער אז מיר באקומען די שענסטע סחורה כדי צו צופרידן שטעלן אונזערע הונדערטער קליענטן בעז"ה.

### וואס טוט זיך לגבי א מאנגל? איז דא היי יאר א מאנגל פון אתרוגים?

עס זענען דא יארן וואס עס איז דא א מאנגל פון אתרוגים אויב עס איז דא א שווערע סעזאן אין מאראקא אד"ג, אבער ווי מ'הערט פון די האלסעיל סווחרים איז היי יאר ב"ה געווען גאר א שיינער שניט. היי יאר איז גראדע דא נאך א צווייטע סיבה וואס קען מעגליך גורם זיין א מאנגל, און דאס איז צוליב דעם וואס אין א געווענליכע יארן נעמען רובא דרובא מענטשן פון ארץ ישראל אן ארץ ישראל'דיגן אתרוג, משא"כ היי יאר ווען עס איז שמיטה קויפן טויזנטער אידן פון ארץ ישראל מאראקאנער אתרוגים.

פון די צווייטע זייט איז אבער דא א מעגליכקייט אז מ'זאל אנהייבן פריער שניידן אתרוגים, וואס אין א געווענליכע יאר שניידט מען אין די חדשים תמוז און אב, קען מען היי יאר אנהייבן א חודש פריער כדי צו 'סופלייען' גענוג סחורה פאר די אידן פון ארץ ישראל וואס דאס באדייט אז עס וועט מעגליך נישט זיין א מאנגל.

### און וואס טוט זיך לגבי 'אינפלאציע'? זענען די פרייזן געשטיגן היי יאר צוליב אינפלאציע?

אלעס גייט אין די יעצטיגע טעג ארויף, און די ד' מינים זענען נישט קיין יוצא מן הכלל. אונזער ציל איז דאך צוצושטעלן שיינע הערליכע אתרוגים פאר צוגענגליכע פרייזן, מיר ארבעטן שווער אז מיר זאלן נישט דארפן ארויפגיין בכלל, און אויב מיר וועלן זיין געצווינגען צוליב די אינפלאציע זאל עס נישט זיין מיט צופיל.

מיר זענען ספעציעל געזיצן אויף א מיטינג

צו דורכגיין די נושא פון די פרייזן, און מיר האפן בעז"ה אז מיר וועלן נישט זיין געצווינגען צו דראשטיס הייבן די פרייזן, אויב בכלל.

## באקומט איר אמאל א פארלאנג צו קויפן א גריכישן אתרוג?

ממש נישט. יארן צוריק איז עס געווען א שטיקל גאנגבארער פראדוקט, אבער היינט איז עס ממש נישט בנמצא.

## מאכט אויס אויב לגבי די שניט פון לולבים און אתרוגים ווען עס געפאלט אויס אן עיבור יאר אויף די שניט פון אתרוגים?

לולבים קען מען נישט שניידן צו פרי, וויבאלד עס האלט זיך נישט געווענליך, אתרוגים האבן נישט דעם פראבלעם, היי יאר געפאלט סוכות זייער שפעט לויט די גוי'אישע קאלענדער למס' און דאס ברענגט אז מען זאל קענען שניידן מער אתרוגים ביז סוכות.

## ווען זעט קויפן מענטשן מער אתרוגים, פאר יום כיפור אדער נאכדעם?

עס ווענדט זיך ווי א יאר, ס'איז דא יארן וואס דער יריד קומט פאר יוה"ק און ס'איז דא יארן וואס עס איז נאך יוה"ק, עס ווענדט זיך צי דער יריד גייט אן עטליכע טעג אדער אויף איין טאג, עס איז נישט ווי די אלגעמיינע געווענליכע אתרוג סוחרים וואס פארקויפן דורכאויס דעם גאנצן. היי יאר בכלל איז דא זייער ווייניג פולע טעג צווישן ר"ה און יום הקדוש. וויבאלד עס איז דא ווייניג טעג גייט עס היי יאר זיין אין גי טעג פון פאר יום כיפור, און וויבאלד עס עס גייט פארקומען אויף איין טאג גרייטן מיר צו א גרעסערע סטעף און פארלענגערטע שעות.

## וויאזוי גייט צו דער פראצעדור פון קלויבן די אתרוגים? גייען די יריד עסקנים אראפ צו די גרויסע סוחרים אויסוועלן די אתרוגים?

דער אמת איז אז בעצם די מלאכה פון אויסקלויבן די אתרוגים לויט די סוגים, דאס הייסט בעסערע און שוואכערע קאטעגאריעס, ווערט היינט צוטאגס שוין געטון דורך די גרויסע האלסעיל אתרוגים סוחרים פון וועם מיר קויפן, נאך איידער מיר באקומען די אתרוגים, פארשטייט זיך אבער אז איידער מען נעמט אפ די סחורה גייען מיר איבער אלע באקסעס צו זיכער מאכן אז מיר באקומען נאר די שענסטע און בעסטע, במילא בעצם קלויבן מיר די אתרוגים אבער דאס איז צו פארזיכערן אז די געקליבענע דורך די סוחרים זענען טאקע די ריכטיגע און שיינע סחורה פאר אונזערע קליענטן.

## ווי לאנג פאר מען הייבט אן פארקויפן אתרוגים קוקט מען דורך די אתרוגים?

די עסקנים פונעם יריד גייען אראפ אין די ערשטע סליחות וואך צו די אתרוג סוחרים און מען לייגט אריין גרויסע כוחות מיט לאנגע שעה'ן ארבעט צו אויסוועלן די שענסטע און בעסטע אתרוגים וואס איז נאר דא אויף די מארקעט.

## ווען גייט דער היי יעריגער יריד פארקומען?

פאר יום כיפור, מ'וועט בעז"ה מעלדן די פונקטליכע דעטאלן ווען און וואו עס קומט פאר.

## יעצט לאמיר אריבערגיין צו די לולבים חלק. וועלכע סארט לולב באקומען מען מיט'ן סעט?

אונז געב מיר די באקאנטע דערי לולבים, דער עולם גלייכט שטארק די דערי לולבים און פארדעם שטעלן מיר עס צו.

## מען הערט כסדר רעדן איבער דער 'דערי לולב'. אפשר קענט איר אונז מסביר זיין, וואס איז די מעלה פון דערי לולבים איבער אנדערע לולבים?

זייער א גוטע פראגע. איז אזוי, די דערי לולבים וואקסן בעצם אויף טייטל ביימער וואס געבן ארויס שוואכערע סארט טייטלען וואס לוינט זיך עכט נישט פאר קיין סוחרים צו אנפלאנצן וויבאלד די פארמערס האבן געהאלטן אז זיי גייען פשוט דערלייגן גרויס געלט דערפון און זענען מאבד עצמם לדעת. למעשה איז געלונגען פאר עטליכע סוחרים צו איבערצייגן פאר פארמערס אז זיי זאלן פרובירן איין יאר און זיי וועלן זען אז טייטלען גיט עס טאקע ארוסי שוואכע, אבער לולבים גיט עס ארויס גאר שטארקע... וכך הוה, זיי זענען געווארן איבערצייגט דערין און זיי האבן מסכים געווען אנצוהייבן פלאנצן דערי לולבים ביימער.

דו האסט געפרעגט וואס די מעלה פון דערי איז, דער תירוץ אין איין ווארט איז אז דער דערי איז 'כולו מעלות'... א דער לולב וואקסט הויעך, עס פארמאגט לאנגע בלעטער, דיקע בלעטער, האלט זיך לאנג פריש, עס איז גרין און ועל כול שטייט ער גראד און דער שפיטץ האלט זיך שטאנהאפטיג.

נאך אן אינטערעסאנטער זאך וואס דער עולם ווייסט נישט דערפון. יעדער טייטל בוים גיט נאר ארויס איין לולב אויפאמאל, דאס מיינט אז כדי צו קענען באקומען נאך א לולב דארף מען אפשניידן דעם לולב און דערנאך קומט א פרישע. די סוחרים האבן אויסגערעכנט א פונקטליכע צייט ווען מען דארף אנהייבן צו קלויבן די לולבים אז מען זאל קענען סערווירן דעם גאנצן ציבור בליעה"ר.

## וואס טוט זיך מיט שפאנישע און מצרישע לולבים דאס ברענגט מען נאך אריין?

די שפאנישע לולבים זענען פון זייער א שוואכע קוואליטעט, די געבוי מער איינגעבויגן און עס האלט זיך נישט שטארק, די געוואוקס איז קורצליך, עטליכע יאר צוריק האבן מיר עס אריינגעברענגט אבער ס'איז נישט געווען קיין גוטע סחורה, היינט צוטאגס איז שוין ב"ה דא גענוג פון די דערי לולבים אז מ'דארף שוין נישט דערצו צוקומען מער.

וואס דו פרעגסט לגבי מצרישע לולבים, עס עקזיסטירט שוין נישט מער היינט די סארט לולבים כמעט.

## וועלכע סארט הדסים קומט מיט מיט'ן ד' מינים סעט וואס מען קויפט ביים יריד?

מיר ברענגען אריין די שענסטע און מער מהודר'דיגסטע סארט הדסים וואס איז אויסגעהאלטן לויט אלע שיטות פון מדקדקים בכשרות.

## אצינד ווילן מיר אויסשמועסן עצות און טיפס וואס איר האט קונה געווען מיט די יארן איבער וויאזוי צו האלטן די ד' מינים פריש און עס זאל בלייבן שיין אויף גאנץ יו"ט. צום אלעס ערשט, מען זעט כסדר אז מענטשן האבן ברוינע פלעקן אויף זייערע אתרוגים שוין ממש אנפאנג יו"ט, פון וואס קומט עס און איז דא עפעס וואס צו טון דאס צו פארמיידן?

דו פרעגסט זייער גוט לגבי דעם אתרוג, איז אזוי, דער אתרוג ווערט באשאפן מיט א נאטורליכע אויסערליכע סארט צודעק וואס האלט דעם פרי ריין, אינעווייניג אינעם אתרוג איז דא א סארט שארפע פליסיגקייט, א סארט 'עסיד' וואס אין פאל דער אתרוג באקומט א שטיקל זעץ קומט דער לחלוחית ארויס, אויב בלייבט דער פליסיגקייט פאר עטליכע שעה אויפ'ן אתרוג ווערט דער אתרוג פארברוינט.

די בעסטע עצה איז אז מען זאל נאר אנכאפן דעם אתרוג מיט א ווייכע טישו, מ'זאל עס נישט צורירן מיט די אייגענע הענט, חוץ ווען מ'דארף מקיים זיין דעם מצוה פארשטייט זיך. מ'דארף אויך זייער אכטונג געבן אז 'מזאל נישט אראפלייגן דעם אתרוג נאך הלל אדער סיי ווען מיט א האסטיגקייט וויבאלד דאס קען גורם זיין אז דער אתרוג זאל באקומען א קלאפ און דער פליסיגקייט וועט ארויסרינען.

## נו, וואס איז די עצה אויב דער אתרוג האט יא געכאפט א קלאפ און די לחלוחית איז ארויסגעקומען?

אויף דעם איז דא א אצה אז מ'וואשט שנעל אפ דעם אתרוג מיט וואסער. איך ווייס טאקע פון מענטשן וואס פירן זיך אז זיי וואשן אייביג אפ דעם אתרוג תיכף נאכ'ן ענדיגן די הושענות.

## זייער אינטערעסאנט. און וואס טוט זיך לגבי דער לולב, איז עס וויכטיג אז דער לולב זאל ליגן אין וואסער? מאכט עס אויס פאר'ן לולב אויב ס'ליגט אין וואסער?

פאר'ן לולב מאכט נישט אויס קיין כי הוא זה אויב ס'ליגט אין וואסער און עס פעלט נישט אויס. עס איז יא וויכטיג צו האלטן דעם לולב און אתרוג אין א שטוב מיט מער א קילערער טעמפעראטור, עס זאל נישט זיין צו הייס.

## און וואס קענט איר אונז געבן אן עצה צו האלטן פריש די הדסים?

די בעסטע עצה צו האטן די הדסים דאס לענגסטע פריש איז אז מ'זאל עס לייגן אין פרידזשידער, דאס וועט עס בעז"ה האלטן גענוג קיל, מען דארף אבער אכטונג געבן אז מ'זאל עס נישט לייגן דארט וואו די לופט קומט ארויס, וויבאלד דאס קען גורם זיין אז די הדסים זאלן ווערן פארפרוירן און די רעזולטאט דערפון איז אז ווען מ'נעמט עס ארויס ווערן די בלעטער פארוועלקט.

## אין די לעצטערע יארן זעט מען מער און מער אידן וואס קויפן פאר די בחורים א ד' מינים סעט, זעט איר אויך אן אויפשטייג דערפון?

אוודאי, אונז זע מיר א שטארקע אויפשטייג פון אידן וואס קומען אריין און האנדלען זיך איין אן אתרוג פאר זיך און פאר די קינדער. עס זענען דא דיינים וואס האלטן אז פונקט ווי מען איז מחויב צו קויפן תפילין פאר די קינדער דארף מען אויך קויפן א ד' מינים סעט כדי די בחורים זאלן קענען מקיים זיין דער מצוה מיט א שלימות און א הידור, אמאל איז עס נישט געווען שייך וויבאלד מען פלעגט מאנגלען אין שיינע כשר'ע אתרוגים און לולבים, היינט צוטאגס איז ב"ה דא א שפע, און מען זעט טאקע ווי מער און מער מענטשן זענען דאס מקיים.

## קענט איר אונז מיטטיילן אן אינטערעסאנטער אנעקדאט וואס איר האט מיטגעהאלטן במשך די לעצטערע יארן ביים פארקויפן אתרוגים ביים יריד?

עס איז העכסט אינטערעסאנט ווי ממש יאר יערליך זאגן די דיינים וואס זיצן ביי דער יריד אז מענטשן קומען זיי צייגן גאר טייערע אתרוגים פון אנדערע סוחרים, וואס דא ביי אונז קען מען עס באקומען פאר פיל ביליגער און מען באקומט דערביי גאר גוטע סערוויס, עס איז נישט א זאך וואס פאסירט זעלטן, אונז האב מיר עס ממש יעדעס יאר, און מען הערט עס כסדר. אזוי אויך הערן מיר כסדר צוריק די גוטע גריסן פון פילע מענטשן דורכאויס'ן יאר וואס באדאנקען זיך פאר די גוטע סערוויס און הערליכע סחורה וואס מיר שטעלן צו לטובת הציבור.

## א גרויסן יישר כח פארן אוועקגעבן פון אייער טייערע צייט, מיר האפן אז אויך היי יאר, גענוי ווי די פריערדיגע יארן וועט דער יריד דורכגיין מיט הצלחה און העלפן אריינברענגען א שמחת יום טוב ביי אנשי שלומינו.

# שוד ושבר: טרויער און צער מיט טראגישע פטירה פון אדם היקר באנשים הרב החסיד ר' צבי יודא וויינשטאק ז"ל

## לאנגיעריגער משמש בקודש ביי רביה"ק הברך משה זי"ע און ביי מ"מ כ"ק מרן רבינו שליט"א

### אומגעקומען אין שרעקליכן עקסידענט אויפ'ן ניו יארק סטעיט טרואוועי



ניו יארק. - מיט שרעקליכע צער און ווייטאג האבן חרדי'שע אידן, און בפרט תלמידי וחסידי סאטמאר איבער דער גארער וועלט, אויפגענומען די ביטערע בשורה מיט די פלוצים'דיגע פטירה פון הרב החסיד ר' צבי יודא וויינשטאק ז"ל, וועלכער האט געהאט די זכי' לאנגע יארן משמש צו זיין בקודש ביי מרן רבינו הגה"ק בעל ברך משה זצוק"ל און ביי יבדלחט"א ממלא מקומו כ"ק מרן רבינו שליט"א.

ר' יודל ז"ל איז אומגעקומען אין א שרעקליכן עקסידענט, בשעת ער האט זיך געפונען אין זיין קאר אויפ'ן ניו יארק סטעיט טרואוועי שאסיי אינעם אפסטעיט געגנט פארגאנגענעם מאנטאג כי תצא אום האלבע נאכט, ווען א ווילדער דרייווער האט זיך ארויפגעזעצט אויפ'ן שאסיי פון די פארקערטע ריכטונג און איז געפארן קעגנאיבער אלע קארס אין די לינקע ליניע. דער ווילדער דרייווער האט אריינגעקראכט רח"ל אין די קאר פון ר' יודל ז"ל מיט א שוידערליכן אימפעט ה' ירחם.

עמוירדזשענסי סערוויסעס, וואלונטירן און פאליציי האבן רעאגירט צו די ביטערע סצענע, און אויך זענען אריינגערופן געווארן די חברה הצלה פון קרית יואל, וועלכע זענען אין איילעניש אנגעקומען נאכ'ן הערן אז עס האנדלט זיך פון א אידישן באטראפענעם. די נישט-אידישע קאר האט אויפגעריסן אין העלישע פלאמען אויפ'ן ארט גלייך נאכ'ן צוזאמענשטויס, אבער ליידער איז ר' יודל'ס קאר אויך שווער געשעדיגט געווארן און ס'איז געווען קלאר אז דער מצב איז ערנסט.

די הצלה וואלונטירן אויפ'ן ארט האבן געארבעט מיט אלע מיטלען וואס זיי האבן נאר געקענט, פרובירנדיג צו דערהאלטן ר' יודל ביים לעבן, און מען האט אריינגעברענגט אן אמבולאנס מיט די האפענונג אז מ'וועט אים קענען ראטעווען און אפפירן אין שפיטאל פאר באהאנדלונג. אבער ליידער איז געווען נגזרה הגזירה פון הימל, און עס איז פארבליבן פאר די וואלונטירן בלויז צו באשטעטיגן אז ר' יודל ז"ל איז ליידער שוין נישט בין החיים.

באלד זענען אראפגערופן געווארן וואלונטירן פון "חסד של אמת", וועלכע האבן געארבעט אין די שפעטע נאכט שטונדן אונטער א קאלטן רעגן שטורעם צו פארזיכערן כבוד המת אויפן בעסטן פארנעם. דער נפטר איז אוועקגעפירט געווארן פון די סצענע דורך באאמטע פון די אראנדזש קאונטי קאראנער'ס אפיס, אבער די עסקנים האבן פארזיכערט אז מען זאל באלד באפרייען, און מ'האט זיך געגרייט צו די טרויעריגע און הארצרייסנדע לוי'.

די ביטערע בשורה מיט דעם טראגישן עקסידענט און פלוצימדיגן אומקום פון ר' יודל ז"ל האט זיך בליץ שנעל פארשפרייט אין די דינסטאג פארטאגס שטונדן, און אין סאטמארער געגנטער לענגאויס ניו יארק האט דער אומעטיגער רעגן בלויז געדינט ווי א צושטימונג צום דערדריקטן געפיל און צו דעם טרויער וואס האט זיך אראפגעלאזט אויף יעדן איינעם, מיט'ן הערן און פרובירן צו פארדייען דאס אז דער באליבטער ר' יודל ז"ל איז טאקע מער נישט מיט אונז!

די טרויעריגע לוי' איז ארויס פארנט פון בית המדרש הגדול אויף ראדני סטריט, וואו עס האבן מספיד געווען צוערשט כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, וועלכער האט ארויסגעברענגט די חובת השעה וואס ליגט אויף יעדן איינעם זיך מתבונן צו זיין והחי יתן אל לבו, ווי ס'שטייט אין די היינטיגע סדרה, כי ימצא חלל וגו' לא נודע מי הכהו וגו' וענו ואמרו ידינו לא שפכו את הדם הזה. דער רבי שליט"א האט ארויסגעברענגט זיינע מעלות ומדות טובות מיט וואס ער האט זיך שטארק אויסגעצייכנט און זיין איבערגעגעבנקייט פאר'ן צבור און פאר יעדן יחיד.

דערנאך האבן מספיד געווען דעם רבי'נס קינדער, הגה"צ מורינו שליט"א, און הגה"צ אב"ד סיגוט שליט"א. וועלכע האבן ארויסגעברענגט די געוואלדיגע שרעקליכע אבידה אז מען האט פארלוירן אזא טייערן איד ווי ר' יודל ז"ל, וואס אויסער זיין באקאנטע איבערגעגעבנקייט אלס משמש בקודש, האט ער אגאנצן טאג עוסק געווען אין מעשי צדקה וחסד, זייענדיג א גבאי פון "כולל שומרי החומות", און א זעלטענער בעל מידות וואס מ'זעהט נישט אזוינס.

דאן האבן זיך געזעגנט מיט ווארימע ווערטער צוויי זין שיחיו.

פון דארטן איז די מיטה געפארן קיין אפסטעיט, מיט אן אפשטעל אין מאנסי, און דערנאך קיין קרית יואל, וואו עס האט זיך פארזאמלט א ריזיגער ציבור פארנט פון בית המדרש הגדול, ספעציעל האט זיך אנגעזען דאס השתתפות פון הגה"צ מורינו שליט"א, און מען האט געהערט הספדים, צווישן זיי פון כ"ק הגה"צ גאב"ד סאטמאר מאנסי שליט"א. עס איז צווישן אנדערן ארויסגעברענגט געווארן די געוואלדיגע אומערמידליכע פעולות וואס דער חשוב'ער נפטר האט אריינגעלייגט אין לויף פון זיינע לעבנס-יארן - ספעציעל אין די תקופה וואס ער האט דארט געוואוינט - צו העלפן דעם וואוקס און בלי פון די הייליגע שטאט און פון די מוסדות הקדושים. א באזונדערן רושם האט געמאכט דער הארציגער הספד פונעם רבי'נס געטרייער גבאי הרה"ח ר' שמואל טייטלבוים שליט"א. פון דארטן האט מען געפירט די מיטה צום בית החיים דקהלתינו, וואו ר' יודל ז"ל איז געקומען לקבורה.

ר' יודל ז"ל לאזט איבער די סאטמארער קהילה די בכל אתר ואתר פאר'אבל'ט און פארטרויערט, און אויך זיין חשוב'ע משפחה וועלכע איז אזוי פלוצלינג פאראומגליקליכט געווארן אויף אזא שווערן פארנעם. צווישן אנדערן לאזט דער נפטר איבער זיינע חשוב'ע זין הר"ר פנחס ישעי' הי"ו; הר"ר יואל יצחק הי"ו; הר"ר אליעזר דוד הי"ו, און זיין טאכטער אשת הר"ר משה ראטה הי"ו, זיינע חשוב'ע ברידער הרה"ח ר' יחזקאל שרגא הי"ו און הרה"ח ר' אליעזר הי"ו, און די שוועסטערס אשת הרה"ח ר' שלמה גליק הי"ו און אשת הרה"ח ר' יצחק וויינגארטן הי"ו. דער באשעפער זאל זיי אלעמען טרייסטן און ממלא זיין חסרונם הגדול.



*

פון די ביטערע טראגעדיע האט אויך ארויסגעשיינט די השגחה פרטית פון ה' יתברך, ווען מען האט געהערט אין לויף פון דינסטאג פון עטליכע חרדי'שע אידן וועלכע זענען וואונדערליך געראטעוועט געווארן אויפ'ן זעלבן שאסיי נאכ'ן קומען פנים אל פנים מיט די ווילדע קאר וועלכער איז געפארן אויף די פארקערטע ריכטונג. די עפיזאדן פון געוואלדיגע נסים האבן אויפגעטרייסלט פונקט אזוי ווי די טראגעדיע, ווען מען האט געזען קלאר וויאזוי פון הימל פירט מען יעדעס טריט און שריט, מה' מצעדי גבר כוננו.

איין געשיכטע האט מען געהערט פון הרה"ח ר' יצחק ברוך שפיצער הי"ו, מנאמני בית כ"ק אדמו"ר מתולדות צבי דספינקא שליט"א און לאנגיעריגער עסקן לטובת הכלל והפרט, וואס איז געפארן מיט עטליכע מינוט פריער אויפ'ן זעלבן שאסיי, און געזען ווי א קאר פליט "ראנג וועי" אין א דערנעבנדיגע ליניע, און ער האט געדאנקט דעם באשעפער וואס ער האט נישט אריינגעקראכט אים אין פנים רחמנא יצילנו.

צווישן אנדערן האט הר"ר יקיר ביגעלאייזן הי"ו, א הצלה מעמבער פון בארא פארק, דערציילט זיין געוואלדיגן נס. ער האט דערציילט וויאזוי ער איז געווען אויפ'ן וועג צוריק פון מידעלטאון אין דער

ריכטונג פון מאנהעטן, אויפ'ן וועג אראפ פונעם טרואוועי שאסיי ביי "עקזיט 15", ווען מיטאמאל פארנדיג אין די לינקע ליניע, האט ער געזען וויאזוי צוויי לעקטערס פארן דירעקט אקעגן אים מיט א שנעלן אימפעט. ער האט נישט געקענט גלייבן וואס ער זעהט, און געקוקט עטליכע מאל, ביז ער האט ווירקליך געזען אז קנאפע 2 מייל ווייט פון זיין קאר, קומט א קאר צו פליען קעגנאיבער.

ר' יקיר הי"ו זאגט אז ער האט גלייך געדרוקט די "ברעיקס" צו פארלאנגזאמען זיין קאר, און מיט די הצלה לעמפלעך האט ער סיגנאליזירט פאר'ן טרעילאר וואס איז געפארן אין די מיטלסטע ליניע אז ער זאל זיך רוקן און אים ארייגלאזן אין די מיטלסטע ליניע, און דער טרעילאר האט זיך באלד גערוקט און אים געמאכט פלאץ. אזוי האט ר' יקיר אויסגעמיטן דעם קאר ממש מיט געציילטע סעקונדעס, און דערמיט אויסגעמיטן א שרעקליכע טראגעדיע, ווען זיין לעבן איז געראטעוועט געווארן מן השמים אויף א געוואלדיגן אופן.

ער זאגט אז ווי נאר ער האט געזען די קאר פליען אזוי שנעל אין די נישט-ריכטיגע ריכטונג, האט ער זאפארט טעלעפאנירט די פאליציי. אבער ווארשיינליך האבן פילע אנדערע דרייווערס געהאט געזען און באמערקט דעם דרייווער פארן קעגנאיבער טראפיק און זיי האבן אויך אריינגערופן די פאליציי, וויבאלד דער פאליציי דיספעטשער האט געזאגט פאר ר' יקיר אז אפיצירן זענען אויפ'ן וועג אהין.

אן אנדערער איד, א מונקאטשער חסיד פון מאנסי, דערציילט. זיין אייגענעם דראמאטישן נס וואס ער האט געהאט אין די זעלבע צייט. דער איד דערציילט אז ער איז געווען אויפ'ן וועג פון מידעלטאון קיין מאנסי, נישט ווייט פון די "מנחה עריע", ווען ער האט מיטאמאל געזען א קאר פליען 65 מייל פער שעה קעגנאיבער, פנים אל פנים. ווענלדיג אויסמיידן די קאר פון אריינקראכן אין אים, האט דער איד געגעבן א שנעלן רוק ארויס זיין קאר פון די ליניע און טאקע אויסגעמיטן די קאר, אבער גלייכצייטיג ארויפגעפלויגן ווילד אויף די גראז אין דער זייט.

דער קאר האט זיך ווילד געדרייט אין די גראז און ער האט נישט געקענט געהעריג סטאפן, אבער ב"ה נאך עטליכע סעקונדעס איז די קאר געקומען צו אן אפשטעל. דער איד זאגט אז ער האט געהאט מיט זיך אין די קאר א טאכטער און אן עלטערע ארץ ישראל'דיגע פרוי, און ער האט געוואלט פשוט זיכער מאכן אז ער האט נישט פאנטאזירט און טאקע ווירקליך גוט געזען די קעגנקומענדיגע קאר. די צוויי אין די קאר האבן באשטעטיגט אז זיי האבן אויך געזען די קאר קומען קעגנאיבער, און טראץ וואס זיי זענען געווען צעשאקלט, האבן זיי ב"ה נישט געליטן קיין וואונדן.

דער איד דערציילט אז ער האט טעלעפאנירט מאנסי הצלה, וועלכע האבן אים געפרעגט וואו ער געפינט זיך, אבער ער האט נישט געוואוסט געהעריג וואס צו ענטפערן. זיי זענען געבליבן מיט אים פארבונדן טעלעפאניש און ארויסגעשיקט עטליכע וואלונטירן, און ווען דער איד האט באמערקט די הצלה לייט אויפ'ן אנדערן זייט שאסיי, האט ער געזאגט פאר'ן דיספעטשער אויפ'ן טעלעפאן אז ער זעהט זיי, און די וואלונטירן האבן געזאגט אז זיי וועלן פארן אביסל ארויפציר צו קענען אנקומען צו די אנדערע זייט שאסיי וואו ער האט זיך געפונען אויף די גראז.

אבער ליידער א מינוט שפעטער האבן די וואלונטירן געזאגט אז זיי קענען מער נישט אנקומען צום איד מיט די קאר אין די גראז, וויבאלד דער טרואוועי שאסיי איז שוין געווען בלאקירט צוליב א קאר וואס איז ארויף אין פלאמען נאכ'ן זיך צוזאמענשטויסן מיט אן אנדערע קאר. דאס האט זיך ארויסגעשטעלט צו זיין די טראגישע סצענע וואו דער גוי'אישער דרייווער האט אריינגעקראכט אין די קאר פון ר' יודל ז"ל, און דער איד דערציילט טאקע אז ביים ארויסקומען פון די קאר האט ער געזען נישט ווייט פונעם ארט די פלאמען און דעם גאנצן שרעקליכן עקסידענט וואס ס'האט פאסירט.

די הצלה האט דירעקטירט דעם איד ארויסצופארן פון די גראז און צופארן צום נעקסטן עקזיט, און ב"ה אז ס'איז אים געלונגען ארויסצוקריכן מיט די קאר פון די גראז און טאקע פארן צום נאענטסטן עקזיט. דארטן האבן די הצלה וואלונטירן אפגעווארט און אונטערגעזוכט יעדן איינעם, מאכנדיג זיכער אז זיי זענען 'אקעי'. זעענדיג אז דער איד און זיינע פאסאזשירן זענען שטארק צעשאקלט און דערשראקן, האבן די וואלונטירן נישט געוואלט ענטפערן אויף פראגעס וועגן דער טראגעדיע, אבער אנקומענדיג אהיים האט דער איד שוין געהערט וואס ס'האט ליידער פאסירט.

*

דער באשעפער זאל שיקן א טרייסט פאר אלע וואס דארפן ווערן געטרייסט, און מיט די ביטערע טראגעדיע און די שרעקליכע אבידה זאל שוין מקוים ווערן דעם השלם כל הקרבנות כולם, און דער באשעפער זאל טרייסטן גאנץ כלל ישראל מיטן ברענגען משיח צדקינו און אונז ארויסנעמען פונעם ביטערן און שרעקליכן גלות.






**מזל טוב עיר ואם בישראל בלומינגראוו!!**

וְהָאָרֶץ הִנֵּה רַחֲבַת יָדַיִם לִפְנֵיכֶם שְׁבוּ וּסְחָרוּהָ וְהֵאָחֲזוּ בָּהּ • בְּנוּ לָכֶם עָרִים לְטַפְּכֶם וּגְדֵרֹת לְצֹנַאֲכֶם

# ווילעדזש באורד באשטעטיגט איינשטימיג היסטארישע טויש אין לאקאלע זאונינג געזעץ

## דראמאטישע אנטוויקלונג אנטשפרעכט א באלדיגע ליכטיגע צוקונפט פון רעקארד-ברעכנדע הרחבת גבולי הקדושה צווישן די גרעניצן פון בלומינגראוו – קרית יואל רבתי

הזורעים בדמעה ברנה יקצורו! נאָך נאָנט צו אַ יאָר פון שווערע איבערמידליכע פלאָג, און נאָך לאַנגע חדשים פון שווערע אַרבעט און פלאַנירונגען דורך לעגאַלע און טעכנישע עקספערטן און אינזשענירן, האָט דעם פאַרלאָפענעם מאָנטאָג פרשת ראה, לסדר "כי ירחיב ה׳ אלקיך את גבולך", זיך בליץ - שנעל פאַרשפרייט די אומגלויבליכע און לאַנג ערוואַרטעטע בשורה טובה ומרנינה אַז דער סאַוט בלומינגראוו ווילעדזש באָורד האָט בשעה טובה ומצלחת געוועלט צו דורכפירן און באַשטעטיגן דעם היסטאָרישן "טעקסט אַמענדמענט" וואָס טוישט ענדגילטיג די לאָקאַלע זאָונינג געזעץ מיט אַ העכסט פאָזיטיווע און צוגעגליכע זאָונינג, ספעציעל געאייגנט פאר די טובה און תועלת פון די תושבי העיר!

### ווער וועט בענעפטירן פון דעם זאָונינג טויש?

דער טויש אין געזעץ איז אייגנטליך בלויז אַ



קליינע שרייפל אין דעם ריזיגן "קאמפרעהענסיוו פלאַן", וואָס וועט אריינעמען אַלע גרעניצן לענגאויס די 5.2 מייל פון דעם גאַנצן ווילעדזש. אַזאַ מאַסיווער פלאַן אַנטהאַלט אומצאָליגע פאַרצווייגטע דעטאַלן און לעגאַליטעטן וואָס וועט נאָך געדויערן אַ לאַנגע צייט ביז עס וועט פולקאָם ערגענצט ווערן, אָבער טאַקע דערפאַר האָבן די געטרייע ווילעדזש באַאַמטע באַשלאָסן אַז מען גייט נישט וואַרטן אַזוי לאַנג ביז די יעצטיגע איינוואוינער וועלן קענען געניסן פון הרחבת הדעת, אל תמנע טוב מבעליו, נאר מען וועט דערווייל דורכפירן דעם זאָונינג טויש פאר די דריי עקזיסטירנדע געגנטער וואו עס וואוינען אחבנ"י.

די דראַמאַטישע זאָונינג טויש איז אַלזאָ דורכגעפירט געוואָרן האַלטנדיג פאַר די אויגן בלויז די אינטערעסן פון די "יעצטיגע" עקזיסטירנדע איינוואוינער אין די היימישע געגנטער דאָ אין דעם ווילעדזש!

אָט די אנשי שלומינו, תושבי עירינו, וואָס האָבן געשוויצט אינאיינעם פון דעם ערשטן טאָג, אָט די אַלע אידן וועלכע האָבן אויף די אייגענע הויט מיטגעמאַכט די אַלע רדיפות פון די געוועזענע אַדמיניסטראַציע, און די אַלע אידן וועלכע האָבן פאראייניגטערהייט געבויעט אונזער שטאט, זיי וועלן זיין די ערשטע צו געניסן פון זייער אייגענע האָרעוואַניע! ווייל די זאָונינג טויש איז פאָקוסירט צו אַפעקטירן דייקא די איינוואוינער פון די דריי היימישע געגנטער, און קיין שום אַנדערע שטח ווערט דערווייל נישט אַריינגענומען אין דעם זאָונינג געזעץ.

אין דעם יעצטיגן זאָונינג טויש איז ווירקליך אַריינגעגאנגען אומגעהויערע וואָכן און חדשים, מיט אַסאַך מחשבה אין יעדן דעטאַל, אַז די אַנטוויקלונג זאל טאַקע האָבן אַ דירעקטע און געוואונטשענע אַפעקט אויף די "יעצטיגע איינוואוינער" אין די דריי געגנטער פון ווארלי הייטס, קעפיטל הילל, און לעיק שאור, און צו ערמעגליכן אַז יעדער יחיד וואָס איז אן אייגנטומער פון פראַפּערטי זאל האָבן אַ באַלדיגע און אַ מאַקסימום טובת הנאה תיכף ומיד, להחיות נפש כל חי.

## צוריקגעברענגט דעם אָריגינעלן זאָונינג; פאַרבעסערט און פאַרשענערט

ס'איז מערקווערדיג צו באַטאָנען אַז דער יעצטיגער זאָונינג טעקסט אַמענדמענט איז אייגנטליך נישט קיין נייע געזעץ. אין לויף פון לאַנגע יאָרן האָט דאָס געזעץ פאַקטיש ערלויבט צו בויען לויט דעם סאָרט זאָונינג דאָ אין געגנט.

דאַן זענען אָבער אונטערגעקומען די פיינטליכע עלעמענטן וועלכע האָבן געגרינדעט דעם ווילעדזש, מיט די וויזיע פון "פן ירבה". זיי האָבן איינפאַך אַוועקגענומען די רעכטן פון איינוואוינער און זיי האָבן בייזוויליג "געטוישט" דעם אַלטן געזעץ, דירעקט צו ענג מאַכן און פאַרשווערן פאר אחינו בני ישראל!

אַצינד האָט מען בלויז צוריקגעברענגט דעם אָריגינעלן זאָונינג קאָוד, וואָס איז שוין געווען דאָ אין געגנט מיט צענדליגער יאָרן צוריק. מען האָט אָפּגעוואָרפן די רשעות'דיגע טויש פון די פריערדיגע ווילעדזש אַדמיניסטראַציע און מען איז ב"ה צוריק צום אַלטן!

פאַרשטענדליך אַז אינאיינעם מיט'ן צוריקברענגען דעם אָריגינעלן געזעץ, האָבן די געטרייע עוסקים בצרכי ציבור, אינערהאַלב די ווילעדזש אַדמיניסטראַציע, זיכער געמאַכט צו אַריינלייגן פילע גינסטיגע "נתינת טעם לשבח", צו פאַרבעסערן די רעגולאַציעס מיט ווייטגרייכנדע און פאָזיטיווע הוספות, אַז די זאָונינג זאל טאַקע זיין נח לשמים ולבריות, און עס זאל אַהערשטעלן אַ געשמאַקע, פּראַקטישע און חסידי'שע לעבנסשטייגער פאר היימישע משפחות, צו קענען דאָ אויפציען ערליכע און געזונטע שטיבער מיט אַ הרחבת הדעת.

אינאיינעם מיט דעם אַלגעמיינעם טויש אין דעם זאָונינג איז דערפאַר אַריינגעשטעלט געוואָרן אין דעם געזעץ אַ רייע פון גאָר פונדאַמענטאַלע פונקטן און רעגולאַציעס וואָס יעדע בוי פּראָיעקט וועט דאַרפן פולשטענדיג אויספאָלגן און נאָכקומען, פאר די אינטערעסע און וואוילזיין פונעם ציבור התושבים.

דאָס רעכנט אַריין די ברייטקייט פון די ראָודס; די נויטיגע פאַרקינג פּלעצער; סיידוואָלקס; סטריט לייטס; לענדסקעיפּינג; גענוג רחבות'דיגע "סעט- בעקס" פון אַלע זייטן; הייעך פון די הייזער; אַ פאַרלאַנג צו אַהערשטעלן פאַרקס; אַ קאָוד אַנבאַלאַנגט דאָס נקיות און זויבערקייט פון דער געגנט מיט פּאַסיגע גארבידזש פּלעיסמענט; און אַ באַזונדערע רעקווייערמענט צו אַהערשטעלן אַ באַשטימטע ראַטע פון עפאָרדעבל קלענערע דירות האַוזינג, מיט נאָך פילע דעטאַלן וועלכע וועלן בעז"ה ערמעגליכן די אידישע כאַראַקטער און אויסבליק פון דער שטאָט אויף לאַנגע יאָרן.

מיט'ן ציל צו אינפאָרסירן אָט די אַלע אונטערלאַגעס צום זאָונינג טויש, איז דעריבער אויך געגרינדעט געוואָרן דריי ספּעציעלע קאָמיסיעס, וועלכע וועלן זיין באַזירט צו באַגלייטן די טעכנישע און לעגאַלע אַנגעלעגנהייטן פון די בוי פּראָיעקטן, און פאַרזיכערן אַז אונזער שטאט פאַרבלייבט מיט איר אייגנאַרטיגע אידישע חן און חסיד'ישן טעם.

# אפעקטיווע פארקינג רעגולאציעס וועט פאַרזיכערן רואיגע און פאַרזיכערטע ראודס און טראפיק אויף די ווילעדזש גאסן

אן אינטעגראַלער טייל פון דעם געוואונטשענעם טויש אין דעם זאָונינג טוט גלייכצייטיג פאָקוסירן אויף די טעמע פון פאַרקינג, וואָס איז פון די סאַמע וויכטיגסטע פּריאָריטעטן ווען עס קומט צו בויען אַ סטרוקטור פון אַ אידישע שטאט אויפ'ן לאַנג-טערמיניגן צוקונפט.

דער ניי- געטוישטער זאָונינג פּלאַן קוקט מיט אַן אויפריכטיגן בליק אויף דעם "עבר", וויאַזוי עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אין היימישע געגנטער דורכאויס די לעצטע דרייסיג יאָר, וואו טראַפיק און פאַרקינג איז געוואָרן אַן אומדערטרעגליכע ערשיינונג אינאיינעם מיט'ן וואוקס פון אידישע דירות בליעה"ר.

עס איז דעריבער געשטעלט געוואָרן אַ ספּעציעלן געוויכט אַז יעדע פּאָטענציעלע "דירות יוניט" וואָס קען אַרויפקומען אין יעדע דעוועלאָפּמענט זאל האָבן שוין למפרע צוגעשטעלט פאַרקינג ספּאַטס, נאָך בשעת דאָס הויז ווערט געבויעט.

די ספּעציעלע "די. או. טי." קאָמיטע פון דעם ווילעדזש וועט זיכער מאַכן אַז אַלע פּלענס וואָס ווערן אַריינגעגעבן זאלן האָבן די פאַרלאַנגטע פאַרקינג ערטער און דאָס וועט אינפאָרסירט ווערן נאָך איידער די פּלענס גייען ווייטער צום קומענדיגן שטאַפּל.

אַ פּריוואַטע הויז, וואָס ווערט געבויעט אויף אַ פערטל עיקער, וועט דאַרפן האָבן אַמווייניגסטנס צוויי פאַרקינג ערטער, נעמענדיג אין באַטראַכט אַז דאָס הויז האָט עווענטועל אַ פּאָטענציעל צו פאַרמאָגן צוויי איינוואוינער, אַזוי אַרום אַז אויך דער איינוואוינער פון דעם בעיסמענט זאל האָבן אַ פאַרקינג פּלאַץ און זאָל נישט דאַרפן פאַרקירן אויף דער גאַס.

אַ "סעמי-עטעטשט" הויז וועט דאַרפן האָבן פיר פאַרקינג ערטער, צוויי פאר די פּריימערי היים איינוואוינער און צוויי פאר די בעיסמענט. ווידעראום די "טאַון" הייזער וועלן דאַרפן האָבן אַכט פאַרקינג ערטער צו אַדרעסירן דעם געברויך, און די ספּעציעלע "מולטי פאַמיליע" בנינים וועלן דאַרפן צושטעלן איין פאַרקינג פאר יעדע יוניט וואָס די געביידע וועט פאַרמאָגן.

# די דעטאַלן אַרום דעם נייעם "זאָונינג קאָוד"

דער היסטאָרישער נייער "זאָונינג קאָוד", ווערט אָנגערופן מיט'ן אָפיציעלן נאָמען RB Zoning.

דער נייער זאָונינג איז גילטיג אויף אַלע דריי עקזיסטירנדע - באַוואוינטע געגנטער אין דעם ווילעדזש, ווארלי הייטס, לעיק שאור און קעפיטל היילל.

די זאָונינג קאָוד טוט פּרעזענטירן פיר באַזונדערע סאָרט סטרוקטורן וועלכע קענען ווערן געבויעט, געוואָנדן לויט די גרויס און די סייז פון דעם פּראַפּערטי.

## פאָלגענד זענען די פיר סטרוקטורן, אונטער דעם נייעם זאָונינג געזעץ:

אַ פּריוואַטע הויז. דאס איז א הויז פאר איין איינוואוינער, מיט אַ מעגליכקייט פאר א באזונדערע בעיסמענט אדער גאַראַדזש אויפ'ן גראונד פלאור.

אַ סעמי - עטעטשט הויז. די געדאנק פון א א סעמי - עטעטשט הויז גיט די מעגליכקייט פאר צוויי באזונדערע אייגענטומער אינעם זעלבן סטרוקטור )עס ווערט אויך לעגאל צעטיילט אויף צוויי באזונדערע SBL - די ראשי תיבות פון די ווערטער ס'עקשאן ב'לאק ל'אט).

דאָס איז נישט קיין מוטער - טאָכטער הויז, וואָס דאַרף זיין אַ גרעסערע און אַ קלענערע דירה, און איז טעכניש איינס, און קען אלגעמיין נאר ארויסגענומען ווערן איין מארטגעזש צו פינאנצירן דאס קויפן דעם הויז, נאר ס'איז צוויי באזונדערע הייזער, - די רעכטע זייט פאר

איינעם און די לינקע זייט פאר א צווייטן - וואס יעדע איינע פאר זיך האט די מעגליכקייט פאר בעיסמענטס אדער גאראדזש אויפ'ן גראונד פלאור, ס'איז אבער געבויעט אין איין סטרוקטור.

צו קענען בויען די צוויי סארט דערמאנטע סטרוקטורן דארף די פראפערטי זיין א פערטל עיקער גרויס, דאס איז בערך **11,000** סקווער פיס זעט ווייטער די פונקטליכע פארלאנגטע רעגולאציעס פון סעט בעקס. די מאקסימום פוט פרינט פון דעם סטרוקטור פער שטאק איז **5,000** סקווער פיס.

**אַ טאַון הויז.** דאס איז צוויי סעמי - עטעטשט הייזער באַהאָפטן אינאיינעם, (צוויי קארנער הייזער און צוויי מיטן הייזער) א טאון הויז קען ווערן געבויעט צו אַ מאַקסימום פון פיר הייזער באהאפטן, און יעדע יוניט האט די מעגליכקייט פאר בעיסמענטס אדער גאראדזש אויפ'ן גראונד פלאור.

צו קענען בויען די סארט סטרוקטור דארף די פראפערטי זיין א האלבע עיקער גרויס, דאס איז בערך **22,000** סקווער פיס זעט ווייטער די פונקטליכע פארלאנגטע רעגולאציעס פון סעט בעקס. די מאקסימום פוט פרינט פון דעם סטרוקטור פער שטאק איז **10,000** סקווער פיס.

**אַפּאַרטמענטס קאָמפּלעקס.** פון 2-3 און 4 בעדרום יוניטס.

זעט ווייטער די פונקטליכע פארלאנגטע רעגולאציעס פון די סארט סטרוקטורן.

## די רעגולאַציעס פאַר אַ
## פּריוואַטע הויז און פאַר סעמי-עטעטשט הויז

די זאָונינג טוט ערלויבן פאר יעדן לאַנד אייגנטומער צו בויען אַ פּריוואַטע הויז אָדער אַ סעמי -עטעטשט הויז אויף אַ שטח פון אַ פערטל עיקער. דאָס קומט אויס אומגעפער אַן **11** טויזנט סקווער פיס פּראַפּערטי.

די טאָטאַל "פוט פּרינט" פון דעם סטרוקטור קען זיין ביז פינף טויזנט סקווער פיס. אַזאַ הויז קען זיין צוויי שטאָק מיט אַ בעיסמענט, און די הויכקייט פון אַ הויז קען זיין מאַקסימום פינף און דרייסיג פיס ביז'ן העכסטן שפּיץ ביים דאך פונעם הויז.

יעדע פּריוואַטע הויז אָדער סעמי-עטעשעט הויז דארף האָבן אַ "סעט בעק" פון פערציג פיס פאָרנט פון דאָס הויז, פערציג פיס הינטער דאָס הויז, און פופצן פיס אין דער ברייט צו יעדע זייט.

אין די פערציג פיס פאָרנט פון דאָס הויז איז אויך אַריינגערעכנט זעקס פיס פאַר'ן סיידוואָלק ביז דעם ראָוד, וואס ווערט פינאַנצירט אויף די קאָסטן פונעם היים אייגנטומער. (זעהט אין דעם באַזונדערן באריכט בנוגע די DOT קאמיסיע).

ס'איז וויכטיג צו אונטערשטרייכן אַז ווען מען פּלאַנירט דאָס בויען דאַרף מען רעכענען אַז די ראָודס ביי די נייע זאָונינג פּראָיעקטן ווען זיין ברייט 37 פיס, פון קאורב צו קאורב. דעריבער דארף זיך דער "סעט -בעק" אָנהויבן פון דעם ברייטן ראָוד פון **37** פיס, וואס פון דאָרט דאַרף מען רעכענען **6** פיס פאַר'ן סיידוואָלק און נאָך **34** פיס פאר די פאָרנט "סעט- בעק".

יעדע ניי - געבויעטע הויז וועט זיך דארפן געפינען **40** פיס פון דעם פראָנט פּראַפּערטי ליניע, מיט **40** פיס פאר די "סעט בעק" הינטער דאָס הויז. דאָס איז אין צוגאָב צו די "סעט - בעקס" אין דער ברייט, וואָס איז **15** פיס פון יעדע זייט באזונדער.

עס וועט נישט ערלויבט ווערן צו בויען הייזער איינס הינטער די אַנדערע. ווי עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אין אַנדערע געגנטער אַז אַזעלכע סאָרט פּראָיעקטן קען חלילה באַדייטן ערנסטע זיכערהייט געפאַרן על כל צרה שלא תבוא און ברענגען אַראָפּ די כאַראַקטער און קוואַליטעט פון געגנטער. דעריבער וועט נישט געגעבן ווערן קיין פערמיטן צו בויען הייזער טיף אַריין אין פּראַפּערטיס, נאר בלויז זייט ביי זייט, צו אָנהאַלטן די שיינקייט פון אונזער שטאט.

די ווילעדזש וועט נישט ערלויבן קיין פּריוואַטע ראָודס אין דעם גאנצן ווילעדזש און אלע עקזיסטירנדע פּריוואטע ראודס ווען מיט דער צייט איבערגענומען ווערן דורך די ווילעדזש ווירטשאפט אלס פּובליק ראודס און אויסגעברייטערט ווערן לויט די נייע פּאָרשריפטן פון פּובליק ראודס.

די ווילעדזש האָט אַריינגעלייגט אומגעהויערע אַרבעט צו פאַרזיכערן אַז עס קענען געבויעט ווערן הייזער מיט אן הרחבה, לארכה ולרחבה, מיט אַ ציל אַז מען זאָל נישט דאַרפן אָנקומען צו געבן "וועריענסעס". אַזאַ שריט וואָלט בלויז פאַרלענגערט דעם פּראָצעדור און צעווארפן דעם אונטערלאַגע פון די זאָונינג.

## די רעגולאַציעס
## פאַר אַ טאַון האָום

די קומענדיגע סטרוקטור איז דער "טאַון האָום", וואָס באַדייט צוויי סעמי - עטעטשט הייזער, באהאפטן איינס נעבן די אַנדערע, מיט פיר דירות, און פיר מעגליכע בעיסמענטס.

פונעם פּריוואט / סעמי אטעטשד מאדעל, פערציג פיס פאָרנט )אַריינגערעכנט זעקס פיס פאר דעם סיידוואָלק( און פערציג פיס פון הינטן.

די "סעט בעקס" אין דער ברייט וועט זיין אַנדערש ביי א טאַון האָום. אַנשטאָט 15 פיס פוןביידע זייטן, דארף זיין אַ "סעט בעק" פון 25 פיס ביי יעדע זייט באזונדער. דאָס איז געאייגנט צו אַקאָמאַדירן מער פּלאַץ פאַר פּאַרקינג.

די הויכקייט פון די טאַון הייזער וועט אויך זיין ביז אַ מאַקסימום פון 35 פיס ביז דער העכסטער שפּיץ פון די דרויסנדיגע דאך. דאָס טוט ערלויבן דריי לופטיגע שטאָקן, צוויי פאר דעם פּריימערי הויז און איינס פאַר'ן בעיסמענט.

*

אין די אַלע דריי אויבנדערמאַנטע מאָדעלן הייזער; די פּריוואַטע הויז, די סעמי - עטעשט הויז, און די טאַון האָום, וועט יעדער היים אייגנטומער האָבן זיין אייגענע אָפּציע וויאַזוי צו אויסשטעלן זיין בעיסמענט, אַלס אַ גאַראַדזש,

## אַ פּריוואַטע הויז

טאָטאַל "פוט פּרינט" פון א שטאק אין דעם סטרוקטור קען זיין ביז פינף טויזנט סקווער פיס.
אַזאַ הויז קען זיין צוויי שטאָק מיט אַ בעיסמענט, אדער גאַראַדזש אויפ'ן גראונד פלאור
הויכקייט קען זיין מאַקסימום פינף און דרייסיג פיס ביז'ן העכסטן שפּיץ ביים דאך פונעם הויז.
"סעט בעק" פערציג פיס פאָרנט, פערציג פיס אין די בעק, פופצן פיס ברייט צו יעדע זייט.
עס וועט נישט ערלויבט ווערן צו בויען הייזער איינס הינטער די אַנדערע.





אַ רויע סטרוקטור, אַ סטאָרעדזש, אָדער עס עווענטועל אויפפיקסן אַלס נאָך אַ דירה.

די ווילעדזש וועט געטריי מיטאַרבעטן צו אַרויסהעלפן יעדן היים - אייגטומער וועלכע ווילן ערהאַלטן די נויטיגע פערמיטן צו רענאָווירן דעם בעיסמענט פאר אַ דירה, וואָס קען אויסקומען לויט די בייגעלייגטע "פלאָר פלענס" צו אַ דירה פון אומגעפער -12 ביז 15 הונדערט ס.פ. געוואָנדן אין די "פוט פרינט" פון די פראַפערטי.

יעדע פריימערי יוניט, דהיינו א הויז מיט א בעיסמענט, וועט דארף צושטעלן 2 פארקינג פלעצער. דאָס הייסט אַז יעדע נייע געבויעטע פריוואַטע הויז וועט האָבן 2 פאַרקינג ערטער. יעדע סעמי- עטעטשט הויז - 4 פאַרקינג ערטער און אַ טאַון האָום - 8 פאַרקינג ערטער.

## די ספעציעלע "קאנדישענעל זאָונינג"

די פערטע מאָדעל סטרוקטור וואָס איז אַריינגעלייגט געוואָרן אין דעם יעצטיגן טויש איז די ספעציעלע "קאנדישענעל זאָונינג". דאָס איז אַ זאָונינג וואָס איז דירעקט נישט געאייגנט פאר קיין יחיד אָדער פאר קלענערע פראַפערטיס.

דער "קאנדישענעל זאָונינג" וועט בלויז אַדרעסירן גרעסערע דעוועלאפמענטס וואָס וועלן אַריינגעבן אַ "סוב-דעוויזשן" אַפליקאַציע פון אַמווייניגסטנס צען עיקער און העכער.

ווי מיר אַלע האַלטן עס מיט איז אין די לעצטע תקופה פאַרהאַן אן אויסטערלישע מאַנגל אין דירות אויף די היימישע מאַרקעט. דאָס האָט באַוואויגן די געטרייע ווילעדזש אַדמיניסטראַציע צו אַרויסלייגן אויך אַזאַ סאָרט זאָונינג, דירעקט פאר "מולטי - יוניט" קאָמפלעקסן, וואָס וועט צושטעלן פילצאָליגע קלענערע דירות, פון צוויי - דריי בעדרום דירות פאר חתן כלה דירות רענטלס, און אויך עטליכע פיר- בעדרום דירות, פאר רענטלס, וואס וועט האָפנטליך פאַרלייכטערן דעם דירות קריזיס אין אונזער אומגעגנט אין דעם קורצן טערמין.

ווי ערוועהנט, כדי צו זיין באַרעכטיגט פאר אַזאַ פראָיעקט, דאַרף דער פראַפערטי זיין כאָטש צען עיקער גרויס און די ווילעדזש וועט באַטראַכטן אַ פולקאָמע רעוויו איידער אַזאַ אַפליקאַציע ווערט באַשטעטיגט.

## די רעגולאַציעס פון דעם אפארטמענטס קאָמפלעקס

די "קאנדישענעל זאָונינג" וועט ערלויבן קאָמפלעקסן פון 9 ביז מאַקסימום 18 דירות יוניטס אין אַ געביידע.

די זאָונינג קומט באַגלייט מיט באַזונדערע רעגולאַציעס צו ערמעגליכן אַז די איינוואוינער זאלן בעז"ה געניסן פון אַ קוואַליטי אָוו לייוו וואוינאָרט און ענווייראָמענט און עס זאָל זיין געבויעט צוגעגליך, אידישליך און מענטשליך. אַזאַ געביידע וועט זיין בלויז דריי שטאָק הויעך, און אַזוי ווי אַלע אַנדערע מאָדעלן וועט דאָס קענען זיין הויך ביז 35 פיס, ביז דעם שפיץ דאך.

די סאָרט בילדונג וועט געבויעט ווערן אויף אַ "סלעב", עס וועט נישט ערלויבט ווערן דאָס צו בויען מיט "סוב-בעיסמענטס", כדי צו פאַרמיידן וואָס האָט פאַסירט אין אַנדערע געגנטער, וואו בעיסמענטס ווערן אויסגענוצט פאר בתי מדרשים, אָפיסעס און עווענטועל צו אַריינשטופן אונטערערדישע און טונקעלע דירות, וואו מען זעט נישט די שיין פון דער זון. די געביידעס וועלן דעריבער פאַרמאָגן פלאַץ פאַר סטאָרעדזש אָבער נישט קיין סוב-בעיסמענטס.

די "קאנדישענעל זאָונינג" פראָיעקטן וועלן דאַרפן האָבן גאָר ברייטע "סעט - בעקס": פופציג פיס פון פאָרנט; פופציג פיס פון הינטן, און ניינציג פיס פון יעדע זייט אין דער ברייט. אַזוי אויך וועט דאַרפן זיין צוגעשטעלט כאָטש איין פאַרקינג פלאץ פאר יעדע יוניט פון דאָס הויז.

יעדע געביידע וואָס וועט אנטהאַלטן אַריבער צוועלף יוניטיס וועט דאַרפן בויען אַ פאַרק, אַז די פאַמיליעס פון דעם קאָמפלעקס זאָלן קענען געניסן פון אַ קוואַליטעט לעבנסשטייגער.

די ראָוד פאָרנט פון אַזעלכע "קאנדישענעל זאָונינג" פראָיעקטן, וועט דאַרפן זיין אַמווייניגסטנס 47 פיס אין דער ברייט קאורב צו קאורב, צען פיס ברייטער ווי אַ געוועינליכע ראָוד, צו קענען דערהייבן די פאַרמערטע טראַפיק אַז די ראָוד זאָל נישט ווערן אָנגעשטויסן צווישן די קאַרס, טראַנספּאָרטאַציע פאר די מוסדות התורה, סאַניטאַציע, א.א.וו.

## גרעסערע סוב דעווישענס וועלן דאַרפן אַראָפּגעבן אַ פּראָצענט פאַר קלענערע דירות

עס דארף אנגעצייכענט ווערן אַז יעדע גרויסע "סוב-דעוויזשען" וואָס וועט ווערן געבויעט אין די גרעניצן פון דעם ווילעדזש, וועט ווערן דיקטירט אַז כאָטש אַ טייל פון דעם דעוועלאָפמענט זאל אַנטהאַלטן די סאָרט קלענערע דירות פון דעם "קאנדישענעל זאָונינג".

דערמיט וועט דער ווילעדזש זיכער מאַכן אַז ס'זאָל שטענדיג זיין צו באַקומען אַ פלוס פון דירות פאר אינגעלייט וואָס קענען נאָכנישט קויפן אַן אייגענע הויז. נישט ווי ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט אין אַנדערע געגנטער אַז אפילו אידן וועלכע אַרבעטן שווער פאר פרנסה האָבן נישט געקענט לייגן די האַנט אויף אַ לייטישע דירה ווייל ס'איז פשוט נישט דאָ צו באַקומען.

פאַרשטענדליך אַז די פונקטליכע ציפער וויפיל קלענערע הייזער עס וועט פאַרלאַנגט ווערן פון יעדע גרעסערע דעוועלאָפמענט וועט זיין געוואָנדן אין די סייז פון די דעוועלאָפמענט, אָבער אין אַלגעמיין וועט די רעגולאַציע זיין אַז אַ אומגעפער צען פראָצענט פון אַ דעוועלאָפמענט וועט מוזן האָבן די סאָרט דירות, און יעדע גרויסע "סוב- דעווישן" וועט דאַרפן דורכגיין אַ רעוויו איידער עס ווערט אפראווט צו פאַרזיכערן אַז דער פראָיעקט שטעלט צו אַ געוויסע צאָל פון די דירות, אויף אַ באַלאַנסירטער צוגאַנג, סיי פאַר'ן דעוועלאָפער און סיי פאַר די שטאָט איינוואוינער.










## אַ סעמי - עטעטשט הויז

רעגולאציעס פון פוט פרינט, הייעך, סעט בעקס, איז די זעלבע ווי א פריוואטע הויז

גערעכנט ווי צוויי עקסטערע הייזער מיט אַ בעיסמענט, אדער גאַראַדזש אויפ'ן גראונד פלאור מיט א באזונדערע זייטיגע אריינגאנג פאר די בעיסמענט ביי די זייט פון די הויז

צווישן די הייזער דארף פארבלייבן מיט גראז און צוגעשטעלט 2 פארקינג פלעצער פער הויז




כולל
תקופת העולים
כולל
זכות
תורתי
$31
לשבוע
איר האט נאכנישט א תורתי? רופט יעצט דעם מנכ"ל
הר"ר אברהם שלום הכהן שווארץ הי"ו: 845.537.0767



# ברוך האט די תורה מיט זין.

אלס עלעקטעריש**ן** ארבעט ר' ברוך ביטער שווער, קוים א שעה בלייבט אים צו לערנען. אבער ער לערנט אגאנצן טאג מיט א תורתי! **ונחשב כאילו הוא לומד בעצמו!** (שו"ע הרב)

מיט א פול הארץ וועט ער אויסשרייען און פועל'ן: **אולי יחוס עם עני ואביון...**

## אוי, לא שכחה בכל זאת מכתב עוז חביון!!!



קרית יואל וואכנשריפט

# נאמינאציע פון דריי ניי-געגרינדעטע קאמיסיעס וועלן פארפיגן ארום אלע פראקטישע און צוגענליכע זאונינג אנגעלעגנהייטן

אינאיינעם מיט די היסטאָרישע אַנטוויקלונג אין שטאָט מיט דעם נייעם זאָונינג טויש וואָס וועט ברענגען אַ נייע עפּאָכע פון דירות אין דער גאַנצער אומגעגנט, האָט די ווילעדזש באָורד געשטימט, דעם פאַרלאָפענעם מאָנטאָג ראה, אויף אַ פאַראייניגטע רעזאָלוציע, וואו ס'איז באַשטעטיגט געוואָרן די אויפנאַמע פון דריי באַזונדערע קאָמיסיעס וועלכע וועלן באַגלייטן די דראַמאַטישע הרחבת גבולי העיר מיט אחריות און ישוב הדעת.

די דריי קאָמיסיעס זענען ווי פאָלגענד: די קאָמיוניטי דעזיין רעיוויא קאָמיסיע CDRC , די דעפּאַרטמענט אָוו טראַנספּאָרטאַציע קאָמיסיע DOT , און די פּאַרקס קאָמיסיע.

## די פונקציעם פון דעם CRDC קאמיסיע

די קאָמיוניטי דעזיין רעיוויא קאָמיסיע וועט שטיין אונטער די אויפזיכט פון העסקנים הדגולים, עוסקים בצרכי ציבור באמונה, הר"ר יואל שטערן הי"ו און הר"ר יצחק עקשטיין הי"ו און עס וועט אייגנטליך אויספירן אַ וויזיע וואָס האָט שוין פונקציאָנירט דורך דעם ווילעדזש אויך ביז יעצט, אָבער אַצינד וועט דאָס זיין אַן אָפיציעלע אונטערנעמונג וואָס וועט קענען אינפאָרסירט און באַגלייט ווערן לעגאַל און געזעצליך.

יעדע גרעסערע סוב - דעוויזיע פּלאַן, אַ שטייגער ווי בנינים פון צרכי ציבור, בתי מדרשים, מקוואות, מוסדות התורה, א.א.וו. וועט צוערשט דאַרפן אנקומען צום טישל פון דעם ניי - באַשטעטיגטן באָורד, וואָס וועט פאַרזיכערן - נאָך איידער דעם פּראָיעקט גייט צום פּלענינג, זאָונינג און ווילעדזש באָורד - אַז די פּלענער זענען אין איינקלאַנג מיט וואָס די איינוואוינער ווילן זען אין דעם ווילעדזש.

די קאָמיסיע וועט באַטראַכטן אַלע אומשטענדן און אַנגעלעגנהייטן פון דעם געפּלאַנטן פּראָיעקט, אַ שטייגער וויפיל פּאַרקינג פּלעצער עס ווערט צוגעשטעלט; די ברייטקייט און די הויכקייט פון דעם פּראָיעקט; און אַלע אַרומיגע איינריכטונגען, די קאָמיטע וועט איבערגיין אַלע פּלענער און באַשטימען אַז זיי זאָלן זיין גרייט צו גיין צו די קומענדיגע שטאַפּלען און פּאַזעס, כדי צו מאַכן זיכער אַז די שטאָט בלייבט מיט איר אייגנאַרטיגע און באַ'חנ'טע כאַראַקטער און עס פאַרלירט נישט איר אויסזען צו אַ "ישיבת כרכים קשה" סטיל.

## די פונקציעם פון דעם DOT קאמיסיע

די "דעפּאַרטמענט אָוו טראַנספּאָרטאַציע" וועט פאַרפיגן אויף אַלע אַנגעלעגנהייטן אַנבאַלאַנגט פּאַרקער, טראַפיק, פּאַרקינג, און פיס גייער סעיפטי אויף אונזערע ראָודס, סיידוואָלקס, גאַסן באַלייכטונגען און פּאַרקינג ערטער, אַז אַלעס זאל ווערן איינגעאָרדנט אויפ'ן בעסטן שטייגער, נאָךביים שטאַפּל ווען מען פּלאַנירט צו בויען סיי וועלכע סטרוקטור.

יעדער האַוזינג פּראָיעקט וועט דאַרפן ערהאַלטן אַ זיגל פון דעם קאָמיסיע, צו באַשטעטיגן אַז דער פּראָיעקט קומט טאַקע נאָך די נויטיגע פאָרשריפטן פאר די באַקוועמליכקייט און סעיפטי פון מאָטאָריסטן און פיס-גייער, אין אַקטיווע צוזאַמענאַרבעט מיט די CDRC קאָמיסיע.

דער באָורד וועט אויך זיך באַפאַסן אויפ'ן לעגאַלן און פינאַנציעלן פראָנט, צו אַרבעטן און ערהאַלטן פרישע נויטיגע פאָנדן און רעגירונג גרענדס, פאר פּובליק ראָודס, סיידוואָלקס, און גאַסן באַלייכטונגען.

אַלס קאמישאנער פון דעם קאָמיטע איז אויפגענומען געוואָרן העסקן הדגול מו"ה לייב ראָזנער הי"ו, ווילעדזש טראָסטי, אינאיינעם מיט די באָורד מעמבער, העסקנים הדגולים מו"ה יעקב חיים כ"ץ הי"ו און מו"ה אברהם אבא גרינהוט הי"ו, וועלכע וועלן שטיין צו באַדינען תושבי העיר מיט אַ געטריישאַפט.

## די פונקציעם פון דעם פארקס קאמיסיע

די פּאַרקס קאָמיסיע וועט פאַרפיגן מיט אַלע אַנגעלעגנהייטן פון פּאַרק -לאַנד אין דעם ווילעדזש, סיי בהוה און סיי בעתיד, לויט די נייע רעגולאַציעס פון דעם זאָונינג וואָס פאַרלאַנגט אַז יעדע גרעסערע דעוועלאָפּמענט דאַרף בויען אַ באַשטימטע צאָל פּאַרקס אַז די קינדער געבענטשטע פאַמיליעס בליעה"ר זאָלן זיך קענען אויסלופטערן מיט אַ רחבת ידים.

די קאָמיסיע וועט באַטראַכטן און באַשטימען אַלע דעטאַלן פון די צוקונפטיגע פּאַרקס: וואו די פּאַרקס זאָלן זיך געפינען; וויאַזוי זיי זאָלן געבויעט ווערן פּראַקטיש און צוגענליך; און וויאַזוי עס זאל האָבן דעם ריכטיגן לעיאוט, אויסשטעל און עקוויפּמענטס, להחיות בהם נפש כל חי. גלייכצייטיג וועט די קאָמיטע זיך אויך אָפּגעבן צו שאַפן פרישע פאנדינג צו בויען און רענאָווירן עקזיסטירנדע פּאַרקס, אַ שטייגער ווי דער "טענידזשער" פּאַרק וואָס וועט ווערן איבערגעפרישט אין די נאנטע וואכן.

אַלס קאמישאנער פון דעם קאָמיסיע וועט דינען העסקן הדגול מו"ה אשר זאב גוטמאַן הי"ו, ווילעדזש טראָסטי, אינאיינעם מיט די באָורד מעמבער, עסקנים הדגולים מו"ה שמעון עקשטיין הי"ו, און מו"ה אורי דייטש הי"ו.

ס'איז דער וואונטש פון אונז אַלעמען פאר די ניי - ערוויילטע עוסקים בצרכי ציבור אויף אַלע פּאָזיציעס אינערהאַלב די קאָמיסיעס אַז זיי זאָלן טאַקע באַגלייט ווערן מיט סייעתא דשמיא און ערפאָלג אין די דעליקאַטע און וויכטיגע אַרבעט, וכל העוסקים בצרכי ציבור הקב"ה ישלם שכרם וישלח ברכה והצלחה בכל מעשי ידיהם!

### א טאָון הויז

דאס איז צווי סעמי - עטעטשט הייזער באהאפטן אינאיינעם, מיט א מאקסימום פון פיר הייזער באהאפטן, מיט מעגליכע בעיסמענטס אדער גאראדזש אויפ'ן גראונד פלאור

רעגולאציעס פון פוט פרינט, הייעך, איז די זעלבע ווי א פריוואטע / סעמי אטעטשד הויז די "סעט בעקס" אין דער ברייט וועט זיין אנדערש ביי א טאון האוס. אנשטאט 15 פיס פון ביידע זייטן, דארף זיין א "סעט בעק" פון 25 פיס ביי יעדע זייט באזונדער.





# פארשריט אינערהאלב די צענטראלע "קאמפרעהענסיוו פלאן" און איר לאנג-טערמיניגע וויזיע פאר דער שטאט

ווען מען באַריכט איבער דעם גינסטיגן טויש אין זאָונינג איז אין פלאַץ צו קלאָרשטעלן אַז די יעצטיגע אַנטוויקלונג איז נאָך נישט קיין טייל פון דעם ברייטפאַרצווייגטן און צענטראַלן "קאמפרעהענסיוו פלאַן". טראָץ דעם וואָס דער זאָונינג טויש פאַרמאָגט יאָ געוויסע פונדאַמענטאַלע באַשטאַנדטיילן דערפון, איז דאָס אָבער זייער ווייט פון דעם גרויסן פלאן וואָס פאַרלאַנגט נאָך אומגעהויערע חדשים און אַרבעט פון טעכנישע, לעגאַלע און אינזשעניר אַרבעט און וועט נאָך געדויערן אַ לענגערע צייט פון עטליכע יאָרן.

דער צענטראַלער פלאַן וועט אַנטהאַלטן אַ פולקאָמע מולטי וויזיע פון נייע גאַסן, וואַסער סופליי, סוער, ראָודס, יוטעליטיס, טראַפיק, און נאָך הונדערטער ברייט פאַרצווייגטע און קאָמפליצירטע דעטאַלן אַרום דעם גאַנצן אינפראַסטראַקטור און אויסבליק פון דער שטאָט אויף לאַנגע יאָרן. דאָס וועט אַריינעמען ריזיגע שטודיעס און קאָסטבאַרע איבערזיכטן דורך פראָפעסיאָנאַלן און אינזשענירן פון יעדן געביט באַזונדער און די ווילעדזש וועט דערפאַר אויך דאַרפן די קאָאָרדינאַציע פון קאַונטי און סטעיט אַגענטורן. עס האַנדלט זיך פון אַ היסטאָרישן לאַנג - פאַרצויגענעם און גאָר ברייט-פאַרצווייגטן אונטערנעמונג וואָס וועט נישט זיין פאַרטיג אַמווייניגסטנס בעפאָר עטליכע יאָר.

ס'איז דעריבער זייער וויכטיג צו באַטאָנען מען זאָל נישט מאַכן קיין גרייז און אויסטייטשן ווי דער יעצטיגער זאָונינג טויש איז אן אונטערלאַגע פאר דעם "קאמפרעהענסיוו פלאַן". דאָס איז איינפאַך נישט ריכטיג, און מענטשן זאלן דעריבער נישט פאַסן קיין ריעל עסטעיט באַשלוסן, באַזירט לויט די יעצטיגע אַנטוויקלונגען. מען האַנדלט דאָ פון צוויי באַזונדערע אונטערנעמונגען און דער צענטראַלער פלאַן איז נאָך זייער ווייט פון ווערן פאַרענדיגט, שוין אָפגערעדט אַז ס'איז נאָכנישט פאַרהאַן קיין באַשטימטע גרעניצן אָדער פאַקטן, וויאַזוי און וואָס דער פלאַן וועט מיט זיך פארשטעלן. יעדע באַשלוס וואָס מען טוט אַצינד פאַר'ן צוקונפט זאָל זיין מיט אַן אייגענע ישוב הדעת, און "נישט" באַזירט אויף די יעצטיגע זאָונינג טויש.

פאַרשטענדליך אַז, פונקט ווי ביז יעצט, וועט די ווילעדזש ווייטער רעגעלמעסיג האַלטן אינפאָרמירט דעם ברייטן ציבור מיט אַלע צייטליכע און דעטאַלירטע אָפדעיטס אַרום דעם גרויסצוגיגן פלאַן וואָס גייט פאָראויס בעז"ה פאר אַ נייע לאַנג - טערמיניגע וויזיע פון דעם עיר רבתי עם, בלומינגראוו המעטירה.

## דער גרויסצוגיגער "צרכי ציבור" וויזיע

אין דער אַקטיווער שוואונג פון אַראַנדזשירן דעם גרויסאַרטיגן "קאמפרעהענסיוו פלאַן", זיצט טאַקע דער ווילעדזש אין די יעצטיגע טעג, מיט אַלע צוקונפטיגע דעוועלאָפער וועלכע פאַרמאָגן גרעסערע פראַפּערטיס מיט גרויסצוגיגע פלענער אויפ'ן עתיד, וואו עס ווערט אַרויסגעלייגט אַ דעטאַלירטע "ראָוד מאַפּע" פון אַלע צרכי ציבור, וואָס וועט ווערן אַהערגעשטעלט אַלס אן אינטעגראַלער טייל פון אַלע פלענער ביי בעפאָרשטייענדע קאָמפלעקסן און דעוועלאָפּמענטס.

יעדע פרישע געגנט וואָס וועט געבויעט ווערן דאָ אין שטאָט וועט דאַרפן זיין אויסגעשטאַט, פון דער ערשטער מינוט, מיט אַלע גשמיות'דיגע און רוחניות'דיגע צוגעהערן וואָס אַ היימישע געגנט דארף האָבן פאר'ן ציבור, אָן דעם וואָס די איינוואוינער זאלן דאָס דאַרפן ערלעדיגן שפּעטער.

דאָס רעכנט אַריין אַזעלכע פראָיעקטן ווי בתי מדרשים, מקוואות, עירוב, פאַרקס, הצלה און פייער גאַראַדזשן מיט אויסגעצאָלטע טראָקס און עקוויפּמענטס, שבת פייפערס, און אַלע אַנדערע קלענערע און גרעסערע איינריכטונגען וואָס וועט געבן דעם ריכטיגן כאַראַקטער פאר דעם הערליכע שטאט, צו די צופרידנהייט פון אַלע איינוואוינער, בעבר בהוה ובעתיד.

זאל טאַקע אַרויסגעהויבן ווערן אַן אַנערקענונג פאר די פילע היימישע דעוועלאָפּער און אינוועסטירער וועלכע באַגרייפן גוט אַז אַזאַ פלאַן איז דער ריכטיגער פונדאַמענט פון אַ סוקסעספולע שטאט, און דעריבער קומען זיי טאַקע אַקעגן מיט אַלע פאַרלאַנגען, געמיינזאַם צו אַקאָמאַדירן אַלע איינריכטונגען און פאָדערונגען פונעם ווילעדזש, פאר די תועלת און צוקונפט פון אַן עיר ואם בישראל.

די יו. דזשעי. סי./ווילעדזש אַדמיניסטראַציע זיצט אין די טעג מיט אַלע גרעסערע דעוועלאָפּער צו אויסאַרבעטן די הערליכע לאַנג - טערמיניגע וויזיע פון צרכי ציבור בגשמיות וברוחניות.

אין דער נאָנטער צוקונפט וועט פובליצירט ווערן דער גרויסאַרטיגער "צרכי ציבור מאַפּע" מיט אַ קלאָרע סקיצע וויאַזוי עס וועט בעז"ה אַהערגעשטעלט ווערן אַלע צרכי ציבור פונקציעס און איינריכטונגען אַרום די פינף אַהאַלב סקווער מייל פון דער עיר ואם בישראל בלומינגראוו המעטירה.




בס"ד
אין עוד מלבדו
RAPID CARE
YOUR COMMUNITY URGENT CARE
COVID TESTING
No out of pocket cost
Schedule
Sunday - Friday:
4:00PM - 12:00AM
Saturday
12:00PM - 12:00AM
Our professional staff of top rated ER Doctors are ready to serve you to your utmost satisfaction!
Best of Health!
WALK IN!
NO appointments needed!
815 NY-208
South Blooming Grove (former Bank)
845.525.2000
The Blooming Grove Shuttle will drop off and pick up at the location on all routes
Blooming Grove Shuttle
845-637-1414

קהל יטב לב סאטמאר

קרית יואל

נתיסדה ע"י מרן רבינו הקדוה"ט זי"ע • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

# על זאת שבחו אהובים וידידים

## ברכת מזל טוב

מתוך שמחה וחדוה לה' אשר כרחמיו וכרוב חסדיו הגדיל לנו, הננו בזה להגיש ולהביע מיטב ברכותינו, אל מעלת כבוד ידידינו, האי עושה ומעשה, ברוך הכשרון, רב פעלים בהכשר ויתרון, חכם ונבון, מוכתר בנימוסין, מופלא ומופלג בכל מדה ומעלה נכונה, בחכמה פותח שערים ודברים, בחן ובשכל טוב בעיני אלקים ואדם

**איש אשר בו רוח גבורה, רב הפעלים לתורה ולתעודה**
**איש האשכולות, עושה גדולות**

מוה"ד

# שמחה נפתלי צבי דאסקאל

הי"ו

הלא הוא הגבר איש גבור חיל עומד תמיד הכן לימינינו

## מגדולי העסקנים לכל קדשי קהלתינו הק'

ובפרט נעלה על נס, מעשי תקפו וגבורתו

## למען 'קופת הקהלה' דקהלתינו הק'

לעורר לבב אנשי שלומינו, לנדב מהונם וממונם לתמוך ברוח נדבה לחזק נצרכי אנשי שלומינו שיוכלו להחזיק מעמד ושיזכו להרחבת הדעת

ועומד על המשמרת ועל הפקודים בכשרונותיו הברוכים, במסירות נאמנה ולב ונפש חפיצה לרומם ולהדר ולנצח על כל צעד ושעל, ולהרחיב את גבולי הקדושה ביתר שאת ועז

## מזל טוב, נחת לרוב!

**ובכן הננו מברכים לו ברכת חמה ולבבית**

לרגל השמחה השורה במעונו

# בהולדת בתו למזל טוב

ומיטב איחולינו צרופות לפניו, שיזכה להצליח בכל דרכיו, בדין הוא שיטול שכרו, ויזכה לראות רב נחת כגפן פורחת, ויזכה לגדלם לתורה ולחופה ולמעשים טובים, מתוך רב נחת ותענוג דקדושה והרחבת הדעת, ויזכה לילך מחיל אל חיל, לראות ברכה והצלחה בכל מעשי ידיו, שכרו הרבה מאוד על פי פעליו, בכל אשר יפנה יהי' עמו ה' אלקיו, וזכות רבינו הקדוש זי"ע מייסד קהלתינו הק' יגן עליו ועלינו להמשיך ביתר שאת ועוז בחינוך בנינו ודורותינו בדרכו הטהורה, מתוך תענוג שמחה ונחת, עד ביאת גואל צדק, בב"א.

כה דברי המברכים מעומק הלב

## הנהלת הקהלה

ב"ה




### 9 Koshnitz

This spacious and well-maintained apartment is perfect for you. This is a top floor of a two-story building. The apartment is in excellent condition. The backyard is a vast and spacious space.




### 2 Oxford Depot

Looking for an investment opportunity? Look no further! This private house with a big barn is occupied by a tenant, making it a great investment opportunity. **Asking 289k only!!**




### 18 Satmar

center of shtetel private connected center house on satmar drive! with a 4 room rental income and land to extend the house

## For Sale:

- upgraded **7** room top floor apartment in the Meron area
- **8** room apt top floor on Lemberg
- **8** room apartment top floor on Rovna
- **5** room apt first floor on Prag
- **10** room apt on Isreal Zupnick newly renovated with built-in sukkah and many upgrades
- **7** room apt second floor on Getzel Berger
- **7** room apartment plus **4** room rental income on Satmar




### 23 chevron

once in a lifetime, Truly spectacular new construction! Oversized 6-room apartment. Top floor, with unfinished attic. This apartment has been uniquely designed, upgraded, and customized just for you! spectacular panoramic views, a Nice big private play area for your kids safely to play. And much more.

## For Rent:

- **private house** right next to woodbury Junction with fixed up basement inground pool private
- **6 room** furnished apt sec. 1 few months only
- **5** room apt on lemberg
- **6 room** apt

schinus veyoel moshe sec 8 only one year lease

- **4 ,5,6 room** apt in schinus Veyoel Moshe
- **4 room** apt on Getzel Berger
- **2 room** apt filmore
- **3 room** on Getzel Berger
- Beautiful **6 bedroom** private house scenic views available short term
- **4 room** furnished apt for 8 months
- **5 room** apt in woodbury juction
- **3 room** apt on Drubitch

HFA Realty is charging a flat Fee from Tennant, it's not based on price of rental.

**HFA REALTY GROUP**

The most trusted realty in קרית יואל והגלילות

**845.781.2410**

Sales@HFArealty.com

ext. 3 **משה יוסף פריעדמאן**
Moshe@hfarealty.com

ext. 4 **מרדכי יואל אונגאר**
Cell 845-238-0039
Mordechai@hfarealty.com


LEITER'S SUKKAH
bolddesignny@gmail.com
We've got all your Sukkah needs!
Grand Opening
CALL IN DELIVERY WITHIN
-Sukkahs
-Schach
-Tables & Chairs
-Lights
-Tools
SUKKAH SEASON
For a sukkah with ease
845.244.8868
401 Route 208
sukkahseason.com

## משארת תומתינו

אלה הצאן מה חטאו:

# איבל און אויפבריוז נאך פרעכע אויפנאמע פארן ציוניסטישער 'נשיא המדינה' אין תלמודי תורה און ישיבות אין אלעד

איבל און פאראיבל איז דער ספּאָנטאַנע חרדישע רעאקציע, צו א פרעכע אויפנאמע מיט פרעצעדענטלאזע כבוד לרשעים וואס איז אפגעראכטן געווארן דעם פארלאפענעם מיטוואך פרשת שופטים אין 'עיר הישיבות אלעד', ווען חרדי'שע צאן קדשים און בחורי הישיבות צוזאמען מיט זייערע משגיחים און משפיעים האבן געבויגן דאס היטל פארן נשיא פון דער ציוניסטישער מדינת הכפירה.

ס'איז ליידער נישט קיין נייע ערשיינונג אז חייבי כריתות און אוכלי נבילות וטריפות ווערן אויפגענומען בכבוד והדר דורך ילדי התשב"ר לקראת דער אנפאנג פון דער 'זמן אלול', אן ערשיינונג וואס איז ליידער שטארק צעשפרייט געווארן אין די לעצטע יארן, ווען דער ירושלים'ער מעיאר, דער הויפט פון פאליציי, די חינוך מיניסטארין, און דער נשיא המדינה בכבודו ובעצמו קומען באזוכן חרדי'שע-פארטייאישע מוסדות.

דער ערשיינונג וואס האט זיך אנגעפאנגען מיט צוויי יאר צוריק אין פרעמדע תלמוד תורה'ס, ווען דער דעמאלט'דיגער 'נשיא' האט דאן באזוכט אין א תלמוד תורה וואס לערנט פילע לימודי חול, האט זיך ליידער צוביסלעכווייז אריינגעכאפט צום צענטער פון די חרדישע-פארטייאישע קרייזן, ווען די ילדי התשב"ר וועלכע האבן זיך אומגעקערט ראש חודש אלול לערנען די הייליגע תורה, טרעפן זיך אין א טרויעריגן צושטאנד ווי זייערע מנהלים פירן זיי מקבל פנים זיין א רשע כופר וגס רוח.

דער באזוך אין אלעד האט אריינגערעכנט צוויי תלמוד תורה'ס 'דעת יוסף' און 'שטעפענעשט'; עס איז ווייטאג צו קוקן די בילדער פון לויטערע ילדי צאן קדשים וועלכע האלטן פענדלעך פון 'ברוך הבא בשם...' פאר דער 'נשיא המדינה', אויך איז דער 'נשיא' אריין אין די קלאסן פארברענגען מיט די כתה ח' יונגלעך און ארומגעשמועסט וויאזוי זיי האבן פארברענגט בין הזמנים כדי צו האבן כח צו לערנען ווייטער...

דערנאך איז דער 'נשיא' אריינגעקומען באזוכן אין ישיבת 'תורה בתפארתה', וואו ער האט זיך געזעצט 'לערנען בחברותא' מיט א בחור מסכת בבא מציעא, דערנאך איז ער געזעסן ארום א טיש צוזאמען מיט די רבני ומשגיחי הישיבה; בזיון בתפארתה.

דאס הארץ רייסט, ווי ווייט דער 'בהכרח ינתק ממקור הקדושה' זעט זיך אן, ווי די תורה הק' און די צאן קדשים וואס עלטערן האבן איבערגעגעבן אלס פקדון פאר מנהלים פון תלמודי תורה און ישיבות ווערן ליידער פארשוועכט מיט כיבוד לרשעים, דאס אידישע געפיל פרעגט פאר די מנהלים: 'אלה הצאן מה חטאו?', און טאמער איז דאס דער חינוך וואס זיי באקומען דאן 'מה יעשה הבן ולא יחטא?'.



הלואי אותי עזבו ותורתי שמרו: דער 'נשיא המדינה' לערנט בחברותא מיט בחורי חמד




אלה הצאן מה חטאו: ילדי התשב"ר מיט פענער ברוך הבא בשם... פארן 'נשיא המדינה'



מי ביקש מידכם רמוס חצרי: רבני ישיבת 'תורה בתפארתה' ביים זיצונג מיטן 'נשיא המדינה'

## רחמים שאלי

כלל ישראל גייט שוין אט אריין אין די ימי הסליחות, ביים שלוס פון א שווערן יאר, כל לבב דוי וכל ראש לחלי, יעדער האפט פאר א גוט געבענטשט יאר, אז שנת תשפ"ג יבוא עלינו לטובה, ס'זאל זיין א לעכטיג יאר, א יאר וואס דער סטרא אחרא זאל נישט האבן קיין כח צו גוזר זיין גזרות אויף כלל ישראל בכל מקומות מושבותיהם.

אין דער צייט איז וויכטיג צו געדענקען און זיך באנוצן מיט אומנות אבותינו בידינו, און מעורר זיין רחמי שמים מרובים אין די יעצטיגע ימי הרחמים והסליחות, ווען און צוגאב צו אלע דרכי המלחמה מבית ומבחוץ, טאר מען נישט פארנאכלעסיגן דאס ענין פון תפלה פארן מבין ומאזין מביט ומקשיב לקול תפלתינו.

*

דעם לעצטן ו' אלול ווען מ'האט אפגעצייכנט 9 יאר זינט מ'האט אנגעפאנגען מחלל זיין דער בית החיים העתיק אין בית שמש כדי צו בויען דערויף דעם גע'אסר'טן גאלאוועניצ'ץ געגענט אויפן בית החיים העתיק אין גאלאווענצעץ, איז פובליצירט געווארן א קאפי פון א קוויטל וואס דער גדול הדור כ"ק מרן הגה"ק גאב"ד ירושלים זצוק"ל בעל שערי טוביה האט געשיקט צום ציון הק' פון דער הייליגער חתם סופר זי"ע, אום חודש תשרי תשע"ג, באלד א יאר בעפאר מען האט דארט אנגעהויבן די מלאכת ההרס אויף קברי ישראל.

די ערשטע פיר שורות פונעם קוויטל ליינט זיך ווי פאלגענד:

*בס"ד ירושלים עיה"ק כ"ג תשרי תשע"ג, יצחק טובי' בן ריקל לרפואה שלמה בקרוב, ולסיעתא דשמיא במילא דביתא ומילי דציבורא, ובפרט בעניני הקברים ומקומם בעיר בית שמש*

*

ס'איז פאר אונז א לימוד למעשה, ווי דער רבן של ישראל און גדול הדור האט אין יעדע מאמענט געדענקט מעורר צו זיין רחמי שמים מרובים, צוזאמען מיטן אנהאלטן די מלחמה לה' בעמלק ביד רמה, און דערמיט מקיים געווען דער מזה ומזה אל תנח ידך.


בס"ד ירושלים עיה"ק
יצחק טובי' בן ריקל לרפואה שלמה בקרוב
ולסיעתא דשמיא במילא דביתא ומילי דציבורא
ובפרט בעניני הקברים ומקומם בעיר בית שמש

# אשמרת חומותינו

זועקים אלינו מן האדמה:

# פארשוועכטע בית החיים אין 'גילה' געגענט ליידער באדעקט מיט שווארצע פעך

**בלוט דורכגעווייקטע מערכה צו ראטעווען דער בית החיים וועט נישט פארגעסן ווערן לעלמי עד**

א הסתר פנים נעפל שפירט זיך ליידער אין דער מערכה וואס בני היהדות החרדית אין ארה"ק האבן געפירט דורכאויס די לעצטע יארן צו ראטעווען דער בית החיים אין גילה, נאכדעם וואס דורכאויס די לעצטע וואכן איז דער באדן פון דעם בית החיים, וואו עס זענען אויסגעריסן געווארן עצמות ישני עפר, באדעקט געווארן מיט שווארצע פעך, גרייט דאס זאל דינען אלס שאסיי פאר לאקאלע טראנספארטאציע, רח"ל.

ווי באקאנט, רעדט זיך דאס פון א נייע שאסיי אויפן ארט פון אן אור אלטע בית הקברות, וואס דער ציוניסטישער 'משרד השיכון' האט געבויעט פאר חרדי'שע דירות פראיעקטן אין דער גילה געגענט אין ירושלים, און ליידער האבן די נוגעים בדבר וועלכע האבן דאס בשעתו געקענט אפהאלטן, נישט געטון די נויטיגע שריט וואס גדולי ומאורי ישראל בראשות כ"ק מרן הגה"ק גאב"ד ירושלים זצוק"ל בעל שערי טוביה און הגאון הגדול רבי שמואל אויערבאך זצוק"ל האבן פון זיי געבעטן ברחמים ותחנונים.

דורכאויס די לעצטע צוויי יאר האט דער יהדות החרדית לוחם געווען בחירוף נפש קעגן די חיטוטי שכבי אויפן ארט, ערליכע אידן מיט מסירות נפש זענען טאג טעגליך אראפגעפארן צום מקום החילול אריינגערעכנט די שווערסטע זמנים פון יאר ווי תענית אסתר, חוה"מ פסח, תשעה באב און עשרת ימי תשובה און אויך הושענא רבה, ווען מ'האט יעדן טאג פונדאסניי געשפיגן בלוט און פרובירט אפהאלטן די ארבעט מיט מסירות נפש ממש.

צענדליגער מוסרי נפש זענען פון דארט אריינגעפירט געווארן אין שפיטאל נאכן כאפן מערדערליכע קלעפ פון אראבישע גארדס - וואס די אינסטאנצן האבן געדינגען צו באוואכן די מלאכת חילול הקברים, און הונדערטער זענען ארעסטירט געווארן אין די ציוניסטישע טורמעס, בלוט האט זיך דארט געגאסן למען כבוד מנוחת ישיני עפר.

כ"ק מרנן ורבנן גדולי ומאורי ישראל ראשי ומנהיגי קהלות הקודש און חברי הבד"ץ שליט"א בראשות כ"ק מרן הגה"ק גאב"ד ירושלים זצוק"ל האבן זיך מערערע מאל מטריח געווען ארויסצוקומען למקום החילול, און ציגן זייער סאלדאריטעט פאר די הייליגע מערכה, און אצינד זעט זיך ליידער אן דאס שרעקליכע הסתר פנים.

ווי ערוועהנט, זענען גרויסע טיילן פון דעם בית החיים ליידער באדעקט געווארן מיט שווארצע פעך, און דער שאסיי איז 'פערטיג געווארן'; "נבנו עושי רשעה בחנו אלוקים וימלטו", דער צער איז גרויס, דאס אידיש הארץ טראפט בלוט על כבוד מנוחת ישיני עפר וואס איז ברוטאליש צעשטערט געווארן. אוי לנו שכך עלתה בימינו.

ערליכע אידן זענען זיך מתחזק, ווי דער פסוק זאגט "אז נדברו יראי ה' איש אל רעהו", דער הייליגער קאמף וועט ווייטער אנהאלטן קעגן די מחטטי שכבי בכל מקום ובכל זמן, ווען דערצו געדענקט מען אז די ביז יעצטיגע מערכה איז נישט געווען אומזיסט, נאר "ויקשב ה' וישמע ויכתב בספר זכרון לפניו ליראי ה' ולחושבי שמו", די אלע מסירות נפש וועט פאראייביגט ווערן ביים כסא הכבוד, און ברענגט זיכער המתקת הדינים אויף כלל ישראל, קעגן דער שרעקליכער קטרוג פון חיטוטי שכבי.


בארצינו הקדושה

דער מצב

האלט מיט לעבעדיג 'דער מצב' בארה"ק



קול זעקה
718.480.5349
ענגלאנד: 0.330.325.1203

קול האמונה
718.298.4754
ענגלאנד: 0.330.350.3180

קול "מלחמת אש דת"
585.308.3281
ענגלאנד: 0.330.041.2851


# על הפרק

**קליינע נייעסלעך פון גרויסע מערכות**

- ספרדי'שער בחור כמר שלום נהוראי ע"ה פון שטאט רכסים, וועלכער איז לעצטנס געהאלפן געווארן דורך די 'הצלה לאחים' ארגאנעזאציע נאכדעם וואס די ציוניסטישע מיליטער האט אים גערודפ'ט און אראפגענומען זיין 'מעמד בן ישיבה', איז ליידער אומגעקומען דעם פארגאנגענעם מאנטאג פרשת כי תצא ביי טראגישע עקסידענט אויף שאסיי נומער 1 אין ירושלים, בעפאר ער האט באקומען זיין ענדגילטיגע 'פטור'. ס'איז דער האפענונג אז ער וועט ארויפגיין צום כסא הכבוד און פארציילן די שוועריגקייטן מיט וואס דאס מיליטער פייניגט ספרדי'שע בחורים און אויך פארציילן איבער די אומערמידליכע פעולות הצלה פון ערליכע עסקנים לשם שמים.
- אין א פאליטישע אפמאך מיט 'דגל התורה' האט די בעלזער קרייז אפגעשטופט אויף דערווייל דאס גענצליך איבערגעבן זייערע מוסדות פארן ציוניסטישער 'משרד החינוך', ס'איז דערווייל אומקלאר צי אנדערע חרדי'שע מוסדות מקצה המחנה וועלן זיך יא אנשליסן אין דער מהלך וואס דער ציוניסטישער משרד החינוך האט פארגעשלאגן פאר אלע מוסדות צו איבערגעבן דאס בעלות פון זייער מוסד און געניסן פון 100 פראצענט רעגירונג'ס שטיצע.
- תימ'נער בחור וואס איז געווען שווער פארפלאנטערט מיטן מיליטער, האט פאריגע וואך אריינגעשיקט א הארציגן דאנק בריוו פאר 'מרכז הצלה' ארגאניזאציע, ווי ער באדאנקט זיך פאר די עסקנים און ארבייטער וועלכע האבן אנגעפירט זיין קעיס מיט געטריישאפט ביז ער האט ענדליך ערהאלטן א פטור פון מיליטער.
- שטורמישע מערכה אין בית שמש גייט אן קעגן דער 'חיידער החסידי' פון דער פורץ גדר מ. בומבך, וואס לערנט מיט די קינדער פילע לימודי חול. נייע 'על חומותיך' גליון אין שטאט בית שמש רייסט אראפ דער שלייער פון דעם מייסד ה'חיידער' און דעקט אויף זיינע פינסטערע פראיעקטן צו שמד'ן צעירי הצאן, בראותו כי כלתה אליו הרעה איז ער געלאפן צו די פרייע מידיא לייקענען די פאקטן וועלכע זענען געברענגט אינעם גליון.
- הייליגע מערכה למען קדושת ירושלים גייט ווייטער אן, פארגאנגענעם מיטוואך זענען דריי יונגעלייט ארעסטירט געווארן אויפן פראנט, די פאליצייי האט געפאדערט פאר יעדן איינעם זיבן טויזנט שקלים! בעיל פאר זייער באפרייאונג, און אדאנק דער קאמף פון דער לאיער פון 'הועד למען אסירי ציון' זענען זיי באפרייעט געווארן יעדער איינער מיט בלויז טויזנט שקלים פאר בעיל.
- מעלדונגען פארשפרייט אין ארץ ישראל דורך דער 'יד להושיע' ארגאניזאציע, דערמאנט פאר ברסלב'ער בחורים מיט א 'מעמד בן ישיבה' נישט ארויסצופארן פון ארץ ישראל אן קיין ערלויבעניש פון די ציוניסטישע מיליטער פאר מער פון 7 טעג. אויך שרייבן זיי אז זיי ארבעטן אז דאס מיליטער זאל אנערקענען צו טוישן דער בין הזמנים אינערהאלב די ברסלב'ער ישיבות פון חודש אב צו סוף אלול אנפאנג תשרי.
- עסקני היהדות החרדית גרייטן זיך העפטיג צו א מאסיווער קאמפיין אפצושלאגן די חרדישע-פארטייאישע פראפעגאנדע צו שלעפן חרדי'שע אידן צו די בחירות הטמאות פארן ציוניסטישער כנסת המינים וואס איז באשטומט אויף ז' חשון תשפ"ג.
- פאליצייי האט ארעסטירט יונגערמאן וואס האט פארלעצט זיין אורטייל פאר 'הויז ארעסט', דער לאיער פון 'הועד למען אסירי ציון' האט געקעמפט פאר אים אין געריכט, און ער איז ב"ה באפרייעט געווארן פאר א קנס פון בלויז 500 שקלים.
- ירושלים'ער שטאטראט וואס ארבעט שוין באלד צוויי יאר אויפן בר אילן גאס מיטן איינרישן אן אונטערערדישע סוער און עלעקטריציטעט סיסטעם אין בעפארגרייטונג צו אינסטאלירן די שינעס פארן רכבת הקלה באן, זענען געכאפט געווארן אין שאק פארלאפענעם מוצש"ק לס' כי תצא למלחמה ווען א גרויסער טייל פון זייער ארבעט איז מיסטעריעז פארברענט געווארן.

# געזען און געהערט

אינטערעסאנטע נאטיצן און פיקאנטע אנעקדאטן

מִקְדַשׁ מֶלֶך עִיר מְלוּכָה רַב לָךְ שַׁבָּ"ת בְּעֵמֶק הַבָּכָא

## קבלת שבת אין מגרש הרוסים

### אריינפיר:

*שוין אַ לענגערע תקופה וואָס די טויזנטער "וואָכנשריפט" ליינער ווערן וועכנטליך אינפאָרמירט אין דעם פּאָפּולערן "משמרת חומותינו" קאָלום, מיט די אַקטועלע אַנטוויקלונגען וועלכע שפילן זיך אָפּ אויפ'ן פראָנט פון די גרויסע מלחמה על משמר קדושת ירושלים עיה"ק, די גרויסע מערכה קעגן די שענדליכע פּלענער און בוי אַרבעט צו אינסטאַלירן דעם א.ג. "רכבת הקלה" אין האַרץ פון די הייליגע שטאָט.*

*אין ברען פון די מלחמה כבירה ווערן די העלדישע גבורי כח, יקירי ירושלים, אַריינגעשליידערט אין די ציוני'סטישע טורמעס, ווען דאָס גאַנצע יהדות החרדית באַגלייט זיי מיט אונזערע וואונטשן און ברכות זייענדיג אונזערע שליחי ציבור וואָס טוען זיכער מבטל זיין אַסאַך קטרוגים פון אידישע קינדער, תחת אשר קנא לאלקיו ויכפר על בני ישראל.*

*פאָלגנד איז אַן ערשטהאַנטיגע שילדערונג, ערשינען מיט עטליכע וואכן צוריק אין "דער איד", אָפּגעשריבן דורך איינער פון די הונדערטער בני היהדות החרדית וועלכע האָבן באַלאַגערט דעם 'מגרש הרוסים' טורמע ליל שב"ק פרשת מטות אין ארץ ישראל, כ"ד תמוז תשפ"ב, וואו עס זענען דעמאָלט געזיצן עטליכע חשוב'ע מוסרי נפש, אסירי קדושת ירושלים, וועלכע האָבן אויך מיטגעדאַוונט פון זייער טורמע צעל מיט'ן זעלבן מנין.*

*לאָמיר ליינען און אויך מיטלעבן די קידוש ה' מאָמענטן, יענעם פרייטאָג צונאַכטס, ווען הונדערטער אידן האָבן געדאַוונט מיט התעוררות, געזינגען פרייליך און געטאַנצט מיט אַ געהויבנקייט פאר די הויכע גראַטעס און פאַרשלאָסענע טויערן, לקדש שם שמים!*

צוזאַמען מיט נאך הונדערטער בני היהדות החרדית וועלכע האָבן באַלאַגערט דעם 'מגרש הרוסים' טורמע ליל שב"ק פרשת מטות אין ארץ ישראל, כ"ד תמוז תשפ"ב, זענען מיר געשטאַנען ביי די זייט וואו ס'איז פארגעקומען דער סאַטמאַרער מנין, דאָרט האָט מען געדאַוונט מיט התעוררות, געזינגען פרייליך און געטאַנצט מיט אַ געהויבנקייט פאר די הויכע גראַטעס און פאַרשלאָסענע טויערן, ווען פון די צווייטע זייט געפינען זיך חשוב'ע מוסרי נפש, אסירי קדושת ירושלים, וועלכע האָבן אויך מיטגעדאַוונט פון זייער טורמע צעל מיט'ן זעלבן מנין.

פאָלגענד איז אַ קורצע שילדערונג פון די קידוש ה' מאמענטן, וואָס מיר האָבן זוכה געווען מיטצולעבן, און אַצינד מיטטיילן פאַר די חשוב'ע לייענער.

### ערש"ק צופרי: קרוב צו אַ מנין אין טורמע

פרייטאָג צופרי, ווען דער זייגער האָט נאך געוויזן אויף 9:30, האָט שוין דער טעלעפאן געקלינגען, מיט א מעלדונג פאַר טויזנטער בני היהדות החרדית, אַז אין ירושלים גרייט מען זיך צו אַ מעמד 'קבלת שבת המונית' פאר די ציוניסטישע טורמע "מגרש הרוסים", זיך משתתף און מחזק זיין מיט די קרוב צו אַ מנין אסירי ציון וועלכע שמאַכטן אין טורמע, פאַר די מערכה למען קדושת ירושלים, קעגן די רכבת הקלה באַן אין ירושלים.

דער זייגער רוקט זיך פאראויס, ס'ווערט שוין פרייטאָג מיטאָג, און עס שליסט זיך שוין א שטורמישע וואך, א וואך ווען עס איז כמעט יעדן טאג פאָרגעקומען שטאַרקע פראטעסטן אין בר אילן, וואו חשוב'ע יונגעלייט, מסלתה ושמנה פון די חכמי ורבני הכוללים אין ירושלים של מעלה, האָבן זיך אוועקגעזעצט אין די גריבער און אָפּגעשטעלט די אַרבעט פון די טראַקטאָרן וועלכע אַרבעטן צוצוגרייטן דעם בר אילן שאסיי, אַז מ'זאָל אין דער צוקונפט דארט קענען אַוועקלייגן שינעס פאַר די רכבת הקלה באַן, וואָס וועט ח"ו פאַרשוועכן קדושת ירושלים.

יעדן טאָג זענען אַרויסגעקומען אַנדערע יונגעלייט צו די מחאה, יונגעלייט וועלכע זענען פאַרבונדן אינאיינעם אונטער'ן שירעם פונעם איגוד 'מאתיים לנוטרים', וועלכע האָבן זיך מקבל געווען און גע'חתמ'עט אַז זיי זענען גרייט זיך צו לאָזן אַרעסטירן אויף עטליכע טעג פאר כבוד שמים, בתמיכתם פון הרבנים הגוה"צ שליט"א וועלכע זענען ספעציעל ערשינען ביי אַ כינוס חיזוק פאַר די חשוב'ע יונגעלייט.

פון צווישן די 'מאתיים לנוטרים' יונגעלייט זענען דורכאויס דעם פאַרלאָפענעם מאָנאָט אַרעסטירט געוואָרן העכער 40 יונגעלייט, יעדער פון זיי איז אַריין פרייליכערהייט אין טורמע מיט אַ שטאַרקע שטאָלץ, און טאמער פלעגט מען צומאָל אריינגיין אין טורמע פאַר געציילטע שעה'ן, פרובירן לעצטנס די פאליציי צו פאַרשווערן דער סיסטעם, און לאָזן די אסירי ציון איבערנעכטיגן לכה"פ איין נאַכט אין טורמע, און דערנאך פאָדערן זיי מ'זאָל פאַרלענגערן דעם אַרעסט, אדער איינגעבן הויכע בעיל פאר א באפרייאונג.

דער 'ועד למען אסירי ציון' וואָס פירט אן דער פראיעקט פון באַגלייטן, העלפן און באַפרייען די אסירי ציון, שטייט בקשר מיט יעדן אסיר ציון, מיט זיין פאַמיליע און זיינע עלטערן, און ווער עס וויל אַרויסגיין פון טורמע צאָלן זיי תיכף אויס דעם גרויסן בעיל, און פאַר די אַנדערע וואס זאָגן אַז זיי ווילן נישט אַרויסגיין פאַר די גרויסע בעיל, און ווילן ליבערשט בלייבן אין טורמע, גיט דער ועד חיזוק צו שטיין אין זייער באַשלוס, און געלויבט השי"ת אַז אַדאַנק זייער שטארקייט האט מען שוין אין די טעג באוויזן אַראָפּצורוקן דעם בעיל (וואָס די פּאָליציי האָט מלכתחילה געבעטן 7,000 ש"ח) ביז 750 ש"ח!

אין די נאכמיטאג שעה'ן איז פאַרעפנטליכט געוואָרן אַ ליסטע פון חשוב'ע רבנים און מורי הוראה פון די קהילות הקודש וועלכע וועלן אַרויסקומען בראשות דעם ציבור מקבל שבת זיין פאַר דעם 'מגרש הרוסים' טורמע.

### מנחה ערש"ק: פריע מנחה אין ביהמ"ד 'אהל רחל'

פינף און צוואָנציג מינוט נאך ליכט צינדן, האַלב פאַר אַכט, האָט זיך געשטעלט א פריע מנין מנחה אין דעם שטאָק פון די שטיבלעך אין ביהמ"ד אהל רחל ד'סאַטמאַר, מיט א שיינער ציבור פון חברי קהל יטב לב, וועלכע זענען דירעקט געקומען דאַווענען פרי כדי צו קענען מקבל שבת זיין ברוב עם פאָרנט פון דעם 'מגרש הרוסים' טורמע.

פאַר'ן עמוד איז צוגעגאַנגען הרב הגאון רבי צבי ארי' זאָרגער שליט"א וואָס האָט געמאַכט דעם וועג פון 'קרית ויואל משה' קיין 'אהל רחל', כדי זיך משתתף צו זיין און שטיין בראש פון דער סאַטמאַרער ציבור וואָס וועט דאַווענען קבלת שבת פאָרנט פון טורמע. דאָס דאַווענען מנחה איז אָפּגעראָכטן געוואָרן מיט אַן ערנסטקייט פון דעם ערב שבת מנחה, און ביים ענדיגן דאַווענען, האָט מען זיך אַרויסגעלאָזט פון ביהמ"ד אין דער ריכטונג פון 'מגרש הרוסים' וואו מ'וועט אָפּריכטן דער קבלת שבת.

אויפן וועג ארויף קיין מגרש הרוסים האָבן מיר באַגעגנט העסקן הר"ר יחזקאל לעוו הי"ו פון די עוסקים במלאכת הקודש אין דעם "ועד למען אסירי ציון', און ער האט פאַרציילט אַז אין די לעצטע צוויי שעה בעפאר שבת זענען באפרייט געוואָרן 4 יונגעלייט, מתוכם צוויי חשוב'ע סאַטמאַר יונגעלייט הר"ר שמעון הלל פריעדמאן הי"ו און הר"ר יצחק יוסף פריש הי"ו.

ווייטער האָט דער עסקן געזאָגט אז אין טורמע זענען געבליבן אויף שבת 5 יונגעלייט, 3 אין מגרש הרוסים, און 2 האָט די פאליציי אַריבערגעפירט קיין באר שבע, וויבאַלד זיי האָבן נישט גענוג פלאץ אין מגרש הרוסים.

דער ציבור האָט געשפאַנט צוזאַמען אויפ'ן וועג אַרויף קיין מגרש הרוסים, און געזינגען "ישמחו במלכותך", און אָנקומענדיג אויפ'ן 'הנביאים' גאַס, האָט זיך געהערט הילכיגע געשרייען "שבת! שבת!" קעגן די אויטאָס און טעקסי קאָמפּאָניס וועלכע אַרבעטן ליידער אום שבת בתוככי מקדש מלך עיר מלוכה.

# קבלת שבת: דער אסיר ציון ענטפערט!

אנקומענדיג צום 'מגרש הרוסים' איז שוין דאָרט געווען אַ גרויסער ציבור ירושלימ'ער אידן, טייל האָבן געדאווענט און אַנדערע האָבן געשריגן אדער געזינגען, און עפ"י הוראתם פון די סדרנים אויפ'ן אָרט איז דער סאַטמאַרער ציבור געגאַנגען צום אונטערשטן זייט פון טורמע, וויבאַלד לויט ווי דער עסקן האָט געזאָגט, האָט מען פריער געהערט ווי דער אסיר ציון האָט צוריקגעשריגן פון דאָרט אַז ער הערט דעם ציבור.

בעפאר מען האָט זיך געשטעלט דאווענען האָט דער ציבור אויסגעשריגן הויעך די נעמען פון די אסירי ציון: "שמעון שפירא חזק ואמץ, כה לחי", און אַזוי אויך פאַר האחים לעדערמאן וועלכע האָבן דאָרט געשמאַכטעט, אַן אַנדערער טייל פונעם ציבור איז געשטאַנען אויף די אנדערע זייט פונעם טורמע.

די טורמע איז געווען באַלאַגערט מיט הונדערטער אידן, און שטייענדיג ביים זייט פון דער סאַטמאַרער מנין האָבן מיר געקענט מיטהאַלטן בלויז פון איין זייט.

אין די באַשערטע מינוט האָט מען זיך געשטעלט דאַווענען מיט'ן פנים צו די טורמע, ווייל עס איז דאָרט אַ דאפעלטער 'מזרח', סיי דער מזרח זייט אין ריכטונג פון מקום המקדש, און אויך איז דאָרט דער 'מזרח - אויבנאָן' וואו די אסירי ציון זיצן.

צום עמוד איז צוגעגאַנגען האברך החשוב הר"ר יואל ברש"ש ווייסהויז הי"ו וואָס האָט זיך מתעטף געווען מיט'ן טלית און אַנגעפאַנגען בקול רעש גדול: "לכו נרננה לה' נריעה לצור ישענו", נעבן בעל תפלה איז געשטאנען דער דיין הרב הגאון רבי צבי ארי' זארגער שליט"א, דער מנין האָט געציילט איבער הונדערט אידן וואָס זענען געשטאנען פון אונטן און מיטגעדאוונט מיט א ברען.

ווען דער בעל תפלה ר' יואל האָט אויסגעפירט די פסוקים: "אוהבי ה' שנאו רע, שומר נפשות חסידיו מיד רשעים יצילם" האָט דאָס באַקומען א פרישן באַדייט שטייענדיג פארנט פון טורמע, וואו עס שמאַכטן די חשוב'ע יונגעלייט, און נויטיגן זיך אין אַ ספעציעלע שמירה מעולה, מיד רשעים יצילם.

ביי "לכה דודי", האָט דער ציבור געזינגען אינאיינעם די ערשטע שטיקלעך אויפ'ן ניגון פון "שומרי מצוותיה", ווען אינצווישן האָט מען אויך געזאגט דער "מקדש מלך עיר מלוכה קומי צאי מתוך ההפיכה רב לך שבת בעמק הבכא", און דערביי אינזין געהאַט די יונגעלייט וועלכע זיצן בעמק הבכא פאַר'ן זיך אָננעמען פאר כבוד פון דער מקדש מלך עיר מלוכה - פלטרין של מלך ירושלים עיר הקודש.

ביי "לא תבושו", האָט דער ציבור געזינגען דעם ניגון פון "ה' הוא מלכינו", דער ציבור האָט געזינגען מיט גרויס שמחה, און אָנקומענדיג צו "בואו בשלום" האָט מען זיך אויסגעדרייט צו מערב זייט און דאַן האָט מען געזינגען א לענגערע צייט, פילע ניגונים, ווי דער ניגון פון 'ציון הלא תשאלו לשלום אסיריך', און נאָך...

דער ציבור בראשות דער דיין שליט"א זענען אפילו ארויס אין אַ רקידה, ווען אינמיטן האָט מען באַמערקט ווי די פאָליציאנטן גייען ארויף אויפ'ן דאַך פון טורמע צו פאָטאָגראַפירן די מאדנע סצענע פון טענץ פאַר די טורמע, דער ציבור האָט געשריגן אַ הילכיגן 'שבת! שבת!', ביז זיי זענען אַראָפּ פון דאָרט, דאן האָט זיך דער ציבור צוריק אויסגעדרייט צום מערב זייט און געזאָגט "בשלום עטרת בעלה".

ביים זאגן 'מזמור שיר ליום השבת' האָט זיך געשפירט א געהויבענע אַטמאָספער, ס'האָט זיך געקענט דוכטן אַז מען שטייט אין בית המדרש, האברך הר"ר משה ארי' עקשטיין הי"ו איז ארום צווישן דעם ציבור פאַרטיילן טאביק, דערנאך האט מען געזאָגט "ה' מלך גאות לבש", און קדיש.

נאך קדיש האָט מען אויסגערופן אַז מען וועט יעצט טאנצן אביסל און דערנאך וועט מען דאַווענען מעריב אין ביהמ"ד 'תורה ויראה', וואס איז געווען די נאָענטסטע שול צום טורמע, וואָס איז געווען ליידיג.

דער ציבור האָט זיך אַרויסגעלאָזט טאנצן 'בר יוחאי', ס'איז





געוואָרן א ריזיגער רינג צוזאַמען מיט חשובי הציבור, צווישן אַנדערע האָט זיך דאָרט אָנגעזען חשוב'ע רבנים און עסקנים, ווייטער האט מען ממשיך געווען צו זינגען נאָך ניגונים פון שבת קודש און ניגוני חיזוק פאר די אסירי ציון.

אינמיטן זינגען איז געווען אַן אינצידענט ווען אַן עקשנות'דיגער דרייווער האָט באַשלאָסן אַריבערצופאָרן אויפ'ן שאָסיי וואו מ'האָט געטאַנצט, ער האָט געפיפן דער ציבור זאל זיך רוקן אָבער ס'האָט אים נישט געהאָלפן, א גרופע פאָליציאַנטן איז געקומען אים העלפן, פרובירנדיג צו שטופן דעם ציבור, אָבער זענען ערשטוינט געוואָרן וואו צענדליגער יונגעלייט האָבן זיך אין איין רגע געגעבן א זעץ אַוועק אויפ'ן שאָסיי, זיי האָבן אויפגעהויבן הענט און געזאָגט דעם דרייווער ער זאל זוכן א צווייטן וועג.

## תפלת מעריב: אומרוען פאר די טורמע און מעריב אין מאה שערים

נאך די ריקודים האָט מען ווידעראמאל אויסגעשריגן ווערטער פון חיזוק און עידוד פאר די אסירי ציון, וועלכע זענען די שליחי ציבור פון ציבור אינעווייניג אין טורמע, און דער סאַטמאַרער ציבור האָט זיך צוריק אַרויסגעלאָזט אין וועג דאַווענען מעריב אין ביהמ"ד 'תורה ויראה'.

פאַר די טורמע איז נאך געבליבן א ריזיגער ציבור וואָס האָט דאָרט געדאַוונט מעריב, און שפעטער ווייטער געטאַנצט און מחזק געווען די אסירי ציון, אויך האָבן מיר געהערט אַז עס זענען דאָרט שפעטער פארגעקומען שלעגערייען מצד די פאליציי קעגן די מתפללים, אָבער מיר זענען שוין דאַן נישט געווען אויפ'ן ארט.

צוזאַמען מיט'ן סאַטמאַרער ציבור בראשות הרב הגאון רבי צבי ארי' שליט"א האט מען געשפאנט צו מאה שערים, אויפ'ן וועג האט מען געזינגען 'ישמחו במלכותך' און צומאל אויך געשריגן 'שבת'.

אָנקומענדיג אין 'תורה ויראה' איז העסקן הדגול הר"ר משה אריה שטערן הי"ו פון די בריחי התיכון אין התאחדות אברכים ד'סאַטמאַר צוגעגאנגען צום עמוד 'כגוונא', און ממשיך געווען מיט מעריב, דאס דאווענען איז געווען זייער געהויבן, און נאָכ'ן דאַווענען איז דער ציבור אַריבער וואונטשן אַ גוט שבת פאַר'ן דיין הרב הגאון רבי צבי ארי' שליט"א, און זיך אומגעקערט אַהיים נאך איבער צוויי שעה פון קידוש ה' מאַמענטן וואָס וועט פאַר אייביג בלייבן ביי זיי איינגעקריצט.

זינט שבת זענען שוין אריבער נאך עטליכע טעג, יעדן טאָג זענען געווען פרישע אַרעסטן, אָבער אַלע אַרעסטירטע און זייערע פאמיליעס זענען ב"ה זוכה צו אַ וואַרימע שטיצע און הילף פון דעם ועד למען אסירי ציון.

עס בלייבט נאר איבער צו ווינטשן, אַז דאס מסירות נפש פון די לוחמי מלחמות ה' זאלן שוין אויס'פועל'ן אַז דער ירושלימ'ער שטאָט-ראט זאָלן אַוועקנעמען זייערע נעגל פון די בר אילן גאַס, און דערגרייכן אַ הסכם וויאַזוי צו בויען דער באַן אן דעם וואָס דאָס זאל פוגע זיין בקדושת ירושלים.

**כל המתאבל על ירושלים זוכה ורואה בשמחתה!**



וואכנשפיגל

# צענטראַלע אסיפת חברי הנהלה פון באַרימטע "שדכנים וועד" הייבט אַרויס אומגלויבליכע סוקסעס ראטע צו ברענגען שידוכים פאַר אידישע קינדער, מיט פרישע גרויסצוגיגע פלענער אויפ'ן נאָענטן צוקונפט

**הרה"ח רבי משה דוד ניעדערמאַן שליט"א, יושב ראש פון "שדכנים וועד", דוסקוסירט אינאײנעם מיט לאַנגיעריגע עוסקים אין דעם פעלד פון שידוכים, די פילזייטיגע דעטאַלן און די פאַרצווייגטע נעץ מיט פעולות חובקות וואָס האָט שוין ב"ה געטוישט לטובה דעם שידוכים מאַרקעט ביים היימישן ציבור**

אַ געהויבענע שטימונג האָט זיך געשפירט אין די הויפקוואַרטירן פון די "שדכנים וועד" אָפיס, ביי דעם גרויסן זיצונג אָפּגעהאַלטן דעם פאַרלאָפענעם דאָנערשטאָג תצא העעל"ט, אינאײנעם מיט די באָורד מעמבער, די געטרייע חברי הנהלה פון דעם וועד, וואו ס'איז ברייט באַהאַנדלט געוואָרן די אויסטערלישע פעולות אינעם עבר און נאָכמער די ווייטערדיגע פראָיעקטן וואָס ווערן געפּלאַנט פאַר'ן עתיד, צו העלפן דעם ברענענדיגן שידוכים קריזיס אויף דער היימישער גאַס.

ביי דער זיצונג האָט מען געהערט טרעפליכע ווערטער פון דעם איבערגעגעבענעם יושב ראש פון שדכנים וועד, הרבני החסיד המרומם מו"ה משה דוד ניעדערמאַן שליט"א, וועלכער האָט פאָרגעלייגט אויפ'ן טיש די געבענטשטע רעזולטאַטן פונעם עבר, וויפיל הונדערטער שידוכים זענען שוין ב"ה אויסגעפירט געוואָרן בלויז אין דער לעצטער תקופה אין דירעקטן רעזולטאַט פון "שדכנים וועד", און גלייכצייטיג איז דוסקוסירט געוואָרן מיט די אנוועזענדע חברי הנהלה, די פלענער אויפ'ן צוקונפט, נאָכמער צו פאַרברייטערן די אקטיוועטעטן, להרבות שמחה בבתי בני ישראל.

הרה"ח רבי משה דוד שליט"א האָט דערביי באַטאָנט אַז וויפיל מען מען הערט און מען זעט קען מען נישט גענוג באַגרייפן דעם גרויסן ווייטאָגליכער און פּיינפולער "שידוכים קריזיס" וואָס מוטשעט ליידער דעם היימישן ציבור, מיט אַזויפיל וואוילע בחורים און מיידלעך וואָס מאַכן נאַס די קישענעס וואַרטנדיג אויף די גליקליכע מינוט, און חשוב'ע עלטערן וואָס דאָס האַרץ ווערט זיי צעריסן ביז זיי זענען זוכה צו באַקומען אַ טעלעפאָן רוף פונעם שדכן, ווען יעדן טאָג איז אומבאַשרייבליכע יסורי הנפש, שלאָפלאָזע נעכט, אַסאַך טרערן און אַסאַך אינערליכע פיין.

ווירקליך האָט ער דאן אַרויסגעהויבן די איבערמידליכע פעולות דורך דעם שטאַב פון עסקנים וועלכע אַרבעטן אומאויפהערליך אין די מסגרת פון "שדכנים וועד", וואָס האָט זיך ב"ה אַרויסגעשטעלט צו זיין דער פאסיגער לעזונג צום גרויסן קריזיס, מיט אַזאַ סוקסעס ראַטע וואָס לאָזט זיך פשוט נישט גלייבן, כה יתן ה' וכה יוסיף.

## דאָס גרינדונג פון "שדכנים וועד" - צו ברענגען שידוכים פאַר כלל ישראל!

מיט צוויי און אַהאַלב יאָר צוריק איז עס געווען, זונטאָג תרומה, ראש חודש אדר שנת תש"פ, האַרט איידער דעם "קאָראָנא ווירוס" אויסברוך, ווען ס'איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן, צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דאָס יהדות החרדית, דער היסטאָרישער "שדכנים קאָנווענשאָן", וואָס האָט פאַראייניגט הונדערטער שדכנים און שדכניות, צו באַהאַנדלן דעם "שידוכים קריזיס" ביים היימישן ציבור.

דער שדכנים קאָנווענשאָן האָט אנהאַלטן זעקס אנגעפולטע שעות מיט אינהאַלטסרייכע רעדעס און פּרעזענטאַציעס דורך ערפאַרענע שדכנים, עקספערטן, עסקנים און אָרגאַניזאַציע פירער, וויאַזוי עס קען בעז"ה געטוישט ווערן דער שידוכים פעלד צום גוטן מיט רעאַליסטישע לעזונגען.

דער געבענטשטער רעזולטאַט פון יענעם גרויסן קאָנווענשאָן איז ווירקליך געווען די פּראָקלאַמאַציע פון דעם הייליגן פאַראיין, "שדכנים וועד", וואָס וועט באַגלייטן יעדן שדכן מיט אַ רייע פון פּראָיעקטן און סערוויסעס צו מוטיגן דאָס אויספירן שידוכים ביי אידישע קינדער אויפ'ן העכסטן שטאַפּל.

דער וועד ווערט געפירט דורך אַ קבוצה פון חשוב'ע אידן, אנשי שם וואָס האָבן שוין לאַנגיעריגע לייסטונגען לטובת הציבור, בראש ובראשונה העסקן המרומם למען כל קדשי בית ישראל הרה"ח רבי משה דוד נידערמאַן שליט"א, העסקן הנמרץ הרה"ח רבי שלום דייטש שליט"א, ואתם עמם הני יקרי לב אנשי חסד הרב אברהם יודא שוואַרץ שליט"א, הרב חיים קלמן ליבערמאַן שליט"א, הרב הערשל מייזליש שליט"א, מו"ה נחמי' הערשקאָוויטש הי"ו, מו"ה אברהם מייזעלס הי"ו, מו"ה יעקב דוד זעליג הי"ו און מו"ה אנשיל כ"ץ הי"ו. באַזונדער ווערט דער וועד באַגלייט דורך די תורה'דיגע סמכות פון די חשוב'ע מורי הוראה וועלכע פאַרזיכערן אַז אַלעס ווערט געפירט על פי תורה אשר יורוך.

זינט דעמאָלט פונקציאָנירט מיט אומגלויבליכע הצלחה, דער שוין היינט ברייט באַקאַנטער "שדכנים וועד" הויפּטקוואַרטיר, וואָס דינט איינפאַך ווי אַ שירעם אָרגאַניזאַציע פאר צענדליגער קלענערע פעולות חובקות און אָפיסעס, און איז פאַקטיש אויסגעשטיגן אַלס דער "הצלת נפשות" רעטונג צענטערצו בויען אידישע שטיבער מיט שמחה.

## אַ נעץ פון פעולות חובקות אויף אַלע געביטן צו ברענגען שידוכים ביי אידן!

ביי דעם אסיפה פון חברי הנהלה פאַרלאָפענע וואָך איז מען איבערגעגאַנגען די פּרטים אַרום די פולזייטיגע ריזיגע פּראָיעקטן וואָס ווערט דורכגעפירט, צווישן אַנדערע די מאַסיווע "דאַטאַ בעיס" מיט גענויע ליסטעס און אינפאָרמאַציע פון צענדליגער ישיבות אין סקולס, א קיימא לן פון אַריבער 9 טויזנט! בחורים און מיידלעך אין די שידוכים יאָרגאַנג, וואָס ווערן מיטגעטיילט פאר יעדן דורש ומבקש "חנם אין כסף" אַלס אַ סערוויס פאַר כלל ישראל; די גרעסערע און קלענערע קאָנפערענצן און קאנווענשענס פאר שדכנים; די הערליכע חיזוק באַנקעטן פאר נשים צדקניות, פרויען שדכניות, מיט טיפּס און חיזוק; די אויפגעכאַפּטע שידוכים טעלעפאָן ליניע; דער באַרימטער "קרן משה צבי" גורלות פּראָגראַם, לע"נ הב' משה צבי הי"ד ב"ר אברהם שלום אהרן דייטש הי"ו, צו מוטיגן מענטשן זאלן אָנטראָגן שידוכים; עפענטליכע "שדכנים פּאַנעלן" צווישן





עַל פִּי הַתּוֹרָה אֲשֶׁר יוֹרוּךָ

# כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א הערט דעטאַלירטע רעפּאָרט פון געטרייע חברי וועד הפּועל שע"י "שדכנים וועד" ביי אסיפה מיוחדת בביתו נאוה קודש

## מרן רבינו שליט"א דרוקט אויס התפּעלות פון די אומגלויבליכע עבודת הקודש און סייעתא דשמיא און איז קובע קלאָרע הוראות און הדרכות איבער אַקטועלע שאלות וואָס קומען כסדר אַרויף אין די "שדכנים וועד" אָפּיסעס לידע את המעשה אשר יעשון ואת הדרך ילכו בו

אַלס אַ טייל פון די הרחבת גבולי הקדושה אינערהאַלב די פּעולות חובקות "שדכנים וועד", איז אַנומלט פאָרגעקומען אן ענגע אסיפה נחוצה, בקודש פנימה, אין שטוב פון כ"ק מרן רבינו שליט"א, אינאיינעם מיט די חברי הנהלת הוועד, וואו דער רבי שליט"א האָט געהערט אַ באַריכט און האָט באַהאַנדלט בדעת תורתו ובברכת קדשו די גרויסאַרטיגע פּעולות חובקות און די ריכטיגע שריט להעמיד בתים נאמנים בישראל.

חיבה יתירה נודעת לו צו דעם מפעל הנשגב "שדכנים וועד", וואָס האָט די זכי' אַז מיום היוסדה איז דער רבי שליט"א עינו ולבו שם און פאַרמאָגט באופן מיוחד אַן אָפּענעם טיר פאר די עסקני וחברי הועד, צו טון און אויפטון למען תועלת ועתיד שידוכים ביי כלל ישראל.

צו יעדער צייט איז דער רבי שליט"א גרייט אויפצונעמען די חברי הנהלה וועלכע קומען זיך שואל זיין בעצתו ובדעתו דעת תורה על כל צעד ושעל, צו פארזיכערן אַז אַלע פּעולות ווערן דורכגעפירט על פי התורה אשר יורוך, לויט'ן דרך התורה והמסורה לנו מדור דור און ווירקליך גיט דער רבי אַוועק אַסאַך צייט כסדר אויסצוהערן די עסקנים, אָנצייגן הדרך ילכו בה, און באַגלייט די פּעולות מברכותיו הטהורות.

די אסיפה בבית כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א איז געווען אויך מיט דער אָנוועזנהייט פון בנו הגה"צ אבד"ק סיגוט שליט"א, וועלכער איז פון די ערשטע מינוט פאַרוויקלט בעובי הקורה אין אַלע פּעולות פון "שדכנים וועד" בעצה ותושי' ובפעולה.

אַזוי אויך האָבן זיך באַטייליגט עטליכע פון די חברי וועד הנהלת המפעל, וועלכע זענען אַריבערגעקומען איבערגעבן אַ קלאָרן באַריכט פון די גרויסאַרטיגע אקטיוועטעטן אויפן געביט פון ברענגען שידוכים פאַר כלל ישראל.

עס איז דערביי פארגעשטעלט געווארן פאר'ן רבי'ן שליט"א אַלע לעצטיגע אקטיוועטעטן פון אַלע אָפּיסעס אינהערהאלב "שדכנים וועד". דער רבי האָט דערביי אויסטערליש מפליא געווען די גדולות ונצורות וואס מען האט שוין ב"ה דערגרייכט ביז היינט. דאן האט מען באהאנדלט די פעולות אויף ווייטער, ווען דער רבי שליט"א פארטיפט זיך אין יעדן פרט כדי ארויסצוקומען מיט א קלארקייט אין דער נושא און אוועקשטעלן פאר די קאמיטע מיטגלידער דעם ריכטיגן מהלך והדרך אשר ילכו בה.

ענדגילטיג האט דער רבי פארגעלייגט הוראת קדשו, געבנדיג קלארע הדרכות פאר די חברי הוועד, ווי אזוי אומצוגיין אין פאַרשידענע פעלער, אז עס זאל ארויסקומען דער תכלית הנרצה און נאך א לענגערע צייט פון דן זיין אלע הצעות און שריט האט כ"ק אדמו"ר שליט"א, מאציל געווען מברכתו הטהורה אַז חפץ ה' בידינו יצליח, מען זאל טאקע זעהן סייעתא דשמיא אויף יעדן טריט און שריט מחיל אל חיל, צו קענען מוסיף והולך זיין מיט דער מלאכת הקודש, מחיל אל חיל להרבות שמחות בבתי בני ישראל.

**הֲלֹא הֵמָּה יוֹרוּךָ מוֹרֶיךָ!**

# "שדכנים וועד", די פאָן טרעגער פון אַ היסטאָרישע רעוואָלוציע, מיט אַכציג פּראָצענט היימישע שידוכים דורך נייע שדכנים!

אַ שטוינענדע און דערפרייענדע אַנעקדאָט איז אָנגעוויזן געוואָרן דורכאויס דעם אסיפת חברי הנהלה פון "שדכנים וועד" אַז ס'איז ב"ה קענטיג די געבענטשטע פּירות פון די האָרעוואַניע דורך די אַלע פּעולות חובקות, ווען דאָס מציאות היינט צוטאָגס איז אַז אַכציג פּראָצענט פון שידוכים אויף די היימישע גאס ווערן אויסגעפירט דורך נייע און אומאָפיציעלע שדכנים!

דאָס איז אַ ציפער וואָס איז נאָך קיינמאָל נישט געווען ביז היינט! און דאָס איז בלי ספק אַדאַנק די "אווערנעס", מאָטיוואַציע, ליסטעס און "אַלע ערליי פּאַקטישע הילף און טעכנישע באַגלייטונג" וואָס ווערט פּרעזענטירט דורך "שדכנים וועד", סיי פאר פרישע און סיי פאר ערפאַרענע שדכנים און שדכניות!

"שדכנים וועד" האָט ב"ה געברענגט די לאַנג - ערוואַרטעטע רעוואָלוציע ביים היימישן ציבור, מיט אן אומגלויבליכע אויפוואַכונג צו העלפן מיט שידוכים פאַר יונגערע און עלטערע בחורים און מיידלעך. מען פירט אָן מיט אַ פאַרצווייגטע "מאַרקעטינג" צו מוטיגן פרישע שדכנים, סיי מיט גורלות און סיי אַלע הילף און הדרכה, און נוצר תאנה יאכל פריה! די העכסט - סוקסעספולע שדכנים אויפוואַכונג קאַמפּיין אַז אידן זאלן "אָנטראָגן שידוכים", האָט שוין שוין ב"ה געברענגט אַן אויסטערלישע טויש אויף דער היימישער גאס מיט הונדערטער שידוכים וואָס ווערן אָנטראָגן דורך ערשטמאָליגע שדכנים!

עלטערן און שדכנים; די פולקאָם -טרענירטע אָפּיס, מיט אַ שטאַב פון באַצאָלטע שדכניות, צו ברענגען שידוכים פאר יונגערע בחורים, תלמידי ישיבה גדולה סאַטמאַר-וויליאַמסבורג.

באַזונדער איז אַרויסגעהויבן געוואָרן איינס פון די לעצטע קאָסטבאַרע פראיעקטן אינערהאַלב דעם "שדכנים וועד" פּראָיעקטן, דאָס פּובליצירן די ברייט- אויפגעכאַפּטע "דאָס וואָרט" אויסגאַבע, אָנגעפולט מיט אינפאָרמאַטיווע ידיעות און אַרטיקלען, וואָס שאַפט ב"ה אַ וואונדערליכע קאָמוניקאַציע פּלאַטפאָרמע צווישן שדכנים און עלטערן, מיט אויסנאַמליכע ליטעראַטור און הסברה צו העלפן צושטאַנד ברענגען שידוכים אויפ'ן ריכטיגן וועג.

ווי אויך איז ארויס געברענגט די געטרייע ארבעט פון די פולקאָם -טרענירטע אָפּיס מיט אַ שטאַב פון שדכניות, צו ברענגען שידוכים פאר די בחורים וועלכע געפינען זיך נאָך אין די יונגערע יאָרגענג בין כותלי ישיבה גדולה ד'סאַטמאַר-וויליאַמסבורג. דער אָפּיס ווערט טיילווייז אויסגעהאַלטן דורך די הנהלת הישיבה, בתשואת חן, אין צוגאָב צו די פילע אויסגאַבן וועלכע ווערן פינאַנצירט דורך "שדכנים וועד" צו פאַרזיכערן די גרויסע הצלחה!

אַזוי אויך האָט מען באַהאַנדלט די אויסטערלישע סוקסעס וואָס מען זעט ב"ה אינערהאַלב דעם "קרן השידוכים אָפּיס" פאר יוצאי ישיבה גדולה סאַטמאַר-וויליאַמסבורג, וואָס אַרבעט רונדע אַרום דעם זייגער, צו נישטערן, אָנטראָגן און באַגלייטן פּערזענליך שידוכים, ביי די עלטערע בחורים, יוצאי ישיבה גדולה ד'סאַטמאַר-וויליאַמסבורג, מיט באַצאָלטע קאָאָרדינעיטאָר, אַ ספּעציעלע דאַטאַ-בעיס פון פּאָטענציעלע שידוך קאַנדידאַטן, אַ געניטער טרעקינג סיסטעם, כסדר'דיגע מיטינגען מיט נאָנטע קרובים און חברים, און דער חידוש'דיגער רעוואָלוציע פון פאַרטיילן ריזיגע באָנוסעס פאר שדכנים, צאַמגעשטעלט דורך די חברים, אויסער די שדכנות געלט פון די עלטערן אַלס אַ אַ קיימא לן פון צווישן 5 און 10 טויזנט דאָלער! געוואָנדן לויט די עלטער פון די יאָרגאַנג, ווי ס'איז שוין ב"ה געווען קרוב צו 50 חתנים כ"י, און ס'איז פאַרטיילט געוואָרן איבער אַ פערטל מיליאָן דאָלער!

### די מיסיע פון שדכנים וועד; "קיין שום בחור אדער מיידל זאל ח"ו נישט ווערן פאַרגעסן"!

ביי דער גרויסער זיצונג פאַרגאַנגענע וואָך, אינאיינעם מיט אַלע חברי הנהלת "שדכנים וועד" איז דורך אַלעמען אונטערגעשטראָכן געוואָרן אַז אַצינד איז געקומען די צייט צו גיין מחיל אל חיל, און זיך נאָכמער אויסברייטערן אויף אַלע געביטן, צו פאַרזיכערן דעם ענד - ציל פון די הייליגע אָרגאַניזאַציע אַז "קיין שום בחור אדער מיידל ווערט ח"ו נישט פאַרגעסן" און פאר יעדער בחור און יעדעס מיידל ווערט אָנגעטראָגן שידוכים בעזהשי"ת!

צווישן אַנדערע איז אויפגעוויקלט געוואָרן די אַקטועלע פלענער וואָס זענען שוין פאַקטיש אין פולן שוואונג צו אויפבויען און אַהערשטעלן אַן ערשטמאָליגע פּראָפעסיאָנאַלע שידוכים דאַטאַ באַזע, מיט די גענויע ליסטעס פון די טויזנטער בחורים און מיידלעך פון אַכצן יאָר און העכער, גאָר סאָפיסטיקירט געבויעט, געאייגנט צו טרעפן יעדן נאָמען לויט די געגנטער, יאָרגאַנג, לבוש, קרייז, א.א.וו. אַלס אַ שטוינענדע דורכברוך צו ברענגען שידוכים ביי כלל ישראל.

די היסטאָרישע אַנטוויקלונג פון אַ מולטי - סאָפיסטיקירטער שידוכים צענטער וועט בלי ספק זיין אויך אן אויסטערלישע תועלת פאר די הונדערטער בחורים וואָס געפינען זיך שוין נישט אויף די ישיבות ליסטעס, צו פאַרזיכערן אַז קיין שום נאָמען ווערט נישט פאַרגעסן!

דאָס זעלבע איז באַהאַנדלט געוואָרן אַ רייע פון פילע אַנדערע פּראָיעקטן וועלכע ווערן אין די טעג אויסגעברייטערט צווישן די פליגלען פון די "שדכנים וועד" אָפּיסעס, אויף אַלע ערליי פראָנטן, און מען איז זיך צעגאַנגען מיט די פעלזן פעסטע רעזאָלוציע די מיסיע פון אויפשטעלן בתים נאמנים בישראל און פּראַוועגען "אידישע שמחות מיט שמחה", בקרוב און בניקל, בסימן טוב ובמזל טוב לנו ולכל ישראל!



IT'S PEPPERMINT.
TASTE THE FRESHNESS.
FULL LINE OF:
SUSHI
PIZZA/PANINI
FRENCH FRIES
SANDWICHES
SALADS
HOT FOOD/SIDE DISHES
RAZZLE/MILKSHAKE
Tasty
Gourmet Food
FREE PICKUP & DELIVERY
TAAM EDEN
WE CARRY A FULL LINE OF TAM EDEN BAKED GOODS.
NEW
FRESH CHALLAHS & SOURDOUGH EVERY THURSDAY & FRIDAY!
Peppermint supermarket
845.492.8777
33 DINEV RD.
supermarketkj@gmail.com
www.peppermintsupermarket.com

טייערע שדכנים! כלל ישראל
טוט שעצן אייער שווערע ארבעט,

און די עסקנים פונעם "שדכנים וועד" שטייען גרייט

# האַנט ביי האַנט

אייך ארויסצוהעלפן
און די עבודת הקודש מיט די
פאלגענדע הילף.



## קרן השידוכים

ספעציעלע באנוסעס
פאר די וואס פירן
אויס א שידוך פאר
עלטערע בחורים, יוצאי
ישיבה גדולה סאטמאר
וויליאמסבורג.

**יארגאנג** בערך 22 יאר
ביז בערך 30 יאר – **באונעס פרייז**
פון $3,600 ביז $15,000 געוואנדען
לויט די יארגאנג.

שוין באצאלט איבער
**$284,000**
פאר אויסגעפירטע שידוכים

דערמאנונג
**תנאי קודם למעשה!**
כדי צו קענען באקומען דאס
געלט דארף דער שדכן
מודיע זיין די אפיס פארן
אויספירען דעם שידוך

## שידוכים אפיס
פאר בחורי יוצאי קווינס

ספעציעלע אפיס און
שטאב וואס גיבט זיך
אפ מיט בחורים יוצאי
ישיבה גדולה סאטמאר
וויליאמסבורג וואס
זענען אונטערן קרן
השידוכים.

## דאטאבעיס

ליסטעס מיט
אינפארמאציע פון
אלע בחורים און
מיידלעך פון די
היימישע מוסדות.

## קרן משה צבי כח הרבים פראגראם

רייכע גורלות פאר
די וואס טראגן אן
**שידוכים.**
(גייט אן מזמן לזמן)

## שידוכים איידיעס פראגראם

האט איר אן איידיע און
איר זיכט א שדכן זאל
דאס אנטראגן? מיר
וועלן אייך צושטעלן א
שדכן וואס זאל ארבעטן
אויף אייער שידוך
איידיע בעזהשי"ת

## כסדרדיגע איפוואכונגען בעניני שידוכים

ספעציעלע האטליין מיט עצות, הדרכה, חיזוק,
אינפארמאציע און טרענונג פאר שדכנים

**שטענדיגע מאטאוואציע פאר פרישע און
עקספירענסט שדכנים ושדכניות.**

שדכניות צוזאמקומען פאר חיזוק והדרכה

**גליונות און דרשות פאר עלטערן וועגן די נושא
פון שידוכים**

www.shadchunim.org
Office@shadchunim.org - 718-305-6959

שדכנים ווע"ד

# המוסדות

נייעס · באריכטן · אנטוויקלונגען
נאטיצן · קרישקעלעך



· אינערהאלב די ממלכת התורה והיראה די הייליגע מוסדות אין שטאט קרית יואל ·

# פייערליכע מאָמענטן פון שמחת התורה ביי הערליכע חגיגה "סיום רבתי" דורך הונדערטער תלמידי כתה ט' קרית יואל

**תלמידי כתה ט' פון מוסדות קרית יואל זענען מסיים גאנץ מס' ברכות, פרק המפקיד און פרק השואל פון מס' בבא מציעא, און צוגאב צו פילע צענדליגע מסכתות וואס זענען געלערנט געווארן דורך די תלמידים אין זייטיגע צייטן**

## הונדערטער גליקליכע עלטערן שעפן הויפענעס נחת דקדושה און פרייען זיך מיט ביי דערהויבענע מאמענטן דורכאויס אַ נאַכט פון התרגשות ושמחה דקדושה

**מי שלא ראה שמחה זו לא ראה שמחה מימיו!** זענען געווען די ווערטער וואָס מען האָט געהערט פון די הונדערטער בחורי חמד די תלמידים פון כתה ט' פון מוסדות קרית יואל, אינאיינעם מיט זייערע גליקליכע עלטערן, ביים מיטלעבן די דערהויבענע מאמענטן בחדוה עילאה ובשמחת התורה, דעם פאַרגאַנגענעם זונטאג אויפדערנאכט פרשת תבא העעל"ט, אין די פראכטפולע זאלן פון עטרת מייזעלס, לשוש ולשמוח בשמחת התורה כי הוא לנו עוז ואורה.

דער הערליכער סיום איז געפראַוועט געוואָרן נאָכדעם וואָס די הונדערטער תלמידים האבן בעז"ה זוכה געווען צו פייערן זייער גרויסע 'שמחת התורה' ביים מסיים זיין גאנץ מסכת ברכות גמרא רש"י, און די טיפע שווערע פרקים, פרק המפקיד, און פרק השואל, אין מס' בבא מציעא, בנוסף נאך צענדליגע מסכתות וואס זענען געלערנט און פארענדיגט געווארן דורך די טייערע תלמידים פריוואט אין זייטיגע זמנים.

דער סיום האָט גלייכצייטיג אָפּגעצייכנט אַ קיילעכיג יאָר וואָס איז ב"ה פאַראיבער בין כותלי הת"ת מיט גאנצע 12 חדשים פון האָרעוואַניע און יגיעה עצומה אין די תורה הקדושה, ווען אין צוגאב צו די אלע אויבענדערמאנטע מסכתות הש"ס האָט מען דורכגעלערנט גאנץ חומש - רש"י מידי שבוע בשבוע, לימוד ספרי רבינו הקדוש זי"ע, לימוד ספרי מוסר, לימוד ספרי חסידות, באַגלייט מיט די כוחות עצומות אין עבודת התפילה, אין יראת שמים, און מידות טובות. אָט אַזוי טרעט מען אַריין אין די ימי הבחרות מיטן רעכטן פיס, זיך וועקשטעלנדיג מיט א שלימות אויף די ריכטיגע מהלך פאר די בחורי'שע יארן.

איז דאך פאַרשטענדליך אַז ווען עס זענען אָנגעקומען די דערהויבענע מאמענטן פונעם סיום, וואס איז היי יאר פארגעקומען מיט די באַטייליגונג פון די חשוב'ע עלטערן שיחיו, זענען די התרגשות'דיגע געפילן איבערגעגאסן געווארן איבער אלע ברעגעס, מים רבים לא יכלו לכבות, די אויסטערלישע שמחה וחדוה עילאה וואס האט ווי איבערגערינען פון די הערצער אין אַזאַ צייט.

### די פרעכטיגע סעודת מצוה לגומרה של תורה

זונטאג תבא ארום 6:30 פאַרנאַכטס האבן די הונדערטער תלמידים בליעה"ר אנגעהויבן שטראמען מלובש בבגדי שבת אין די ריכטונג פון די פראַכטפולע 'עטרת מייזעלס' חתונה זאלן, וואס איז ספעציעל איינגערישט געוואָרן מיטביידע זאלן צו אַקאָמאַדירן דעם גרויסן מעמד.

מען האָט זיך געוואשן צו אַ סעודת מצוה. גאר א רייכע סעודה גדולה איז סערווירט געווארן פאר די חשוב'ע תלמידים - די חתני התורה לרגל המאורע ווען דער מעמד ווערט באגלייט די גאנצע צייט מיט מוזיקאלישע קלאנגען בשירה ובזמרה, אינאיינעם מיט הר"ר יעקב יצחק פריינד הי"ו.

דער מנהל רוחני, הרה"ג ר' שמעון שמואל שווארטץ שליט"א, האט ערעפענט דעם מעמד הגדול מיט פאסיגע ווערטער לכבוד התורה ולומדיה, ארויסברענגענדיג די איבערגעגאסענע שמחה'דיגע געפילן פון אלע חשוב'ע תלמידים שיחיו שטייענדיג אין אט די דערהויבענע זמן.

דאן האבן עטליכע פון די חשוב'ע תלמידים שיחיו אויפגעטרעטן מיט פרקי שירה וזמרה, און מייסטערהאפטיגע גראמען לכבוד דעם סיום.

### אייגנאַרטיגע דבר התלמידים אויפטריט

עס האָט דאַן אויפגעטרעטן א חשוב'ער תלמיד, הבחור כמר חיים ב"ר משה באש ני"ו, מיט האַרציגע ווערטער ארויסברענגענדיג מיט דברים היוצאים מן הלב בשם אלע חשוב'ע תלמידים, די געוואלדיגע רגשי שמחה וחדוה וואס עס נעמט יעדעם איבער אינעם יעצטיגען מאמענט, דערנאך וואס מ'האלט ב"ה נאך אגאנץ יאר ווען מ'האט אריינגעלייגט כוחות עצומות מיט א געוואלדיגע יגיעה טאג נאך טאג, וואך נאך וואך, אין די תורה הקדושה, און יעצט ווען מ'האלט שוין ביים גמר פונעם יאר, לויבן מיר און מיר דאנקען דעם אויבערשטען אויף ביז אהער, און בעטן אויף ווייטער.

בשם די תלמידים האָט ער ארויסגעברעגט די רגשי הודאה, און הכרת הטוב וואס די תלמידים האבן צו זייערע חשוב'ע מרביצי תורה שליט"א וואס האלטן נאך אגאנץ יאר וואס מ'האט אריינגעלייגט אזויפיל יגיעה און כוחות עצומות אין די תלמידים און בלויז אדאנק זיי האט מען זוכה געווען צו דערגרייכן ביז אַהער. בפרט האָט ער ארויסגעברענגט די הכרת הטוב פארן חשוב'ן מנהל שליט"א פאר די אומגעהויערע כוחות עצומות איבערן גאנצן יאר לתועלת די תלמידים, און אזוי אויך פארן חשוב'ן סגן מנהל שליט"א.

### ברוך אתה בבואך, באַגריסונג פאר די גליקליכע הורי התלמידים

אין אַ ספעציעלן מאָמענט האָט דער מנהל



# הונדערטער גליקליכע עלטערן באטייליגן זיך פערזענליך ביים גרויסן סיום, ווערן באגייסטערט ביי איבערראשענדער 'שאלות ותשובות' דורך הרה"ג ר' שלום שרגא פאפלאנאש שליט"א

אין א ערשטמאליגער שריט האט דער מנהל הרה"ג ר' שמעון שמואל שווארטץ שליט"א פערזענליך גערופן די חשוב'ע עלטערן שליט"א פון די גליקליכע תלמידים, צו פערזענליך אראפקומען און מיטהאלטן מהחל ועד כלה דער געהויבענער מעמד און שעפן הויפענעס נחת דקדושה פונדערנאנט ווען די קינדער שיחיו זענען זוכה לראות פרי בעמלם, און פרייען זיך בחדותה דאורייתא.

ווירקליך האָט זיך דאָס אָנגעזען ביים מעמד מיט די אויסנאמליכע השתתפות פון 'אלע' חשוב'ע עלטערן שיחיו וואס זענען פערזענליך אראפגעקומען און געזיצן פאר עטליכע שעה נאכאנאנד צו מיטגעהאלטן די הערליכע מאמענטן פון די שמחה פון זייערע אייגענע קינדער.

גאר איבערראַשנד און רירנד איז געווען פאר די הונדערטער עלטערן שיחיו מיטצוהאלטן די מאָמענטן ווען הרה"ג ר' שלום שרגא פאפלאנאש שליט"א פארהערט די תלמידים מיט די אויסטערלישע טיפע און ברייטע שאלות אין די לענג אין די ברייט פון די פילע מסכתות וואס זיי האבן מסיים געווען, און מיטגעהאלטן די שטוינענדע תשובות וואס די תלמידים האבן אראפגעשטעלט אויפן פלאץ כזקן ורגיל, וואס האט געלאזט געפלעפט יעדן פון די אנוועזענדע, פון וואס די גליקליכע עלטערן האבן געשעפט הויפענעס נחת דקדושה.





שליט"א באַגריסט מיט אַ שטאַרקע התרגשות די הונדערטער חשוב'ע עלטערן, די הורי התלמידים, וואס האבן אלע זיך מטריח געווען און פערזענליך אראפגעקומען מיטהאלטן און זיך מיטפרייען ווען זייערע חשוב'ע קינדער האבן די זכי' צו דערגרייכן די דערהויבענע מאמענטן פון די סיומי המסכתות, און שעפן הויפענעס נחת דקדוש מיט די אייגענע אויגן.

דער מנהל שליט"א האט זיך באדאנקט פאר די טירחא דגופא פון די חשוב'ע עלטערן, וואס דאס גיט א גאר שטארקע חיזוק און מוט, סיי פאר די אייגענע קינדער צו שטייגן ווייטער בתורה ויר"ש, און סיי פאר די געטרייע מרביצי תורה שליט"א און די מנהלים צו אנגיין ווייטער מיט די עבודת הקודש ביתר שאת ויתר עז.

## הדרן עלך מסכת... והדרך עלן

דער הויכפונקט פון דעם הערליכן מעמד איז געווען דער דערהויבענער מאָמענט ווען דער מנהל שליט"א איז צוגעטרעטן צום מייקרעפאון און אויסגערופן, אז מען וועט מאכן די גורל ווער עס זאל מסיים זיין דעם מסכת ברכות, און אז אלע תלמידים וואס האבן געענדיגט אויך אנדערע מסכתות וועלן אויך יעצט אינאיינעם מאכן די הדרן.

עס איז פארטיילט געווארן פאר אלע תלמידים קאפיס פונעם 'הדרן', אינאיינעם מיט דעם ערשטן און לעצטן שטיקל פון מס' ברכות און הבחור החשוב כמר אברהם ב"ר ישראל דוד ווייס ני"ו האט זוכה געווען בגורל. ער איז ארויף צום אויבנאָן און מסיים געווען דעם מסכת מיט'ן הדרן, ווען מיט אים אינאיינעם זאגן מיט 'אלע' תלמידים די הייליגע תפילות והודאות, אין אט די גליקליכע מאמענטן ווען מ'איז זוכה מסיים צו זיין די מסכתות.

אשרי עין ראתה אלה! עס איז ווירקליך געווען א מחזה הוד מיטצוהאַלטן די האַרציגע סצענע וויאַזוי שורות שורות פון הונדערטער תלמידים שעפעשען אינאיינעם א הייסע תפילה פון 'הערב נא ה' אלוקינו את דברי תורתך וכו', וואָס האָט נאָכגעפאָלגט מיט אַ קדיש דורך הרה"ח ר' שמואל זאנוויל כהנא שליט"א, אַ חשוב'ער זיידע פון אחד מתלמידים שיחי'.

## מודה אני לפניך ה' אלוקינו ששמת חלקנו מיושבי ביהמ"ד

תיכף ביים פארענדיגען דעם 'סיום', האט זיך דער גאנצער ציבור, זקנים ונערים, די עלטערן מיט די תלמידים, אינאיינעם זיך אויפגעשטעלט, און ארויסגעלאזט אין א פייערדיגע ריקוד בשמחה וחדוה עילאה, בקול רנה ותודה המון חוגג בתופים ובמחולות, שישו ושמחו בשמחת התורה כי הוא לנו עוז ואורה, ווען די געפילן קאכן און ברענען מיט אומבאשרייבליכע געפילן פון התרגשות.

טרערן זענען געקומען אין די אויגן, ווען מ'האט געזען ווי שורות שורות פון די יונגע תלמידי חכמים טאנצן און זינגען מיט פארמאכטע אויגן און א הייסע תפילה יהא רעווא קדמך דתפתח לבאי באורייתא, ווען פון מינוט צו מינוט הייבן זיך די פיס העכער און העכער און די געפילן שפראלן ארויס מיט אן אמת'ע שמחה וואס איז אויסגעגאסן אויף אַלעמען, ווען אויף ביידע זייטן טאנצען אינאיינעם מיט שורות שורות די גליקליכע עלטערן פון די חתני התורה, מיט אמת'ע אין טיפע רגש'דיגע געפילן פון שמחת התורה, זיך פרייענדיג אינאיינעם מיט זייערע טייערע קינדער וואס האבן זוכה געווען דערגרייכן ביז אהער.

## דבר המעמד; הרה"ג המנהל שליט"א

עס איז סערווירט געוואָרן דער צווייטער טייל פון די סעודת מצוה, און כיבוד וטעימה פאר די חשוב'ע עלטערן, בשעת דער מנהל שליט"א האט צוגעטרעטן צום "דבר המעמד", מיט א לויב און דאנק צו השי"ת וואס האט אונז געהאלפן דערגרייכן ביז אהער, ארויסברענגענדיג אז די חשוב'ע תלמידים וואס זיצן דא זענען אין די לעצטע דריי יאר געשטיגן אויף אן אויסטערלישן פארנעם, ווען מיט די אומגעהויערע כוחות פון די חשוב'ע מרביצי תורה שליט"א און מיט די אייגענע און ביטער שווערע הארעוואניע פון די תלמידים האט מען זוכה געווען צו דערגרייכן ב"ה ביז אהער.

דער מנהל האט ארויסגעברענגט בשער בת רבים פאר די תלמידים און די חשוב'ע עלטערן





· אינערהאלב די ממלכת התורה והיראה די הייליגע מוסדות אין שטאט קרית יואל ·

שיחיו, די געוואלדיגע התעלות פון די תלמידים וואס מ'זעהט ב"ה, הן מיט דרך ארץ, מידות טובות, ערוואקסענקייט, יראת שמים, עבודת התפילה, השגות אין אידישקייט, ערליכקייט, א חשק אין א מצוה אין א שבת ויו"ט, זיך אפהיטן פון עבירות, זיך אפהיטן פון די ביטערע נסיונות ופגעי הזמן, און ועל כולם, די געוואלדיגע התעלות אין די תורה הקדושה, וואָס די תלמידים האבן ב"ה דערגרייכט דאס יאר, מיטן זיך אוועקשטעלן מיט א פעסטער אויפגעבויעטער מהלך אין לערנען, אפלערנען א בלאט גמרא, א תוספות, גוט פארשטיין א קשיא, א תירוץ, סיי בקיאות, מיטן זוכה זיין צו מסיים זיין בעיון רב גאנץ מס' ברכות גמרא רש"י, און איבער אלעם מיטן מסיים זיין בעומק רב די טיפע שווערע פרקים פון 'המפקיד' און 'השואל', אין מס' בבא מציעא, גמרא תוספות, וואס די תלמידים האבן געהאט די געלעגענהייט סוף ווינטער דאס זיך צו פארהערן ביי הגה"צ מורינו שליט"א, פרק המפקיד, און פארגאנגענע וואך ביים האבן די געוואלדיגע זכיי' זיך צו שטעלן צום פארהערער אויף פרק 'השואל' בקודש פנימה ביי כבוד קדושת רבינו שליט"א.

## הזורעים בדמעה – תורה שלמדתי באף הוא שעמדה לי

אינמיטן די דרשה פון דער מנהל שליט"א איז געקומען אן איבערראשענדער און הארציגער מאמענט, ווען דער מנהל שליט"א האט אנגעפאנגען אויפוויקלען זכרונות, פון דער נישט ווייטער פארגאנגענהייט מיט קנאפע צוויי יאר צוריק, די שווערע תקופת הקאראנע, ווען די יעצטיגע תלמידים, זייענדיג דעמאלטס אין כתה ז', האבן זיך מוסר נפש געווען מיט אן אויסטערלישע התגברות צו לערנען און חזר'ן, טראץ די ביטער- שווערע אומשטענדן, סיי אויפן טעלעפאון, סיי אין די קעלערן און די בוידעמעס, פאר די גאר לאנגע צייט פון כמעט דריי חדשים, פון א וואך נאך פורים, ביז נאך יו"ט שבועות, וואס דעמאלט האט זיך ארויסגעשטעלט די אמת'ע געטריישאפט און מסירת נפש פאר די תורה הק' פון אט די ליכטיגע תלמידים, וואס הייני דאהנו להו צו דערגרייכן צו דעם מאמענט און זוכה זיין אזויפיל קונה צו זיין און מסיים זיין.

דאן איז אנגעצינדען געווארן די שוין כמעט פארגעסענע זכרונות, די רעקאדירונגען פון דער מנהל שליט"א צו די תלמידים אינדערהיים אין יענע שווערע זמנים, אנגעפאנגען פון די ערשיטענדע מודעה אז די מוסדות ווערן פארשלאסן, און דערנאך, די סדרי הלימודים, די גורלות, און פראגראמען, וכו', וכו', וואס די תלמידים און די עלטערן זענען געזיצן מיט פארטרערטע אויגן זיך דערמאנענדיג אין פריידן די שווערע ליידן וואס מ'איז אדורך. דערביי האָבן די תלמידים איניינעם געזינגען די הארציגע גראמען וואס איז נתחבר געווארן אין ת"ת ביי יענעם קאראנע יאר, אראפשפילענדיג די שווערע זמנים, און געוואלדיגע דברי התחזקות וואָס איז געווען אַזוי אַקטועל בימים ההם ובזמן הזה.

## אשרי רבו שלמדו תורה

דאן איז דער מנהל שליט"א אריבער רעדן בפניו פון די תלמידים און די חשוב'ע עלטערן, קצת להודעותא, וויאזוי מ'האט דערגרייכט און אזעלכע זמנים בעיקבתא דמשיחא, ארויסצוגעבן בעזר השם אזעלכע ליכטיגע פירות, וואס דאס איז אלעס צו פארדאנקען אונזערע חשוב'ע איבערגעגעבענע מרביצי תורה שליט"א, די כלי קודש, פון כתה ט', וואס עס פארלאנגט פון זיי אומגעהויערע כוחות, צו שטיין אויפן פראנט מידי יום ביומו צו אוועקשטעלן די תלמידים אויף די ריכטיגע רעלסן, מיט די ריכטיגע הבנה, און הסברה, אריינלייגן א דרך הלימוד, אין א גמרא, אין א תוס', תורה, עבודה, יראת שמים, און ערליכקייט, וואס נאר אדאנק זייערע אויסטערלישע הארעוואניע און מיה זעהט מען ב"ה אזעלכע פירות.

באַזונדער האָט ער דערמאנט דער חשוב'ער סגן מנהל הר"ר מאיר לויפער שליט"א וואס יום ולילה לא ישבות מיט א געוואלדיגע איבערגעגעבענקייט און מסירת נפש ממש פאר די הצלחה פון די תנוקות של בית רבן, און צו באגלייטן די עבודת הקודש אויף טריט און שריט. און אזוי אויך די אנדערע חשוב'ע מרביצי תורה שליט"א וואס שטייען אויף זייער פאסטן אין די עבודת הקודש, סיי ביי דעם 'נאכט סדר' זמן, אין שפיץ פון דער חשוב'ער מנהל פון נאכט סדר הר"ר מרדכי לייב האלצער שליט"א, און דאָס זעלבע די חשוב'ע מרביצי תורה שליט"א אין די פארטאגס שעה'ן בעפאר'ן דאווענען, וואס איז מיוחד פאר חומש - רש"י אדורכצולערנען די גאנצע סדרה מידי שבוע בשבוע, און אַזוי אויך די נאכמיטאג שעה'ן וואס עס זענען מיוחד קונה צו זיין נאך צענדליגער בלעטער גמרא רש"י.

## הגדתי היום – להגיד שאינך כפוי טובה

א הערליכער מאמענט איז געווען, ווען עטליכע פון די תלמידים זענען ארויפגעקומען אויפן פאדיום, און גאר פאכמאניש און אינטערעסאנט אריבערגעגאנגען דאס יאר תשפ"ב, מיט אירע דרייצן חדשים, וואך נאך וואך, לימוד נאך לימוד, חזרה נאך חזרה, מאורע נאך מאורע, דרשה נאך דרשה, בדרך שאלה ותשובה.

דאָס האָט זייער פאַכמאַניש אַרויסגעברענגט פאר די חשוב'ע עלטערן, און פאר די תלמידים, די אומגעהויערע כוחות, און דמים תרתי משמע, וואס דער געטרייער און איבערגעגעבענער מנהל שליט"א לייגט אריין אין די תלמידים, סיי אין 'תורה', די לימודים, און די חזרות, די שיעורים,

## אינו דומה שמיעה לראי'; אן אַריינבליק אין כתה ט' תשפ"ב

אין א גאר הערליכן חידוש ביים גרויסן סיום ווען די גליקליכע עלטערן האבן פערזענליך מיטגעהאלטן די הערליכע מאמענטן מיט זייערע אייגענע אויגן, איז אין אַ בחינה פון "אינו דומה שמיעה לראי'" ערשינען א פראכטפולער ווערק, א הערליכע און קאלירפולער בראשור 'אריינבליק אין כתה ט' תשפ"ב', ווי אין אן אויגנבליק גייט אריבער דאס יאר הע על"ט מיט אירע הונדערטער רייכע און אומפארגעסליכע מאמענטן פאר די חשוב'ע תלמידים.

אין דעם בראָשור ווערט הערליך פּרעזענטירט די כוחות עצומות פון די לימודים, חזרות, דרשות, מעמדים, יומי דפגרא, פראגראמען, ידיעות, און נאך פיל מער, אויף א הערליכן און שיינעם מסודר'דיגען אופן, לויט די חדשים פון יאר, וואך נאך וואך, חודש נאך חודש, צו באקומען א שטיקל באגריף און ידיעה, וואס די תלמידים שיחיו האבן אלס קונה געווען משך פונעם יאר, און צו וואס זיי האבן אלס בסייעתא דשמיא דערגרייכט ביז אהער.

# הערליך בילד ביים צענטראלן לאבי פונעם זאל מיט קרוב צו 200 סעטס פון ספרי דברי יואל על התורה

פאר די חשוב'ע עלטערן שיחיו וואס האבן זיך באטייליגט ביים דערהויבענעם סיום האט אָפּגעוואַרט אַ האַרץ דערפרייענדע סצענע באַלד ביים אריינקומען אינעם בנין, ווען ביים הויפט אריינגאנג צום זאל אין דער גרויסער לאבי "היכל אלטא פיגא" איז געווען אויסגעלייגט אויף א פראכטפולן אופן מיט קרוב צו 200 ספרי דברי יואל על התורה, אין ווערד פון טויזנטער דאלער, וואס מ'וועט בעז"ה פארטיילן ביים ענדע פון דאָס יאר פאר די חשוב'ע תלמידים פון כתה ט' וואס האבן זיך אזויפיל אנגעשטרענגט און אריינגעלייגט אזויפיל כוחות און מיה משך פונעם גאנצען יאר בתורה ועבודה ויראה טהורה.

די חשוב'ע עלטערן זענען איבערראשט געווארן פון די וויפעלטע רינגעלע אין די גאלדענע קייט פון כבוד וחשקת התורה וואס ווערט אזוי שטארק אריינגעלייגט אין די תלמידים, ובפרט מיט'ן פארטיילן די גאר טייערע און קאסטבארע ספרים, ספרי דבי רב פון רבינו הקדוש זי"ע מיט א דאפעלטע משמעות, סיי אלס אות הוקרה פאר זייער יגיעה בלימוד התורה, און סיי זיי מרגיל צו זיין עוסק צו זיין אין די הייליגע ספרים און ווערטער פון הייליגען רבי'ן זי"ע.




דאָס איז אייגנטליך אויסער דער ריזן אויספארקויף וואס עס ערווארט די תלמידי כתה ט' ביים סוף פונעם יאָר, ווען זיי וועלן מיט זייער הונדערטער שעות פון לימוד התורה און חומש - רש"י קענען קויפן גאר טייערע און ווערדפולע ספרי קודש בכל מקצועות התורה.

עס איז געווען איינדרוקספול ווען אויפן פלאץ זענען צוגעגאנגען עטליכע פון די איבערגענומענע עלטערן צום מנהל שליט"א און זיך אינטערגענומען מנדב צו זיין און קויפן זכותים אינערהאַלב די ריזיגע הוצאות פון דאלארן פאר די תועלת און תכלית פון די תלמידים היקרים. תורתו מגן לנו הוא מאירת עינינו!

און פאראהערן, פונעם גאנצן יאָר, דערנאך 'יראה', די דרשות מידי שבוע בשבוע עש"ק פונעם מנהל שליט"א, די דרשות מזמן לזמן, די דרשות און הכנה פאר א יו"ט וכו', 'סאטמאר' אריינצולייגן אין די תלמידים די תורות און דרשות און די שיטה הקדושה, משנתו הטהורה פון אונזער הייליגן רבי'ן זי"ע משך פונעם גאנצען יאר. און די בחינה פון 'מתוך שלא לשמה בא לשמה', די אומגעהויערע כוחות, וואס דער מנהל לייגט אריין איבער'ן גאנצען יאר אריינצוברענגען אין די תלמידים א מוט, און א חשק, אנצוגיין מיט א שחה בתורה ויראת שמים, און אלעס מיט אזויפיל קאפ און מחשבה, תורה'דיג, אינהאלטסרייך, און קונה צו זיין ידיעות, און קנינים וואס זאלן באגלייטן אויף אגאנץ לעבן.

## אשרי מי שבא לכאן ותלמידו בידו; הרה"ג רבי שלום שרגא פייש פאפלאנאש שליט"א

אצינד איז געקומען די קלימאקס פונעם גרויסן מעמד, ווען עס האט אויפגעטרעטן דער באַרימטער פה מפיק מרגליות וידען נפלא הרה"ג רבי שלום שרגא פייש פאפלאנאש שליט"א, וואס מיט זיין געוואלדיגע כח האט ער אהערגעשטעלט א היסטארישער מאמענט ווען ער האט אנגעפאנגען אויסצופרעגן די תלמידים בפניהם פון זייער חשוב'ע עלטערן שיחיו', אנגעהויבן מיט אינטערעסאנטע און טיפע היכי תמצא'ס וואס די תשובות דערפון זענען גאר פארוויקלט שווער און אינטערעסאנט צו טרעפן, אין איינע פון די פילע פרקים און מסכתות וואס די תלמידים האבן געלערנט און מסיים געווען.

ווער עס האט געזען די בילד וועט דאס קיינמאל פארגעסן, די עלטערן ביי די זייטן, און ווער עס איז נאָר אַנוועזנד געווען איז געשטאנען אין די זייט מיט אן איינגעהאלטענע אטעם, און זיך געוואונדערט צו דאס וואס ער זעהט איז עכט, אדער א חלום... יונגע בחורים'ליך פון **13-14** יאר זיצן און איינער נאכן צווייטן ווערן זיי פארגעלייגט לומד'ישע קשיות און היכי תמצא'ס, וואס שטייט נישט אין קיין שום פלאץ, נאר מ'דארף דאס אליינס צוטרעפן צו וועלכע גמרא אדער פארשטיפטע רש"י מ'קען דאס ארויסלערנען צו דעם מציאות, און די תשובות גיסן זיך איינס נאכן צווייטן, ווי זיי וואלטן ווען געוואוסט פון פריער וואס פאר א שאלה עס קומט!

דער מחזה הוד האט זיך געצויגן פאר אריבער א שעה, ווען משך פון די גאנצע צייט הערט הר"ר שלום שרגא נישט אויף פארצושטעלן פארשידענע בייפאַלן, טיפע און לומדי'שע קשיות, און כמעיין המתגבר, וכנהר שאינו פוסק, הערן זיך אויפן פלאץ תירוצים פון אלע זייטן, וואס לאזט אַלעמען געפלעפט.

ביי דער ענדע האט דער גאַסט, הר"ר שלום שרגא שליט"א, נישט געקענט איינהאַלטן זיין באַגייסטערונג, און ארויסגעברענגט מיט אן אומבאהאלטענע התפעלות די ברייטע און טיפע קענטעניסן פון די תלמידים שיחיו, וואס די תירוצים מיט וואס זיי האבן אלעס דא פארענטפערט, ווייזט אז דאס וואס זיי האבן געלערנט איז נישט געווען בלויז שקלא וטריא, נאר טאַקע פעסט געלערנט און געקענט מיט אמת'ע און טיפע גרינטליכקייט און טיפע הבנה מיט וואס די תלמידים זענען צוגעגאנגען צו יעדע גמרא, יעדע רש"י און יעדן תוס'. אשרי מי שבא לכאן ותלמידו בידו במלוא מובן המלה!

## עליונים ששו ותחתונים עלזו

צום שלוס האָט איינער פון די חשוב'ע תלמידים נ"י אויפגעטרעטן מיט פאכמאנישע און שיינע גראמען וואס איז ספעציעל פארפאסט געווארן דורך אַ תלמיד לכבוד דעם מעמד הסיום, און דערנאך האט דער מנהל שליט"א פארקויפט די ברכת המזון, וואָס איז ליציטירט געוואָרן פאר צענדליגער שעות תורה וואס מ'האט זיך אינטערגענומען צו לערנען במשך די קומענדיגע וואָך.

דאן האט זיך אנגעהויבן די פייערליכע ריקודין עילאין בתופים ובמחולות ווען פאר א לענגערע צייט האבן די תלמידים אינאיינעם מיט זייערע חשוב'ע מרביצי תורה שליט"א זיך געפרייט און געטאנצן מיט אומגעהויערע רגשי שמחה וואס האט זיך געגאסן פון אלע פנימ'ער, בשמחת התורה.

וינועו אמות הסיפים מיט א קול שירה גילת ורנן וואס האט אריינגעשלעפט אלע בחורי חמד אין א באגייסטערנדע עקסטאז און שטארקע התרגשות. די פרייליכע טענץ פון הונדערטער חסידי'שע בחורים מיט זייערע מרביצי תורה שליט"א וואס הייבן זיך מיט א שמחה שאין לתאר אין א העכערע אטמאספערע, איז באמת געווען א הערליכע סצענע, אשרי עין ראתה קהל קדושים רוגשים, מפזזים ומכרכרים בכל עוז.

גייסטיש דערהויבן און דערקוויקט האט זיך געזעגנט פון דעם שיינעם מעמד, מיט באגאזשן פון התחזקות און א פלאמעדיגע שטרעבונג ווייטער אויסצונוצן ימי בחרותם מוסיף צו זיין חיילים לתורה ויראה, באגלייט מיט א געפיל פון אויסטערלישע הכרת הטוב וואס אלע שפירן צו די הנהלת הישיבה וועלכע שפארט נישט קיין געלט און קיין מיה צו העלפן די בחורים שטייגן בסולם העולה בית קל און באגלייטן די חבורה מיט אזויפיל געטריישאפט און הארץ, ישלם ה' פעלם.

**אשרי מי שבא לכאן ותלמידו בידו; להגדיל תורה ולהאדירה!**

# אשרי עין ראתה אלה; רירענדע מאמענטן פון סיומים אויף "צענדליגער" גרעסערע און קלענערע מסכתות הש"ס ביים 'הדרן'

עס איז געווען אן אומזעטיג בילד מיטצוהאלטן בשעת עס איז געמאַכט געווארן דער גרויסער סיום, ווען די הונדערטער תלמידים שיחיו זאגן אינאיינעם מיט די לעצטע ווערטער פון מס' ברכות און זענען אינאיינעם מסיים די מסכת און זאגן דעם הדרן, זעהט מען צווישן די שורות ווי צענדליגער בחורים'לעך נעמען ארויס זייערע קליינע גמרות, און זענען מסיים "נאך א מסכת", אָדער מער מסכתות, וואס זיי האבן מיט א שווערע הארעוואניע און יגיעה מסיים געווען, צולייגענדיג פון זייער אייגענע פרייע זמנים קונה צו זיין פיל מער און אינאיינעם מיט'ן מסכת ברכות מסיים צו זיין נאך מסכתות.

ומה נהדר היה המראה זעענדיג פילע תלמידים מיט עטליכע גמרות אין די הענט ווי זיי זענען מסיים איין מסכת און נאך א מסכת, וואָס ווערטער קענען נישט שילדערן די געפילן פון אט די תלמידים און זייערע עלטערן, ווען מען האָט דערגרייכט אַזאַ מאָמענט צו פייערן זייער דאפעלטע און טריפלטע שמחת התורה אינאיינעם, מיט דעם ריכטיגן 'יגעת ומצאת תאמין - ונוצר תאנה יאכל פריה"!




ב"ה
אלע אייערע סוכה געברויכן
און פיל מער!
אכטונג:
באשטעלט אייער סוכה בעפאר א' סליחות און געווינט אייער גאנצע סוכה ארדער אומזיסט*.
ערפינדער פון די בעסטע קוואליטעט
אלע סארטן פענעלס
עקסקלוסיוו סכך אויסוואל
הארדוועיר און טולס
לעקטערן\היטערס
זייטיגע סוכה געצייג
איר דארפט נישט זוכן.
ביי אונז וועט איר טרעפן.
מיר פארמאגן א גרויסן אויסוואל פון אלע סארטן בעמבאו
אריינגערעכנט די אויסגעצייכנטע פלאכע בעמבאו.
אנגעפאנגען פון דינסטאג פ' כי תבא
— אפן טעגליך —
פון 10:30 ביז 10:00 ביינאכט | ערב שבת ויו"ט ביז 1:00
5 FILLMORE CT. 845.782.2547
סוכה צענטער
*Minimum purchase $600, maximum win $1500

# לִבִּי וּבְשָׂרִי יְרַנְּנוּ אֶל

מעומק לבבינו כסא דברכתא נרימה, מול מעלת כבוד ידידינו הנכבד, גריס באורייתא תדירא ומגדולי תומכי', מרבה פעלים לתורה ולתעודה, בתורת ה' חפצו וטופח על מנת להטפיח להגדיל תורה ולהאדירה

ידידינו היקר והנערץ, מסור בלב ובנפש למען הצלחת כוללינו, רחים ומוקיר רבנן ואיהו גופי' צורבא מרבנן

## הרה"ג ר'

# יואל גאטליב

## הי"ן

בן הרה"צ רבי **חיים יוסף** שליט"א

## חבר הנהלת כוללינו

לרגל תת ה' שמחו במעונו

שמחת הולדת בנו למזל טוב

## יוס"ף ה' עליכם ועל בניכם

**רגשי תודתינו נביע, בשם מאות יושבי אהל, בעד פעולותיו הנמרצים למען הגדלת והכפלת התמיכה המרכזי, ולהוסיף מקודש לקודש תמיכות מיוחדות בעד החזרות והבחינות, להרחיב דעתן של ת"ח המגבירים חיילים בתורה**

יעלה ויגיע ברכותינו חמה ולבבית, רב נחת דקדושה ירוו בכל עת, הצלחה בתורה ובפרי מעשיו לטובה, ברכת ה' היא תעשיר ובכל אשר יפנה יצליח, וזכות התורה יליץ בעדו ובעד משפחתו בכל מיני השפעות לנצח נצחים

# כברכת: הנהלת הכולל



# הֲבֵן יַקִּיר לִי

רייכער אינטערוויו מיט'ן וועלט בארימטן בדחן

## מוה"ר אליעזר יקיר ברוין הי"ו

### איבער זיין היסטאריע אין גראמען ביי טויזנטער אידישע שמחות

און איבער זיין נייעם הערליכן אלבום

## "מיט'ן איבערשטן"

וואס ערשיינט לאור עולם אין די יעצטיגע טעג




"דריי איז חזקה לויט אלע מאן דאמרים" - פירט זיך די וועלט צו זאגן כסדר. אצינד גרייט מען זיך מיט שפאנונג צום ערשיינונג פון דעם דריטן אלבום וואס ווערט ארויסגעגעבן דורך דעם וועלט בארימטן בדחן ר' יקיר ברוין הי"ו. דער אלבום איז די דריטע אין די סעריע פון די "חזקו ואמצו" אלבומס וואס ר' יקיר האט שוין ארויסגעגעבן. די ערשטע צוויי אלבומס וואס ר' יקיר האט ארויסגעגעבן במשך די לעצטערע יארן, האבן געשאקלט וועלטן, ווען פון איין זייט איז עס געווען מלא תוכן און חיזוק מיט ניגונים אויפ'ן היימישן שטייגער, פון די צווייטע זייט איז עס העכסט פראפעסיאנאל אהערגעשטעלט, מיט די בעסטע מוזיק און שענסטע כאר'ס.

"מיט'ן אויבערשטן" - בלויז די דאזיגע צוויי ווערטער וואס מיט אט דעם נאמען ווערט דער אלבום גערופן זאגט שוין בעצם פאר זיך אלעס. אז עס רעדט זיך דא פון אן אלבום וואס וועט אריינברענגען א גאר שטארקע חיזוק, אמונה, שמחה, חיות דקדושה אין יעדן אידישע שטוב. יעדער מגדול ועד קטן וועט זיך דערפון מחי' זיין און ווערן נענטער צום אויבערשטן.

דער נאמען ר' יקיר ברוין, איז נישט פרעמד פאר קיינעם, און בעיקר פאר אונז קרית יואל'ער אייוואוינער, אזוי אויך פיגורירט שוין דער נאמען ביי די גרעסטע צוזאמענקונפטן און אויפטריטן במשך די פארגאנגענע צענדליגער יארן. ר' יקיר איז א זעלטנהייט פון א צוזאמענשטעל, ער איז א איד וואס איז שטענדיג מלא חיות, מיט א שמייכל, האט אייביג א גוט ווארט. אויף ר' יקיר לאזט זיך זאגן דעם באקאנטן ווערטל "נישט אייביג ווען דו זעסט מענטשן שמייכלען מיינט עס אז ר' יקיר איז דארט, אבער דארט וואו ר' יקיר איז וועט מען אייביג זען מענטשן שמייכלען...".

אריינברענגען שמחה ביי אידישע קינדער איז נישט קיין קלייניגקייט, עס ווערט געזאגט גאר גרויסע זאכן אויף כל המשמח חתן וכלה. ר' יקיר איז נישט בלויז משמח חתן וכלה, נאר ער איז שטענדיג משמח אלע ארומיגע.

פון די צווייטע זייט פארמאגט ר' יקיר א געוואלדיגע ערנסטקייט אין זיך וואס ער נוצט כסדר ביי חתונות און שמחות מעורר צו זיין אידישע קינדער צו מתפלל זיין צום בוכ"ע אויף אלעם וואס מ'דארף.

ר' יקיר דינט אויך אלס בעל תפלה אין די ימים נוראים, ראש השנה אין יום הקדוש שוין צענדליגער יארן. מיט זיין זיסע שטימע און נאטירליכע קרעכצן, באגלייט מיט דמעות שליש איז ער שטארק מעורר די לב השומעים.

א איד האט זיך אמאל אויסגעדריקט איבער די סי-דיס פון ר' יקיר "מען דארף נישט זיין קיין צובראכענער מענטש צו הערן זיינע סי-דיס". "היינט צוטאגס גייט מיין לעבן אסאך לייכטער אין יעדע זאך אדאנק ר' יקיר'ס סי-די, ווען איך זיץ אין טרעפיק באדערט מיך עס נישט, עס טראגט מיך אריין אין אנדערע ספערן, עס העלפט מיר איך האלט מיך שטארק אין שמירת עינים אויך, עס מאכט מיך אנדערש טראכטן".

אצינד ווען מיר האבן געהערט אז ר' יקיר גרייט זיך ארויסצוגעבן זיין דריטן אלבום, האבן מיר געזען אלס א פאסיגע געלעגנהייט צו כאפן א שמועס מיט ר' יקיר, אז ער זאל בדרך אגב שוין מיטטיילן פאר די טויזנטער לייענערס איבער זיין ביאגראפיע אין גראמען במשך די פארגאנגענע צענדליגער יארן.

ר' יקיר האט אונז באוויליגט צו געבן א גאר דעטאלירטן באריכט איבער דעם נייעם אלבום מיט אן אריינבליק אויף יעדע ניגון באזונדער.

**א גוטן ר' יקיר. שטייענדיג אין די צייט וואס איר גרייט זיך ארויסצוקומען מיט אייער דריטן אלבום, וואלטן מיר געוואלט הערן פון אייך אביסל איבער אייער גראמען קאריערע בכלל, און איבער דעם נייעם אלבום בפרט. וויפיל יאר צוריק האט איר אנגעהויבן צו גראמען אויף חתונות?**

אויף חתונות גראם איך שוין איבער פערציג יאר צו-גוטן. אבער בעצם אנהייבן מאכן גראמען האב איך שוין פון אלס קינד. איך האב שטענדיג געהאט א חוש דעריין. אין חדר פלעג איך אייביג מאכן גראמען, ספעציעל לכבוד די יומא דפגרא'ס, א שטייגער ווי לכבוד פורים, צי זאל עס זיין ביי די פורים שפילן, אדער ביים מלמד אינדערהיים פורים וכדו'. אזוי אויך פלעג איך גראמען אסאך יארן כ"א כסלו, אין דעם גרויסן יום הצלה פון רבינו הק' זי"ע. ווי אויך פלעג איך אלס גרעסערער בחור גראמען ביי קבלת פנים'ס.

איין יאר אין די ישיבה יארן גערענק איך, ווען הרה"ח ר' אהרן גבריאל הויער הי"ו איז געווען פורים רב, זענען מיר אינאיינעם ארומגעגאנגען צו מענטשן אינדערהיים בעצם יום הפורים, מיר האבן ביידע משמח געווען, מ'האט געלאכט און געוויינט. שפעטער ווען איך בין אריין אין ישיבה גדולה, עס פלעגט דעמאלט זיין א מנהג צווישן די בחורים, בעיקר אין קעמפ, אז איידער א חתן איז ארויסגעגאנגען פון ישיבה פלעגט מען מאכן א סעודה, מ'האט עס גערופן א "חתן מָאל", די חברים פון דעם חתן פלעגן זיך צוזאמקומען, מ'פלעגט פארברענגען אינאיינעם בשבת אחים.

מען פלעגט זיך אויפשטעלן רעדן, עס איז געווען בדרך כלל איינגעטיילט אין צוויי חלקים, דער ערשטער חלק איז געווען מילתא דבדיחותא, ביי וואס מ'פלעגט זיך גוטמוטיג אונטערהאלטן מיט

די באטייליגטע בחורים. דערנאך פלעגט זיין דער צווייטער טייל, וואו מען פלעגט אויסלעשן די עלעקטערס און מ'פלעגט גראמען מער התעוררות'דיג.

מען האט מיך אנגעהויבן צו רופן דא און דארט, ביז איך האב אזוי צוביסלעך באקומען דעם נאמען אין ישיבה אלס א גראמער/משמח. איך האב דאך געהאט אין מירביידע חלקים, די ערנסטע זייט מיט די פרייליכע זייט, דעריבער האט מען מיך כסדר גערופן. נאכ'ן ענדיגן גראמען די דברי התעוררות ווען מען פלעגט צוריק אנצינדן די לעקטער, פלעגט מען זען בחורים ווישן זיך די טרערן. איך פלעג דעמאלט בעיקר מעורר זיין אז מען זאל מתפלל זיין פאר רבינו הק' וואס איז שוין דעמאלט נישט געזונט געווען, און דער עולם פלעגט שטארק נתעורר ווערן דערפון. עד היום הזה טרעפן מיך אלטע ידידים און זיי זאגן מיר, דו ווייסט, דיינע גראמען אין ישיבה ליגט מיר נאך אין די ביינער.

אגב וועל איך דיר דערציילן א טשעקאווע אנעקדאט, איך געדענק נאך, אז ווען איך בין אריינגעקומען אין ישיבה אין יאר תשל"ד, - מען האט אונז דאן גערופן די "תשל"ד [געלייענט: טאשלאד] בחורים" - קומט צו מיר צו א בחור, אן ערך פון איינס און אהאלב ביז צוויי יאר עלטער, און דערלאנגט מיר א לאלי פאפ... ווי איינער זאגט דו ביסט נאך א בעבי, דו ביסט הערשט יעצט אריינגעקומען אין ישיבה, איך בין עלטער פון דיר. שפעטער פאר יענער האט חתונה געהאט האט ער מיך גערופן צו קומען גראמען ביי זיין חתן מאל, האב איך אים געפרעגט צי ער גייט מיר געבן א לאלי פאפ...

נאך אן אינטערעסאנטע זאך דערמאן איך זיך יעצט, אז אמאל כ"א כסלו, האט מען געמאכט א גרויסע סעודה אין ישיבה אין סענדז סט, מען האט צוזאמגענומען אלע תלמידים פון ישיבה קטנה. איך בין דאן געווען א יונג בחור'ל. איך האב געגראמט איבער די גרויסקייט פונעם טאג, אי לאו האי יומא, וויאזוי וואלט מיר אונז אויסגעזען היינט צוטאגס, עס זענען דארט געווען הונדערטער בחורים און פילע יונגלעך ביי דעם מעמד, בשעת ווען איך האב געגראמט איז געווען שא-שטיל, יעדער האט ב"ה אויסגעהערט מיט אינטערעס.

עס איז געווען דארט א חשוב'ער מגי"ש, ער האט נאך מיינע גראמען געהאלטן א שיינע דרשה איבער דעם גרויסן טאג, דער עולם איז נישט געווען אזוי שטיל, קינדער האבן ארומגערעדט, געדענק איך נאך ווי דער חשוב'ער מגי"ש האט מיט א געוויסע ווייטאג געגעבן א שריי "וואס בין איך שולדיג אז איך קען נישט גראמען?...".

## זייער אינטערעסאנט וואס איר דערציילט דא. ווען האט איר געגראמט ביי די ערשטע חתונה? האט איר אנגעהויבן גראמען תיכף נאך אייער חתונה?

ע: איז אזוי, בעצם האב איך בכלל נישט געפלאנט צו זיין א גראמער ביי חתונות, כ'האב נישט געהאלטן אז איך בין געמאכט דערפאר. עס איז געווען פיר וואכן נאך מיין חתונה, האט מיין שוועסטער חתונה געהאט, דער אפיציעלער גראמער איז געווען ר' אברהם וואלף שטויבער הי"ו פון מאנסי, איך האב כמדומה בלויז אויסגערופן מיין טאטן ז"ל, און איך מיין אז אויך חתן כלה. נאך די חתונה האט דער זאל ממש געשטורעמט פון מיין גראמען, מען איז דעמאלט געווען צוגעוואוינט אז עס איז דא עטליכע באקאנטע גראמערס, אבער איך א יונגערמאנטשיק זאל קענען? דאס איז געווען אן איבערראשונג.

## נו וויאזוי איז עס געגאנגען ווייטער?

ע: אין א געוויסן טאג רופט מיך אן א איד אז זיין ברודער האט בקרוב חתונה, און ער פרעגט צי איך קען קומען גראמען; האב איך אים געזאגט עס איז נישט פאר מיר, איך טו נישט דערין, ער האט מיך שטארק געשטופט און איך האב עס אנגענומען. דער חתן איז געווען ר' שלום הי"ו ב"ר לעמיל לאנדא ז"ל, זיי האבן מיר געגעבן דריי הונדערט דאלער פאר'ן גראמען. דו ווילסט נישט הערן דעם טעיפ פון יענע חתונה, איך מיין, איך וויל עס זיכער נישט הערן... אבער ווי נישט ווי איז עס דורך, היות ס'איז דאן געווען א מאנגל אין בדחנים, בין איך צוביסלעך געווארן אריינגעשטופט אין די ליין, און 'די רעסט איז היסטארי' ווי מ'זאגט...

## ווער זענען דעמאלט געווען די גרויסע פאפולערע חתונה בדחנים?

ע: עס איז דאן געווען ר' חיים מענדל מערמעלשטיין, ר' שלמה יאנקל געלבמאן, ר' ישראל דוד ווייס פלעגט ארומגיין משמח זיין ביי ארימע חתונות לשם מצוה, להבחל"ח, ר' שלום קעסלער, ר' אברהם וואלף שטויבער, און שיעור פארגעסן... ר' יאנקל מילער מיארמע.

## וויפיל חתונות א וואך נעמט איר אן צו גראמען?

ע: איך פרוביר נישט אנצונעמען מער ווי 3. אגב האב איך געוויסע לימיטעישאנס.

## דהיינו?

ע: ווי איך זאג אייביג "(1) איך נעם נישט אן מער ווי איין חתונה א נאכט, 2) נאר וואו מען רופט מיך...".

## ס'איז טאקע זייער אן אויסגעהאלטענער חשבון. האט איר א בערכ'דיגן חשבון אויף וויפיל חתונות איר האט שוין געגראמט?

ע: איך צייל נישט, ממילא ווייס איך נישט. בערך ארום דרייסיג יאר צוריק ווען איך האב געהאלטן ביי בערך טויזנט חתונות, האב איך אויפגעהערט צו האלטן חשבון. ווי די וועלט זאגט אז מ'ציילט נישט קומט אריין די ברכה.

## ביי וועלכע רבנים צי רבי'שע הויפן האט איר זוכה געווען צו גראמען?

ע: דער אמת איז, בדרך כלל נעם איך כמעט נישט אן צו גראמען ביי רבי'שע שמחות, ס'איז ווי מ'זאגט אסאך האום-ווארק, והשנית, האסט צו טון מיט אזויפיל דעה זאגערס... ווי איך בין געוואוינט צו זאגן אז איך האב נישט אזוי מורא פון די חסידים, כ'האב מער מורא פון די אנשי מעשה...

מ'קומט צו א רבי'שע שמחה מ'זאגט אמאל א ווארט, דער חסיד פילט אז ס'איז אפשר א שטיקל פגיעה אין זיין רבי'ן, ס'קען ווערן הבערה ללהב יצאת... דעריבער האב איך עס קיינמאל נישט געזוכט.

עס איז מיר אבער אויסגעקומען צו גראמען ביי עטליכע חתונות פון אייניקלעך פונעם רבי'ן דער ברך משה זי"ע. איך פלעג אויפטרעטן ביים טיש שושן פורים אסאך יארן, איך האב אויפגעטרעטן פאראיאר שושן פורים שנת תשפ"א ביים שושן פורים טיש פונעם רבי'ן שליט"א וואס איז פארגעקומען אין קרית יואל. איך האב עטליכע מאל געגראמט ביי די חתונות פונעם ספינקער רבי'ן, האדמו"ר מתולדות צבי שליט"א, נאך יארן צוריק ביי די חתונות פון זיינע קינדער ווען דער ספינקער רבי הרה"ק רבי הערשעלע זי"ע האט נאך געלעבט.

אזוי אויך ביי עטליכע פורים טישן ביי רבי הערשעלע, אגב די לעצטע יארן כידוע, איז געווען זייער שווער ארויפצוברענגען א שמייכל אויפ'ן צדיק, ב"ה מיר האבן דאס עטליכע מאל באוויזן, אזוי אויך ביי הרה"ק מסקולען זי"ע, ביי פארשידענע שמחות און נאך מעמדים.


וקודשת להם את הדרך ילכו בה ואת המעשה אשר יעשון

בית הוראה

קהל יטב לב סאטמאר קרית יואל

דקהל יטב לב סאטמאר, קרית יואל

נתייסדה ע"י מרן רבינו הקדוש זי"ע • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

# זמני בית הוראה

לשכת בית הוראה:

6 גארפיעלד רד. #013

משעה 7:00 עד 8:50 בבוקר
בחדר הוראה בביהמ"ד הגדול
הרה"ג רבי יעקב יודא ברוין שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מאיר

משעה 9:00 עד 10:00 בבוקר
בחדר הוראה בביהמ"ד הגדול
הרה"ג רבי מנחם מענדל ווייס שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד טיב לבב

משעה 10:00 עד 12:00 לפנצ"ה
הרה"ג רבי בערל ראזענבערגער שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד ישמח משה

משעה 12:00 עד 12:30 אחצ"ה
הרה"ג רבי יצחק בריזל שליט"א
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'

משעה 12:30 עד 2:00 אחצ"ה
הרה"ג רבי שלמה יונגער שליט"א
דומ"ץ טאהש

משעה 2:00 עד 3:30 אחצ"ה
הרה"ג רבי מנחם מענדל ווייס שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד טיב לבב

משעה 3:30 עד 5:15 אחצ"ה
הרה"ג רבי מנחם נתנאל יונגרייז שליט"א
דומ"ץ בקהלתינו שכונת בלומינגראוו

משעה 5:15 עד 6:15 אחצ"ה
הרה"ג רבי יואל ברוין שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית יעקב נחמי'

משעה 6:15 עד 7:00 אחצ"ה
הרה"ג רבי בערל ראזענבערגער שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד ישמח משה

משעה 7:00 עד 8:30 בערב
הרה"ג רבי שמואל יעקב מייזעלס שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מרדכי לייב

משעה 8:30 עד 9:00 בערב
הרה"ג רבי יצחק בריזל שליט"א
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'

משעה 9:00 עד 10:10 בערב
הרה"ג רבי שבתי קאהן שליט"א
מורה צדק בקהלתינו הק'

משעה 10:10 עד 10:45 בערב
בחדר הוראה בביהמ"ד הגדול
הרה"ג רבי יעקב יודא ברוין שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מאיר

ערב שבת קודש: עד שעה 2:00 הכל כרגיל בכל יום

משעה 3:00 עד שעה 6:00
בחדר הוראה בביהמ"ד הגדול
הרה"ג רבי מנחם מענדל ווייס שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד טיב לבב

24 שעה הוראה ליין:

845.783.5688 #3

לכל עניני בית הוראה יכולין לפנות
להרה"ג ר' משה יואל מאשקאוויטש שליט"א
יו"ר הנהלת בית הוראה
845.248.8879

עס איז מיר מיט די יארן אויסגעקומען אויפצורופן גדולי ישראל צום מצוה טאנץ, א שטייגער ווי רבי חיים מערץ זי"ע, אזוי אויך דער מעלבוירנער רב פון אויסטראליע. עטליכע יאר צוריק האב איך געהאט די זכי צו אויסגראמען דעם גאב"ד ירושלים זצ"ל וואס איז נארוואס נפטר געווארן, אויך איז מיר אמאל אויסגעקומען צו גראמען ביי א חתונה וואו דער הייגטיגער פשעווארסקער רבי, כ"ק רבי לייבוש לייזער שליט"א איז געווען א פעטער. בדרך אגב, איך האב אמאל זוכה געווען אז דער פשעווארסקער רבי איז געקומען צו מיר אינדערהיים יארן צוריק נאך געלט פאר זיינע הייליגע צדקות. אזוי אויך האב איך זוכה געווען צו גראמען ביי עטליכע חתונות פון קינדער און אייניקלעך פון האדמו"ר מכוונת הלב זי"ע, אזוי אויך ביי קאשויער רב זי"ע, סיי ביי כ"ק הגה"צ רבי רפאל זי"ע און סיי ביי זיין זון רבי אליעזר חיים זי"ע.

אגב דערמאן איך מיך, דער קאשויער רב רבי רפאל האט מיר אמאל געזאגט ביי א חתונה, אז ס'איז א מצוה אויסצורימען חתן כלה, אונז אבער זענען מיר פשוט'ע מענטשן, און מ'זאל אונז נישט אויסרימען. נאך אן אינטערעסאנטע אויפפאסונג וואס כ'האב אויפגעמערקט ביים קאשויער רב, יעדעס מאל וואס כ'האב געמאכט א וויץ וואס איז געווען ליצנותא דעבודה זרה פלעגט ער שטארק לאכן, אויב עס איז געווען סתם א ווערטל פלעגט ער אריינלייגן א פינגער פון זיינע הייליגע הענט אין מויל, כדי נישט צו לאכן מיט א פול מויל.

אזוי אויך האב איך זוכה געווען אויפצוטרעטן עטליכע מאל ביי האדמו"ר מטשערנאוויץ שליט"א פון וויליאמסבורג.

נאך אן אינטערעסאנטער אנעקדאט: אמאל אויפטרעטנדיג ביי א שמחה בבית הגה"צ ר' אברהם חיים שפיטצער זצ"ל, רב דקהל אור החיים אין בארא פארק, איז אנוועזנד געווען דער באבובער רב רבי שלמה'לע זצ"ל, ער האט שטארק הנאה געהאט. נאכ'ן גראמען האט ער מיך צוגערופן און געזאגט "בדחן, איך האב א מנהג אז איך באצאל געלט פאר א בדחן". האב איך געזאגט צום רב "גראדע איז עס א שיינער מנהג...".

עס איז מיר אויסגעקומען צוויי יאר צוריק צו גראמען ביי א שבע ברכות לכבודו פונעם מונקאטשער רב, און נאכ'ן גראמען קומט צו מיר צו דער מונקאטשער רב מיט פייכטע אויגן, און זאגט מיר, "יישר כח, בדחן, ס'איז געווען דברים היוצאים מן הלב, וויאזוי ווייס איך? ווייל ס'איז געווען נכנסין ללבי!"...

## נאך עפעס אינטערעסאנס וואס איר קענט אונז מיטטיילן?!

ע: עס איז מיר אמאל אויסגעקומען צו גראמען ביי איינעם פון די קינדער פון הגה"צ רבי שמואל טייטלבוים ז"ל ראה"כ מעוררי השחר, עס איז דאן געווען חודש אלול, כ'בין געווען זייער מרוגש, די גראמען איז אויסגעקומען מורא'דיג ווארעם. ביי די חתונה איז אנוועזנד געווען הגה"צ דער סאטמארער ראב"ד זצ"ל און זיין שוואגער הגה"צ דער נייטרער רב רבי יצחק מאשקאוויטש זצ"ל.

נאכ'ן ענדיגן גראמען האבן מיך די שני מאורות הגדולים צוגערופן און געזאגט "האסט א זכי" אז דו האסט אונז מעורר געווען צו תשובה פאר די הייליגע טעג". כ'מוז מודה זיין אז זייער רעאקציע האט מיך מעורר געווען לתשובה.

## עס איז מורא'דיג, מ'זעט פון דעם ווי ווייט דער כח פון א בדחן גייט ווען מען נוצט עס אויס צום גוטן. אין וועלכע לענדער האט איר שוין אלץ געגראמט?

ע: איך בין נישט געווען קיין גרויסער פָארֶער, אבער ס'איז מיר פארט אויסגעקומען עטליכע מאל צו גראמען אין פארשידענע לענדער. איך בין אמאל געווען אין אנטווערפן ווייל כ'האב געוואלט גיין צום פשעווארסקער רבי'ן ר' יאנקעלע זצ"ל. דעמאלט האב איך געגראמט ביי צוויי חתונות אין אנטווערפן, איינס איז געווען א זון פון ר' משה אהרן שטיינבערג, די צווייטע איז געווען ביי ר' חיים יצחק ב"ר ישראל שווארטץ, דער וואס פירט היינט צוטאגס אן מיט די בארימטע שווארטץ אתרוגים.

ביי איינע פון די צוויי חתונות האב איך אויך געגראמט ביים קבלת פנים. דעמאלט איז געווען דער שטאטס רב הרב קרייזווירטה זצ"ל. אין אנטווערפן איז דא א מנהג אז דער שטאטס רב זאגט א דרשה אינמיטן די חתונה ביי די סעודה. ביי זיין דרשה האט הרב קרייזווירטה געזאגט "ר' יקיר האט פריער געזאגט ווארימע ווערטער".

ביי די חתונה איז קע"ה געווען א גרויסע משפחה פון ניו יארק, איך דארף דיר נישט זאגן וויאזוי ס'זעט אויס ווען די גאנצע משפחה פארט אוועק אינאיינעם קיין אויסלאנד, דער עולם איז געווען פרייליך און לעבעדיג. בשעת די דרשה פון הרב קרייזווירטה האט דער עולם גערעדט צווישן זיך, עס איז נישט געווען קיין כבוד, עס האט געבאדערט פאר'ן רב, האט דער רב נאכגעבערענגט די גמרא וואס שטייט אז מענטשן וואס קומען אן אין א פלאץ דארף מען זיך פירן ווי דער מנהג פון יענעם פלאץ, דער ציבור האט נישט געכאפט וואס דער רב וויל זאגן, האט דער רב געזאגט "אין אנטווערפן פירט מען זיך אז ווען דער רב רעדט שווייגט דער עולם...".

אין לאנדאן האב איך אויך אמאל געגראמט ביי א גרויסע חתונה, עס איז געווען ביי א אייניקל פון הרה"ח ר' גדלי' עסטרייכער פון לאנדאן, דער באקאנטער בדחן ר' ישראל שטערן האט מיך דאן גערופן און שטארק געבעטן אז איך זאל קומען, כ'האב קודם נישט געוואלט, אבער למעשה בין איך געגאנגען. עס איז ב"ה געלונגען מיט אן אויסטערלישע הצלחה, עכ"פ ר' גדלי' האט מיר דאן געגעבן גאר א שיינעם סכום פון עטליכע הונדערט פונט אלס שבת געלט, ווי צו באשטעטיגן ווי צופרידן ער איז געווען ב"ה.

אזוי אויך איז מיר אמאל אויסגעקומען צו זיין אין שווייץ, דארט איז אונטערגעקומען א חתונה בהשגחת ד', עס איז אויך געווען א שטארק סוקסעס ב"ה. כ'האב דעמאלט אויך געהאט א זכי' אריינצוגיין צום פשעווארסקער רבי'ן, רבי לייבוש לייזער שליט"א פאר גאר א שיינעם שמועס, דער רבי האט זיך דאן געפונען אין שווייץ אויף אפרו.

אין מאנטרעאל האב איך שוין פארשטייט זיך אסאך מאל געגראמט. איך האב דארט א ברודער, מיינע קינדער פלעגן לערנען דארט אין די ישיבה גדולה תורת משה, און בכלל איז עס בשכינות פון אמעריקע - פאר קאוויד פארשטייט זיך...

## האט איר אן אינטערעסאנטן עפיזאד וואס האט פאסירט ביי א חתונה וואס איר קענט אונז מיטטיילן?!

ע: אויב איך זאל אייך ווען מיטטיילן אלעס וואס כ'האב מיטגעהאלטן ביי חתונות וועט אוודאי זיין יכלו הזמן והם לא יכלו... ווי צב"ש, ווי פריער דערמאנט האב איך געגראמט ביי א חתונה אין לאנדאן. ס'איז געווען נאך א חתונה אין לאנדאן וואו כ'האב געגראמט. דער סערעט וויזניצער רבי איז אויך דארט געווען. אין לאנדאן מוז מען אויסלעשן די לעקטער פונעם זאל ביי א געוויסע צייט, דארט איז נישטא קיין מעשיות, ווען עס קומט די צייט ווערט עס פארלאשן צולב דעם ארטיגן געזעץ. מ'קען רעדן צום "אויסגעלאשענעם" לאמפ...

דער סערעטער רבי איז דאך דארט געווען, ממילא האבן זאכן גענומען לענגער, ס'איז געקומען די צייט און די אנגעשטעלטע האבן אויסגעלאשן דעם לעקטער פונעם זאל. איך האב נאך דעמאלט געהאלטן פאר'ן אויסרופן די מחותנים בכלל. מען האט פרובירט זיך איינצובעטן אז זיי זאלן לאזן נאך א האלבע שעה, אבער ס'האט גארנישט געהאלפן. האב איך געדארפט ענדיגן גראמען אין די טונקל, אן קיין מייק אדער מוזיק. אבער למעשה שפעטער ווען כ'האב ערהאלטן דעם טשעק איז מיר לעכטיג געווארן...

## אין ארץ ישראל האט איר שוין אמאל געגראמט?

ע: ניין. כ'האב שוין באקומען גאר אסאך אפפערס, אריינגערעכנט פון עשירים און חסידות'ן, כ'בין אבער למעשה נאך קיינמאל נישט געווען אין ארץ ישראל.

## אזוי?

ע: די סיבה דערצו איז לכאורה גאנץ פשוט, וויבאלד כ'בין דאך א סאטמארער חסיד, וויבאלד דער רבי זי"ע האט נישט געהאלטן פון סתם פארן קיין ארץ ישראל, ממילא בין איך נישט געפארן. אגב, בקרוב האב איך יא אין פלאן צו פארן, בביאת הגואל...

## וואס קענט איר זאגן איבער דעם נייעם דור פון יונגערע גראמערס? וואס זענען בעיקר די אונטערשידן צווישן אייך און די יונגערע בדחנים.

ע: אהההה... דער עיקר אונטערשיד וואלט איך געזאגט, איז הממם... די עידוש. עס איז היינט דא ב"ה אסאך געלונגענע בדחנים מיט גוטע כשרונות. מיט איין ווארט קען איך זאגן, ס'איז ב"ה דא אסאך טאלאנטן ביי כלל ישראל, יעדער האט זיך זיין ספעציאליטעט. השי"ת זאל העלפן אז יעדער זאל עס אויסנוצן אויפ'ן גוטן אופן אויף שמחות מתוך שמחה.

## געוואלדיג, געוואלדיג. לאמיר צוטרעטן צום ענין איבער דעם נושא פון אייער אלבום. ווען איז ארויסגעקומען אייער ערשטער אלבום, און פארוואס האט איר מחליט געווען דאס צו טון?

ע: מיין ערשטער אלבום איז ארויסגעקומען סוף פון ס' יארן, ס'האט געהייסן 'חזקו ואמצו'. וויאזוי ס'איז ארויסגעקומען? אלעס פירט זיך דאך פון אויבן, כ'האב קיינמאל נישט געטראכט אז איך גיי ארויסגעבן אן אלבום, גראדע האב איך שוין מיט אריבער דרייסיג יאר צוריק געטראכט ארויסצוגעבן א קינדער טעיפ, כ'האב צוזאמגענומען דעם חומר, אבער ס'איז געבליבן שטעקן אינדערמיט.

כ'וועל פרובירן צו גיין מער וויינינגער על הסדר. היות מ'רופט מיך פון צייט צו צייט צו געבן חיזוק שמועסן, כ'בין דאך אויך אליינס דורך שוועריגקייטן אין לעבן... ס'איז דא אן ארגאניזאציע אין קרית יואל מיט'ן נאמען 'חזק', זיי מאכן צוזאמענקונפטן וואו אידן וואס גייען דורך פארשידענע שוועריגקייטן אין לעבן, צי עס זאל (נישט) זיין נישט געזונטע קינדער, פארלוירן א קינד ח"ו, או"ו קומען זיך צוזאם, מ'ברענגט רעדנערס מ'רעדט דברי חיזוק און דערנאך שמועסט מען זיך אויס איינער מיט'ן צווייטן. איך האב דארט גערעדט, די 'פידבעק' איז געווען אויסטערליש שטארק, דער עולם האט ארויסגענומען א שטארקע חיזוק דערפון. אגב רעד איך אויף א ליין "נשמותינו" פון המספיק, און א טעגליכע ליין וואס הייסט "מיין אמונה".

גראדע בין איך אויך געווען ביי דעם ערשטן המספיק שבת ארום פופצן יאר צוריק, דארט האב איך אויך גערעדט עטליכע דרשות.

עס איז אויך דא א בארימטע ארגאניזאציע וואס הייסט 'רעים', עס ווערט אנגעפירט דורך ר' העניך קרויס, א חשוב'ער יונגערמאן, דער ר' העניך האט מיך גערופן איך זאל קומען אנפירן א שבת מיט רעים, איך בין טאקע געגאנגען, איך האב גערעדט עטליכע שמועסן במשך דעם שבת, פרייטאג צונאכטס און שבת אינדערפרי. מוצאי שבת ברענגט מען מוזיק, מען פארברענגט אינאיינעם, יעדער רעדט פון זיינע מצבים וכו' און דאס ברענגט א שטארקע חיזוק.

עס איז געווען נאך הבדלה, דעמאלט איז געווענליך דא א שטיקל ברעיק, האט מיר דער באשעפער אריינגעשיקט א געדאנק, אז איך גיי דאך באלד נאכאמאל רעדן, וועל איך מיר אראפשרייבן גראמען אויף א ליד, און איך וועל באלד מאכן א סורפרייז מיט'ן זינגען דעם ניגון.

איך האב טאקע גערעדט ביי די מלוה מלכה, אינמיטן רעדן האב איך געזאגט פאר'ן עולם, אז איך גיי יעצט זינגען א ליד. איך האב אנגעהויבן צו זינגען דעם ניגון, און איך זע ווי דער עולם זיצט מיט אפענע מיילער און שלינגט מיט דורשט וואס איך זינג. עס איז ב"ה דורך מיט אן אויסטערלישע הצלחה. עס איז צו מיר צוגעקומען א איד און ער זאגט מיר "יקיר, דער ניגון וואס דו האסט דא געזונגען גייט אריין אין מיין ליסטע פון וועכנטליכע שבת'דיגע זמירות". איך בין אליינס איבערראשט געווען פון די שטארקע ווירקונג וואס דער ניגון האט געהאט ב"ה.

דעמאלט האט ר' העניך קרויס פארגעשלאגן אז ס'וואלט געווען ראטזאם אז מ'זאל נעמען דעם ניגון און עס אריינזינגען אין א סטודיא, און מ'זאל עס טיילן אלס מזכרת פונעם שבת. האב איך אים

געזאגט, נישט קיין פראבלעם, אבער בין נישט דער אויסגערופענער זינגער, כ'וועל העכסטנס מיטגיין אין סטודיא, כ'וועל עס אויסלערנען פאר די מנגנים, זיי זאלן עס אריינזינגען. דעמאלט בין איך געגאנגען צו מוישי קרויס סטודיא באקאנט אלס MK, דער בארימטער זינגער ר' חיים בלומענפעלד האט עס אריינגעזונגען און נאך, דאס איז טאקע געוועזן דער ניגון "בטחו בה' עדי עד" פון דעם ערשטן אלבום.

איינמאל מען האט געהאט א ניגון האבן מענטשן אנגעהויבן זאגן אז מען דארף עס ארויסגעבן געהעריג פראפעסיאנאל. דאן האט זיך אנגעהויבן, אז מ'האט שוין איין ניגון, נו זאל שוין זיין א געהעריגער אלבום, ווי מ'זאגט מיט'ן עסן קומט דער אפעטיט... נו אז מ'האט א געהעריגן אלבום מיט ניגונים דארף מען דאך האבן א געהעריגן נאמען דערצו אויך. מען האט פאר'ן ארויסגעבן דעם אלבום איבערגעמאכט די מוזיק ביי מענדי הערשקאוויטש, אייזיק האניג האט דארט געזונגען אינאיינעם מיט'ן ילד הפלא יושע ארי' מאנדל. יושע ארי' איז געווען א זעלטנהייט פון א ילד הפלא, ער האט גאר שנעל אויפגעכאפט די ניגונים, און ער האט עס אראפגעזונגען מיט הארץ און געפיל. אזוי אויך זענען צוביסלעך אויסגעוועלט געווארן נאך מנגנים אז עס זאל זיין א דבר השלם.

דאן האט מיר דער אויבערשטער אריינגעשיקט א געדאנק עס צו רופן חזקו ואמצו, דערנאך האב איך באקומען א השראה פון הימל מיט די ווערטער און ניגון 'חזקו ואמצו', און אויף דעם ניגון איז דער אלבום שאקע גערופן געווארן, און פון דעמאלט און ווייטער ווערן די סי-דיס גערופן די חזקו ואמצו סעריע. ווען עס איז געווארן גרייט האט מען עס פארטיילט צווישן די באטייליגטע ביים 'רעים' שבת, און דער חיזוק וואס דער עולם האט דערפון ארויסגענומען איז געווען ממש אין לשער, פיל פיל מער ווי ערווארטעט, האב איך געטראכט צו זיך ווער ווייסט, אפשר איז דאס טאקע איז וואס דער הייליגער באאשעפער וויל פון מיר.

## אויף וואס איז דער ערשטער אלבום געווען געבויעט?

ע: אלעס איז געבויעט אויף אמונה, בטחון און חיזוק. אני הקטן זאג א שטיקל פארווארט פאר יעדן ניגון און דערנאך זינגט מען. דעם ניגון. ס'איז דא אידן וואס זיי לעבן ממש דערמיט ב"ה. א מלמד האט מיך אנגערופן און געזאנט אז ער נעמט נישט אריין קיין אלבומס און זיין כתה, בלויז די טעיפס פון ר' לייבל וויינשטאק און די סי-די פון חזקו ואמצו קומט אריין צו מיר און קלאס. און ער האט מיר געגעבן צו הערן ווי זיינע תלמידים זינגען עס אראפ. די אלבומס זענען שטארק אויסגעהאלטן מיט די ריכטיגע השקפה, ערליכע אידן בעלי השקפה האבן עס דורכגעקוקט בעפאר.

## אייער ערשטער אלבום איז אפיציעל פארקויפט געווארן אין די געשעפטן?

ע: לכתחלה נישט, אבער שפעטער האט מען עס יא פארקויפט אין די געשעפטן, עס איז אבער נישט געווארן דיסטריביוטעד אויפ'ן גרויסן מאסשטאב.

## איר זאגט אז איר האט אליינס פארפאסט דעם ניגון חזקו ואמצו. איר האט נאך ניגונים וואס זענען ארויס לאור עולם?

ע: כ'ווייס נישט צי מ'קען עס רופן לאור עולם, אבער אויף מיין צווייטע סי-די יש מנהיג לבירה, האב איך אויך פארפאסט א ניגון מיטן נאמען 'אן קיין דאגות'. אבער בדרך כלל ניין, בין איך נישט אין די ליין פון פארפאסן ניגונים.

(שלוס אין קומענדיגען נומער)

בס"ד

מכפעל שלום אהלך
שע"י עמוד התורה דקהל יטב לב סאטמאר
נתייסדה ע"י מרן רבינו הקוה"ט זי"ע • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
קרית יואל
שלום אהלך
שע"י עמוד התורה דקיט"ל סאטמאר
• קרית יואל •

מודעה חשובה
הננו להודיע בזה שעלה בידינו לסדר
שיעור כללי על
הלכות יולדת
כל הלכות המצויות ביולדת
בשו"ע אורח חיים ויורה דעה
יתקיים בעז"ה
ביום ב' נצבים-סליחות הבעל"ט
ע"י הרב הגאון
רבי שמואל יעקב מייזעלס שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מרדכי לייב דקהלתינו הק'
בביהמ"ד הגדול - בית שמעון
בשעה 9:15 בערב
הנהלת שלום אהלך
השיעור הבא יתקיים בעז"ה בחודש טבת הבעל"ט

בס"ד

לקראת ימי הרחמים והרצון הבאים
לקראתינו לשלום, הננו בזה להודיע
שיכולין לשמוע אוצר גדול ונפלא
שיעורים ודרשות, להתכונן בהכנה דרבה

#1 ראש השנה
1 - שיעורים בהלכה
1 הרה"ג ר' שמעון משה וואלדמאן ז"ל
2 הרה"ג ר' יואל זוסמאן ראזענצווייג שליט"א
3 הרה"ג ר' מנחם נתנאל יונגרייז שליט"א
4 דיני התרת נדרים, הרה"ג ר' משה עמרם הערמאן שליט"א
5 הלכות שופר, הרה"ג ר' יואל זוסמאן ראזענצווייג שליט"א
הרה"ג ר' מרדכי דוד יאראוויטש שליט"א
6 דיני אמירת סליחות
7 דיני ומנהגי ר"ה ח"א
8 דיני ומנהגי ר"ה ח"ב
9 דיני תקיעת שופר
2 - דרשת הכנה והתעוררות
1 הרה"ג ר' בערל גורעלניק שליט"א
2 הרה"ג ר' לייבוש דייטש שליט"א
3 הרה"ג ר' יצחק אייזיק קרישעווסקי שליט"א
4 הרה"ג ר' שלמה יעקב הערמאן שליט"א
5 הרה"ג ר' יהוסף מאשקאוויטש שליט"א
6 הרה"ג ר' יחזקאל ווייס שליט"א
7 הרה"ג ר' מרדכי דוד יאראוויטש שליט"א
3 - מלכיות זכרונות שופרות
1 הרה"ג ר' יואל אלימלך כהנא שליט"א

#2 יום כיפור
1 - שיעורים בהלכה
1 שיעור כללי, הרה"ג ר' שלמה יונגער שליט"א
2 הל' תשובה דורך הרה"ג ר' משה עמרם הערמאן שליט"א
הרה"ג ר' מרדכי דוד יאראוויטש שליט"א
3 דיני עשי"ת ועיו"כ
4 דיני יוה"כ
2 - דרשת הכנה והתעוררות
1 הרה"ג ר' יעקב בריינעס שליט"א
2 הרה"ג ר' דוד הירשלער שליט"א
3 הרה"ג ר' שלמה יעקב הערמאן שליט"א
3 - עבודת יום הכיפורים
1 הרה"ג ר' שניאור זלמן גרינפעלד שליט"א
2 הרה"ג ר' שלמה אליעזר שפיטצער שליט"א

#3 סוכות
1 - שיעורים בהלכה
1 הל' סוכה, הרה"ג ר' שמואל יעקב מייזעלס שליט"א
2 לקיחת ד' מינים, הרה"ג ר' שלמה יונגער שליט"א
הרה"ג ר' מרדכי דוד יאראוויטש שליט"א
3 לקיחת ד' מינים
4 לקיחת אתרוג
5 הל' סוכה ח"א
6 הל' סוכה ח"ב
7 דיני ימי הסוכות
8 דיני ומנהגי ימים אחרונים של חג
2 - דרשת הכנה והתעוררות
1 הרה"ג ר' יעקב בריינעס שליט"א
2 הרה"ג ר' שלמה יעקב הערמאן שליט"א

עמוד התורה
מערכת סאטמאר
קול התורה
שע"י עמוד התורה
דקהל יטב לב קרית יואל
845 799 5050

3 מועדים וזמנים אפטיילונג

פראקטישע אנווייזונגען וויאזוי זיך צו באנוצן מיט'ן סיסטעם
1 צוריק 15 סקונדעס
2 אפשטעלן Pause/Resume צוריקגיין
3 פאראויס 15 סקונדעס
4 צוריק 1 מינוט
5 מאכן העכער די שטימע
6 פאראויס 1 מינוט
7 צוריק 3 מינוט
8 מאכן שטילער די שטימע
9 פאראויס 3 מינוט
* צוריקצוגיין צו א פריערדיגע מעניא
0 מאכן א בוקמארק
# צוריקצוגיין צום בוקמארק

3 - שיעורי חול המועד
1 הרה"ג ר' פנחס יקותיאל יודא כ"ץ שליט"א
2 הרה"ג ר' דוד וועבער שליט"א
3 הרה"ג ר' בערל גורעלניק שליט"א
4 הרה"ג ר' יחזקאל ווייס שליט"א
5 הרה"ג ר' יחזקאל ווייס שליט"א
6 הרה"ג ר' שלום שרגא פאפלאנאש שליט"א
7 כלי שיר בביהמ"ק הרה"ח ר' חיים רפאל פערענץ הי"ו
8 עניני שמיטה הרה"ג ר' יואל גאלד שליט"א
והרה"ג ר' יושע חיים רובין שליט"א
9 הרה"ג ר' יעקב לייטנער שליט"א
10 דיני גירות הרה"ג ר' שמואל קרויס שליט"א
והרה"ג ר' שמעון גערטנער שליט"א

# מצילי אש פלינקע ריספאנד ראטעוועט געביידע נאך העלישע פלאמען וואס האט אייגעהילט איין דירה אוי

פייער אויסגעבראכן פרייטאג נאכמיטאג מיט פילע פייער מאנשאפטן פון די גלילות איבער



פייער צינגען רייסן זיך ארויס פון די דירה אויפן אויבערשטן שטאק



פלאטע מצילי אש טראקס אין די ערשטע מינוטען נאכן רוף



דיקע רויער צושפרייט זיך מיטן ווינט איבער די שטאט

# ף 7 סטראפקאוו, פלינקע וואלונטירן אפגעראטעוועט סטרוקטור מיט פילע דירות פון ארויפגיין אין פלאמען.

## צוקומען די פייער ציינען וואס האט איבערגעלאזט שווערע שאדנס פאר פילע משפחות



דאך ווערט באשפריצט און אויפגעריסן צו קענען גרייכן די פלאמען




איש החסד מו"ה יושע קארנבלי הי"ו פון חברים ביים פארטיילן קאלטע משקאות אויפן סצענע פאר די איבערגעשטרענגטע וואלונטירן



# loop Corner

## COMMERCIAL

### KERESTIER CT.



For Rent

1200 sq feet unfinished basement. great opportunity!

### 6 GARFEILD



For Rent

Commercial space in a prime location!

### PROFFESIONAL PLAZA




For Rent

2900 sq feet. Brand new building infor retail or office!

### PULLMAN



For Rent

Luxurious office suites in in woodbury junction

### RT 17 M



For Rent

7,500 sq. ft. Retail/ office, Create a space according to your own needs!

## Offices In Kj:

**Getzel Berger**
Big 3 room office in an excellent location! — Rent

**141 Acres**
Stunning offices on the second floor.2 rooms. — Rent

**SVM** - Basement space offices or playgroup! — Rent

**Hamburg Way** - Very comfortable offices! — Rent

**Lemberg** - Offices. Excellent price, big rooms! — Rent

**20 Frankfurt**- Nice office in a greatlocation! — Rent

**3 Toltchev Rd.**- Newly renovated office! — Rent

## Commercial Spaces

**16 Meron**- 2 big commecial spaces, great opportunity! — Rent

**21 Van Buren**- Big commercial space, newly renovated! — Rent

**5 Ehal**- Commercial space, excellent price! — Rent

**252 Acres**- Huge coomercial space, it is highly recommed! — Rent

**Mordechai Sher**- Commercial space, worth checking out! — Rent

**6 Garfeild**-An absalutely fantastic commercial space! — Rent

**3 Meron**-Big store space for sale! — Sale

## Outside of KJ

**1021 Rt. 32**- Many offices with stunning grounds!

**232 mountain**-7 offices in a beautiful condition! Right next to kj. Stunning grounds! — Rent

**Apple Hill (Country Hollow)**
Many beautiful upgraded walk-in offices! — Rent

**Corporate dr**-Office available in professional building. Next to Woodbury Commons! — Rent

**Route 17M**
Few nice office suites in a professional building! — Rent

**600 ROUTE 208**
Corner Mountain Rd. Great location! — Rent

## INVESTMENT

### 23 E BROOME STREET



For Sale

port jervis ny 4 family house rent income $3250.

### 145 WARD STREET




For Sale

145 ward street. 3 family house. Asking 165k.

### 204 STONY FORD RD




For Sale

204 stony ford rd Middle-town ny.

## *Real Estate* quote

"The house you looked at today and wanted to think about until tomorrow may be the same house someone looked at yesterday and will buy today."

## *Real Estate* market

"The main driver of the slowdown is rising mortgage rates. The average rate on the 30-year fixed mortgage, which is by far the most popular product today, accounting for more than 90% of all mortgage applications, started this year right around 3%. It is now just above 6%, according to Mortgage News Daily.

## *Real Estate* tips

Buying a house isn't always the best option. If you're only planning on staying in a home for a couple of years, renting may be a better option for you.

LOOP WEEKLY LISTING

## RESIDENTIAL

### LEMBERG




Spacious 6 room apartment on Lemberg! Stunning condition!

### SHCHINAS V'YOEL MOSHE




Beautiful 5 room apartments available for sale in SVM! Only few left!

### BAKERTOWN




7 room apartment in a prime location!

### PRAG




Spacious 9 room apartment on the third floor.

### SHCHINAS V'YOEL MOSHE




-Stunning 8 room apartment with a 2 year lease on the 1st floor!

-2 beautiful 6 room apartments on the first and second floor!Won't last!!

### ROSMINI LANE




Beautiful house on Rosmini Ln/ windchester area for $899k

### 9 KOZNITZ #302




9 Koznitz 2450 sq feet.top floor with attic.

**Acres** — Sale
5 room apartment on 143 acres. Was renovated recently. Rental income of $2,150.

**Lemberg** — Sale
6 room gorgeous apartment on the top floor on Lemberg.

**Shchines Vayoel Moshe** — Sale
Many 5 room apartments avail. - Great for investments!

**Prag** — Sale
5 room apartment for sale on the 1st floor!

**Getzel Berger** — Rent
9 room spacious apartment in prime location with a 2 year lease only. Stunning condition!

**Lizensk** — Rent
4 room apartment in a gorgeous condition! will be available soon!!

**Getzel Berger** — Rent
4 room apartment. Massive price! Only 1350!

**Pine Hills / Bloominggrove** — Rent
Beautiful 3 room apartment!

**Mountain View** — Rent
8 room private house with gorgeous grounds!

**Shchinas Vayoel Moshe** — Rent
2 Beautiful six room apartments available in SVM!! on the 1st or 2ns floor! Won' Last!

**Shchinas Vayoel Moshe** — Rent
5 room apartments on Austra & Beer Sheva! Only a few left!!

**Meron** — Rent
5 room apartment will be newly renovated!!

**Siget** — Rent
Newly renovated spacious 4 room aprtment. Great price reduction!

**Shchinas Vayoel Moshe** — Rent
Many 4 room apartments, ideal for offices, playgroups etc.!!

**Furnished apartments around KJ!** — Rent
Many sizes for great prices!

**Getzel Berger** — Rent
Two 3 room apartments available on 6 Getzel Berger.

loop REALTY

Lic: #10311209368

Residential | Commercial | Sales | Rentals

נפתלי הירצקא לאנדא
הערש אלימלך ניעדערמאן

**Upstate:** 845-388-1155
**Brooklyn:** 718-925-2262

# א בליק אויף די נייעס

## אין קרית יואל רבתי

## הערליכע מאָמענטן פון שמחת התורה ביי חגיגת סיום הש"ס משולב מיט שבע ברכות דורך הרבני החסיד מו"ה עוזר יושע אינדאָרסקי הי"ו




זעלטן גייסטרייכע און עמאָציאָנאַלע מאָמענטן האָבן פילע ידידים וקרובים מיטגעלעבט דעם מוצש"ק העעל"ט, ווען ס'איז געפּראַוועט געוואָרן אין קרית יואל אַן אמת'ע שמחת התורה וואָס "לאו בכל יומא מתרחש כגון דא", דער פריידיגער סיום הש"ס וואָס איז געלערנט געוואָרן ביגיעה ובהתמדת התורה דורך הרבני החסיד המרומם, מו"ה עוזר יושע אינדאָרסקי הי"ו, מחשובי תושבי העיר, און איז אַצינד געפייערט געוואָרן שטייענדיג אינמיטן די שבעת ימי המשתה פון בתו היחידה הכלה תחי', עב"ג החתן המופלג בתוי"ש כמר עזריאל חיים בן הרה"ח מו"ה בערל פעלדמאן הי"ו, אב"י בעיר מאָנטריאַל.

שטייענדיג ביי אַזאַ זעלטענע שמחה זענען זיך ווירקליך צונויפגעקומען אַ ריזיגער ציבור קרובים וחברים, מתפללי ביהמ"ד הגדול, גוטע פריינד און נאָנטע ידידים פון דעם אַלעמען באַליבטן מחותן הר"ר עוזר הי"ו, וועלכע זענען געקומען מיט איבערגעפולטע הערצער זיך מיטפרייען בשמחתו פון דעם ידיד נפש כל חי.

עס איז סערווירט געווארן א רייכע סעודת מלוה מלכה לגמרה של תורה ולכבוד סעודת חתן וכלה, אין באַגלייטונג פון אַ פילהארמאנישע קאַפּעליע פון כלי זמר און בעלי מנגנים. דער פּרעכטיגער בימת הכבוד איז געווען באַשיינט מיט חשובי הרבנים, צווישן זיי הגה"צ דומ"ץ ביהמ"ד בית מרדכי לייב דקיט"ל שליט"א, הרה"ג דומ"ץ טאהש שליט"א, הגה"צ אבד"ק סיקסא שליט"א, און נאָך.

דער געהויבענער מעמד איז אָנגעפירט געוואָרן דורך דעם טאַלאַנטפולן יושב ראש, הר"ר בנימין וואלף זילבערשטיין שליט"א, מגי"ש בביהמ"ד הגדול, וועלכער האָט מייסטערהאפטיג באַגלייט דעם אָוונט מיט זיין לשון לימודים און טרעפליכע געדאַנקן אַרויסברענגענדיג די רגשי הלב פון אַלע ידידים וועלכע שפּירן זיך אַלס אַ טייל פון דער שמחה הרוממה מיט אַזאַ קנאת סופרים תרבה חכמה.

מיט אַ געוואַלדיגע געפיל איז דאַן אָנגעקומען דער גרויסער מאָמענט ווען דער מחותן הר"ר עוזר הי"ו איז צוגעטרעטן צום מייקראופאן, צו מאַכן דעם סיון און הדרן אויף כל הש"ס כולו, וואָס איז געזאָגט געוואָרן מיט אן אויסטערלישע התרגשות דקדושה, נאָכגעפאָלגט מיט אַ רירנדע קדיש דרבנן, און ספּאָנטאַניש האָט דער גאַנצער ציבור המשתתפים זיך אַרויסגעלאָזט אין פייערדיגע ריקודין עילאין בשמחת התורה כי הוא לנו עוז ואורה.

אַ דרשה נפלאה האָט מען געהערט פון הרה"ג דומ"ץ טאָהש קרית יואל שליט"א וואָס האָט מיט זיין באַרימטן נעימות דבריו באַצויבערט די פאַרזאַמלטע, און דערביי געשילדערט דאָס אהבת התורה וואָס מיר דאַרפן זיך אַלע לערנען פון דעם חשוב'ן מחותן, וועלכער האָט פאַרוואַנדלט זיין שטוב אַלס אַן אמת'ע בית של תורה, ווען אַלס אַ ביישפּיל האָט דער דיין שליט"א פאַרציילט אַז יעדעס מאָל וואָס הר"ר עוזר הי"ו האָט מסיים געווען אַ מסכת האָט זיין טאָכטער, די כלה תחי', געקויפט די נייע גמרא, וואָס האָט אַריינגעברענגט אן אויסטערלישע לופט פון חביבות צו די הייליגע תורה אין דער גאַנצער שטוב.

דאַן האָט אויפגעטרעטן פה מפיק מרגליות הרה"ג אבד"ק סיקסא שליט"א, וועלכער האָט פּאַסיג משלב געווען דעם סיום פון כל הש"ס כולו מיט דעם שמחת שבע ברכות באַגלייט מיט אמרות יקרות מפּי ספרים וסופרים. האַרציגע דברי בדחנות האָט מען געהערט פון דעם באַגאַבטן בדחן הר"ר יואל ברוין הי"ו מיט פּאַכמאַנישע חרוזים צו שילדערן די גרויסע שמחה.

פון די סאַמע קלימאקסן איז געוויס געווען די נשמה'דיגע אויפטריט דורך דעם בעל שמחה, הר"ר עוזר הי"ו, וועלכער האָט ביי דער געלעגנהייט אויסגעדרוקט זיינע רגשי הלב מיט אַ טרערן געשטיקטע שטימע, זייענדיג מקיים דעם אודה ה' מאוד בפי ובתוך רבים אהללנו, וואָס האָט אַלעמען איבערגעלאָזט טיף גערירט און באַאיינדרוקט.

עס איז שוין געווען אין די גאָר שפּעטע שעות ווען מען האָט געבענטשט און געזאָגט שבע ברכות, זיך שיידנדיג פון דעם פּרעכטיגן מעמד מיט אַן אומבאַשרייבליכע מאַכטפולע רישומא קדישא וואָס וועט נישט אַזוי שנעל פאַרגעסן ווערן פון אַלע באַטייליגטע.

## הגה"צ רבי שלמה רובין שליט"א אב"ד ציעשנוב איז משמיע פייערדיגע דברי מחאה קעגן שוידערליכע בגידה פון רעליגיעזער מנהיג נגד מסורת אבותיו הק'

ביי דעם וועכנטליכן סעודת מלוה מלכה, וואָס ווערט געפּראַוועט מדי שבוע בשבוע ברוב עם ובדיבוק חברים אין ביהמ"ד ציעשנוב



קרית יואל, האָט דער רב הביהמ"ד הגה"צ רבי שלמה רובין שליט"א ערוועגט בתוך דבריו ווייטאָגליכע דברי מחאה אויף דעם עלבון התורה וואָס שפּילט זיך ליידער אָפּ אין די טעג אין ארה"ק, ווען אַ חסידי'שער מנהיג האָט אויפגעטרעטן מיט האר - אויפשטעלנדע דברי בלע איבער די הייליגע אמונה בביאת המשיח, אין אַ צייט וואָס די זעלבע קרייז האָט ליידער גענצליך מפקיר געווען דעם חינוך פון תשב"ר פאר די אַרגסטע לימודי כפירה אַלעס צוליב בצע כסף.

דער ציעשנובער רב שליט"א האָט בנועם אמריו אַרומגערעדט מפּי ספרים וסופרים איבער דאָס האַרבקייט פון נהנה זיין ממקורות זרים, וואָס איז אין אַלע דורות געווען אַ דבר פּשוט ביי יעדן איד, און ווי רביה"ק זי"ע איז מבאר אַז ביי קרח איז זיין גאַנצע פאַרמעגן פאַרלוירן געגאַנגען אין דער ערד, ווייל אויב וואָלט חלילה געבליבן זיין געלט וואָלט מען נשפּע געוואָרן דערפון.

לעומת זה האָט דער רב שליט"א אַרויסגעהויבן דעם מעט מן האור דוחה הרבה מן החושך, די הייליגע מוסדות פונעם חינוך הטהור בארה"ק וואָס בליען ב"ה לשם ולתפארת. איבערהויפּט האָט מען אין די לעצטע תקופה זוכה געווען אַז עס זענען געעפענט געוואָרן נאָך צען פרישע מוסדות התורה, גענצליך על טהרת הקודש, אַדאַנק די הילף און שטיצע פון דעם הייליגן "קרן רבי משה מנחם", וואָס באַגלייט די מוסדות און ערמעגליכט אַז מען זאָל קענען אַריינשפּרינגען להעמיד תורה בטהרה ובקדושה.

דער רב שליט"א האָט דערביי דערציילט אַן עובדא נפלאה וואָס ער האָט געהערט ערשטהאַנטיג, פון אַן א"י איד וועלכער איז געקומען צו הגה"ק מתולדות אהרן זצ"ל מיט אַ שאלה, היות ער איז נזהר נישט צו געניסן אפילו פון די "ביטוח לאומי" געלטער, אָבער ער האָט דעמאָלט געהאַט אַ קינד, און ער שפּירט אַז ער ברעכט שוין אונטער, בפרט אַז ער האָט יעצט די געלעגנהייט צו באקומען אויך פאר די פאַרגאַנגענע פינף יאָר.

דער תולדות אהרן רבי זצ"ל האָט געזאָגט פאַר דעם איד אַז דאָס איז באמת אַ שווערע שאלה, ווייל ס'איז נישט פאַרהאַן בעצם קיין איסור אויף די געלטער (אַנדערש ווי די געלטער פאר מוסדות התורה ובתי חינוך וואָס זענען גע'אסר'ט געוואָרן באיסור חמור דורך אַלע אמת'ע גדולי ישראל), דאָס איז נאָר אַ גדר פון זיך דערווייטערן פון יעדע מינדסטע השפּעה פון די כופרים, דעריבער איז אים זייער שווער צו ענטפערן גלייך דערויף, און ער וועט אים ענטפערן נאָך שב"ק.

# א בליק אויף די נייעס

## אין קרית יואל רבתי

דער איד איז שוין געבליבן אין תולדות אהרן ביז איבער שב"ק און פונקט האָט יענע וואָך דאָרט געוויילט אַ איד פון חוץ לארץ, וועלכער האָט זיך גענויטיגט אין אַ ישועה חוץ לדרך הטבע, צו געהאָלפן ווערן מיט זרע של קיימא. האָט דער תולדות אהרן רבי זצ"ל פאָרגעשלאָגן אַז מען זאָל מאַכן אַ שותפות. דער חוץ לארץ'דיגער איד האָט געגעבן אַ סכום עצום פאר דעם ארץ ישראל'דיגער איד, און ביידע זענען טאַקע געהאָלפן געוואָרן, דער מיט דאָס געלט און דער אַנדערער האָט טאַקע געהאַט אַ ישועה שלא כדרך הטבע ממש!.

דער רב שליט"א האָט טרעפליך אויסגעפירט וואָס מיר זען פון אַזאַ געשיכטע אַז "אין אדם שומע לי ומפסיד" און אַז מען גלייבט באמת אַז לי הכסף ולי הזהב נאום ה' דאַן איז מען נישט משועבד פאר די געלטער פון די מינים ואפיקורסים וואָס איז ליידער משפיע אַזוי שטאַרק, ווי מען זעט עס באַשיינפערליך, ומי יתן וילמדו תועים בינה וימלא כבוד ה' את כל הארץ.

## פריידיגע שמחת קישור החיתון בבית הגה"צ דומ"ץ ביהמ"ד בית מרדכי לייב שליט"א

תושבי העיר האָבן די וואך זיך מיטגעפריידט מיט די שמחה בבית צדיקים, די שידוך שליסן פון החתן כמר אברהם יחזקאל שרגא הי"ו בן הגה"צ רבי שמואל יעקב מייזעלס שליט"א דומ"ץ ביהמ"ד בית מרדכי לייב דקהל יטב לב, בן הגה"צ אבד"ק ריטשוואל שליט"א וחתן הרה"ג רבי שמעון רייכמאַן שליט"א ר"מ בישיבה קטנה סאטמאר קרית יואל, עב"ג בת הרה"ג רבי בעריש טירנויער שליט"א אבד"ק תורת משה וויליאַמסבורג, בן כ"ק הגה"צ דומ"ץ סאטמאר מאנטריאל זצ"ל בעל מנחם משיב, וחתן הגה"צ רבי משה גראס זצ"ל משארמאש וויליאַמסבורג, ענבי הגפן בענבי הגפן דבר נאה ומתקבל.

די שמחת קישור החיתון איז פאָרגעקומען דעם פאַרלאָפענעם מיטוואָך נאַכט פרשת כי תצא, אין שטוב פון דעם מחותן הרה"ג רבי בעריש טירנויער שליט"א, און די גרויסאַרטיגע שמחת התנאים איז געפראַוועט געוואָרן די וואך דינסטאָג אין די זאַלן פון "אַפּעל גאַרדנס" אין וויליאַמסבורג, מיט דער באַטייליגונג פון אַ גרויסער ציבור ידידים קרובים און מתפללי ביהמ"ד.

ביי דער שמחת התנאים האָט מען געהערט דברי תורה פון די מחותנים שליט"א און פון די חשוב'ע זיידעס, הגה"צ אבד"ק ריטשוואל שליט"א און הרה"ג רבי שמעון רייכמאַן שליט"א. דער ריטשוואלער רב שליט"א איז נתכבד געוואָרן מיט קריאת תנאים, און מען האָט זיך געוואונטשן אַז די שמחה זאל משפיע זיין לנו ולכל בית ישראל.

## כ"ק אדמו"ר מפאַלטישאַן שליט"א, אויף א קורצע באזוך אין קרית יואל לקראת ימי הרחמים והרצון

די וואך זונטאָג האָט מען געהאַט צוגאַסט אין קרית יואל, כ"ק אדמו"ר מפאַלטישאַן שליט"א, וועלכער האָט זיך דאָ אויפגעהאַלטן אויף אַ קורצע צייט צו פראַווען תושבי העיר, שטייענדיג אין די ימי אלול לקראת ימי הרחמים והרצון הממשמשים ובאים.

די אכסני' איז געווען אין שטוב פון הרבני החסיד הרבני הנגיד בנש"ק הר"ר פנחס שפירא הי"ו, וועלכער האָט די זכי' צו זיין דער בעל אכסני' ביי מערערע געלעגנהייטן, יעדעס מאָל וואָס דער רבי ווײלט אין דער שטאָט קרית יואל.

עס איז זיך צונויף געקומען אַ גרעסערער ציבור תושבי העיר וועלכע האָבן אַריינגעכאַפּט די געלעגנהייט צו אַריינגיין זיך וואונטשן און דער פאַלטישאַנער רבי האָט טאַקע במשך אַ לענגערע צייט אויפגענומען דעם גרויסן ציבור לברך ולהתברך. דער שיינער באַזוך האָט איבערגעלאָזט אַ רישומא קדישא אויף דער גאַנצער שטאָט.

## גרויסער מעמד חלוקה וועט פאָרקומען דעם קומענדיגן מוצש"ק פאר געקליבענע צאָל לומדים פון כולל אהל יהושע



מיט פרייד איז אויפגענומען געוואָרן די מעלדונג צווישן די אברכים היקרים, לומדי כולל אהל יהושע, אַז דעם קומענדיגן מוצאי שבת קודש הבעל"ט, וועט אָפּגעהאַלטן ווערן אַ מעמד חלוקה, וואו מען וועט פאַרטיילן הוספות לקראת דעם חודש תשרי מיט די גרויסע הוצאות, פאר פילע בני הכולל וועלכע זענען זיך מייגע באהלה של תורה בין כותלי הכולל אהל יהושע.

די הוספות וועלן פאַרטיילט ווערן פאַר אַלע אינגעלייט וועלכע האָבן זיך פאַרהערט דורכאויס דעם זמן הקיץ העעל"ט אַ גאַנצע מקצוע אינערהאַלב סיי וועלכע חבורה פון דעם כולל בד' חלקי שו"ע, און עס ווערט אויסגעדרוקט פאר די חשוב'ע נדבנים וועלכע האָבן דאָס ערמעגליכט, להגדיל תורה ולהאדירה.

## מוקירי חינוך הטהור ביי מסיבה של מצוה לטובת "בית יעקב הישן"

תושבי העיר האָבן מיט אָפענע הערצער זיך באַטייליגט ביי דער מסיבה של מצוה וואָס איז אָפּגעראָכטן געוואָרן דעם פאַרלאפענעם זונטאָג תבא אין דער אָוונט, אין די זאַלן פון קרן ויואל משה, צו שטיצן די הייליגע בית חינוך לבנות "בית יעקב הישן" אין ירושלים עיה"ק.

די מסיבה נהדרה איז פאַררופן געוואָרן דורך הרה"ח מו"ה אשר מענדל כהנא הי"ו און הרה"ח מו"ה שלמה לאָנדאָ הי"ו, וואו מוקירי החינוך הטהור האָבן געשטראָמט צו מחזק זיין די מעכטיגע פעסטונג לה' ולתורתו הק', מיט הונדערטער תלמידות וועלכע ווערן נתחנך על טהרת הקודש.

## נאָבעלער מעלדונג דורך "ליבערמאנס קאר סערוויס" שטעלט צו פרייע טראַנספּאָרטאַציע צום ציון הק' אין גורל'דיגע טאָג להעביר את רוע גזירת החינוך

אין אַ צייט וואָס דאָס יהדות החרדית איבער גרעיטאָר ניו יאָרק האָט דעם פאַרגאַנגענעם מאָנטאָג זיך געפינען אין אַנגסט, אין



דעם טאָג ווען ס'איז ערשינען די שרעקליכע "גיידליינס" דורך די "עדיוקעישאן דעפּאַרטמענט רידזשענס באָורד" מיט אן עפענטליכע מלחמה קעגן דעם ריינעם חינוך פון אונזערע דורות ה"י, איז געווען ווער עס האָט געהאַט "די קאָפּ אויפ'ן פּלייצע", מיט די ריכטיגע פעולה פון "אין כוחינו אלא בפה".

דורך די אַלעמען באַקאַנטע "ליבערמאנס קאַר סערוויס" איז געמאָלדן געוואָרן מאָנטאָג אַז אין ליכט פון דעם גזירת החינוך וואָס שוועבט אויף אונזערע קעפּ, קען מען אַריינרופן צו באַשטעלן אַ קאַר צום ציון הק', גענצליך פריי פון אָפּצאָל, כדי צו איינרייסן

# א בליק אויף די נייעס

## אין קרית יואל רבתי

דאָרט לבטל רוע הגזירה.

די באַגריסנדע שריט איז טאַקע אויסגענוצט געוואָרן דורך פילע אידן וועלכע האָבן ווירקליך גענומען די איניציאַטיוו און צוגעפאָרן צום ציון הק׳ מעורר רחמים זיין אַז לא ינוח שבט הרשע על גורל עתיד דורותינו.

## כ״ק אדמו״ר מטעמעשוואַר שליט״א פראַוועט געהויבענער שב״ק בתוככי קרית יואל

דעם פאַרלאָפענעם שב״ק פרשת כי תצא האבן תושבי קרית יואל רבתי אַנטפאַנגען מיט אַ התרגשות דקדושה דעם גרויסן גאַסט, כ״ק אדמו״ר מטעמעשוואַר שליט״א, ווען מען האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט מיטצולעבן אַ געהויבענעם שבת וואָס איז געפראַוועט געוואָרן בנועם קדושת שבת, בנוסח אבותיו הק׳.

די תפילות ועריכת השלחנות זענען אָפּגעראָכטן געוואָרן אין דעם בית המדרש ספינקא, און של״ס איז פאָרגעקומען בבית האכסני׳, וואו אַ גרויסער ציבור חסידים ואנשי מעשה האָבן זיך באַטייליגט נהנה צו זיין מאורו פון דעם טעמעשוואַרער רבי שליט״א וועלכער איז באַקאַנט מיט זיין אצילות׳דיגן טעם זקנים אשר הוצק חן בשפתותיו, וואס זיינע דרשות סיפורים און תורות זענען פנינים יקרים ומתוקים מדבש ונופת צופים, ורבים וכן שלמים האָבן זיך דערקוויקן זיך זייערע הערצער בדברי תורותיו. יום שבתון אין לשכוח!.

## ביהמ״ד ׳ישמח משה׳ עטאַבלירט פרישע מנין מעריב



מנין מעריב געפלאנט אנצוהייבן אויפן גרויסן פארלאנג פון די תושבי השכונה נאכן עפענען די מנינים צענטער פאר שחרית מנחה מעריב וואס ווירבלט דארט מיט א שטארקע ארדענונג איז אצינד מוסיפין והולכין מיט א שפעטערע מנין וואס מען איז מסדר אויף שעה 10:15.

די עסקני ומסדרי מנינים ארבעטן העפטיג להרבות לויטן פארלאנג צו איינארדענען די מנינים.

## פייערליכע הכנסת ספר תורה אָפּגעראָכטן פאַרלאָפענעם מאָנטאָג, דורך הרה״ח מו״ה מאיר ווערטהיימער הי״ו, גרינדער פון ״המספיק״



המוני תושבי העיר קרית יואל רבתי האָבן זיך דעם מאָנטאָג תבא מיטגעפריידט בקול רנה ותודה והמון חוגג, מיט דער גרויסער שמחת הכנסת ספר תורה וואָס איז געשריבן און אַריינגעגעבן געוואָרן דורך הרבני החסיד המפואר מוה״ר מאיר ווערטהיימער הי״ו, און וועט אין די נאנטע תקופה אריינגעפירט ווערן אין דעם בית המדרש החדש וואס ווערט יעצט געבויעט אין דער שטאט שינאָווא, סמוך ונראה ליד ציון קדשו פון הרה״ק בעל דברי יחזקאל משינאָווא זיע״א.

די ספר תורה איז אַרויס בתופים ובמחולות פון דעם שטוב פון הר״ר מאיר הי״ו אויף ביוקענען, וואָס איז געווען באַצירט מיט אַ מייסטערהאַפטיגע חופה, אין באַגלייטונג פון אַלע טייערע ״המספיק״ תלמידים שע״י ישיבה תורה וחסד.

בשעת די גאַנצע שמחה האָט זיך אָנגעזען פילע מאַסן קרובים וידידים, איבערהויפט די הנהלה און שטאַב מיטגלידער פון ״המספיק״ אָוו אָראַנדזש קאונטי. אַזוי אויך זענען אָנוועזנד געווען העסקן הנודע הר״ר בנציון ווידער הי״ו פון ראַקלענד קאַונטי און אַלע לאָקאַלע ראשי העיר, וועלכע זענען געקומען לכבוד דעם בעל שמחה, אינאיינעם מיט די גאַנצע משפחת ווערטהיימער הנכבדה. אין שפּיץ פון חשוב׳ע רבנים ודיינים, צווישן זיי הגאון דומ״ץ בעל אגלי דבש שליט״א און הגה״צ רבי שלמה רובין שליט״א אבד״ק ציעשנוב, וועלכע זענען נתכבד געוואָרן צו טאַנצן מיט די תורה.

די פרעכטיגע תהלוכה האָט געמאַכט דעם וועג אַראָפּ אויף די אוהעל גאַס, וואו עס האָבן זיך אויך באַטייליגט פילע מתפללי בית המדרש הגדול 5, ידידים פונעם בעל שמחה, מיט פייערדיגע טענץ לכבוד התורה.

פון דאָרט איז דער ספר תורה אַריינגעפירט געוואָרן צום בית המדרש הגדול 12 בשירה ובזמרה וואו מען האָט ממשיך געווען מיט פייערדיגע ריקודים אויפ׳ן סאַטמאַרער זעקסטן הקפה ניגון ויניעו אמות הסיפים בקול צהלה ורנה.

די גרויסאַרטיגע סעודה של מצוה לגומרה של תורה איז געפראַוועט געוואָרן ברוב פאר והדר אין די פרעכטיג רענאָווירטע ״המספיק״ זאַלן, וועלכע זענען הערליך אַהערגעשטעלט געוואָרן לכבוד ולתפארת, בהשתתפות פילע בני המשפחה, קרובים וידידים ועל צבאם הרבנים הגאונים רבני ודייני העיר שליט״א.

מיט אַ כבוד התורה האָט מען געהערט די דרשה נפלאה פון הגאון דומ״ץ בעל אגלי דבש שליט״א, וועלכער האָט אַרויסגעברענגט בשבחו פון דעם חשוב׳ן פטרון התורה, וועלכער גיט זיך אַזויפיל איבער פאַר אידישע קינדער דורכאויס די אַלע יאָרן כולם שוים לטובה.

דערנאך האט אויפגעטרעטן הגה״צ רבי שלמה רובין שליט״א אבד״ק ציעשנוב קרית יואל, וועלכער האָט געשילדערט דאָס מסירות נפש פון דעם גרויסן בעל שמחה מיט זיין גאלדן הארץ וואס שפרודלט אַזויפיל חסד פאר צרכי בני ישראל בכל עת תמיד. מען האָט אויך געהערט וואַרימע ווערטער דורך הרה״ח מו״ה מענדל ווערטהיימער שליט״א מסדר השיעורים בביהמ״ד הגדול דקיט״ל וויליאַמסבורג, אחיו הגדול פונעם בעל שמחה, וועלכע האט ארויסגעהויבן די רגשי הלב פון די גאנצע משפחת ווערטיימער הנכבדה.

אַ גאָר רירנדע דרשה האָט משמיע געווען הרבני החסיד מו״ה מאיר הי״ו, וואָס האָט מיט אַ התרגשות דקדושה געלויבט השי״ת בשבח והודי׳ שהחיינו וקיימנו לזמן הזה מיט אַזאַ שמחת גומרה של תורה. נאָך ברכת המזון האָט מען זיך ווידער אַרויסגעלאָזט אין פייערדיגע ריקודים עילאין של שמחה, וואָס האָט פאָרגעזעצט גאָר אַ לאַנגע צייט, שישו ושמחו בשמחת התורה כי היא לנו עוז ואורה!

# ביהמ"ד הגדול דק"ק קרית יואל



רייע צעמענט טראקס אויפן סייט פון גרויסן ביהמ"ד צד פארעסט



אלע בורות געגרייט צו גיסן די דאפעלטע שטיגן





עיר קאנדישאן דוקס און מאשינעריען אינסטאלירט לענגאויס די שטאקן



איינס פון די חדרי התפלה אויפן ערשטן שטאק מיט לעכטיגע פענסטערס



ברייטע קארידאר וואס וועט ערגענצן דעם צירקל צווישן די 6 חדרי התפלה

# דיער כולל שומרי החומות אין 'עטרת פעסיל לאה' אין קרית יטב לב

## בהשתתפות נשיא המוסדות כ"ק מרן רבינו שליט"א



טייל פונעם ציבור



הרה"ג רבי יחזקאל ווייס שליט"א ר"מ פאפא מאנסי טרעט אויף להחזקת המסורה די הייליגע כולל






מען באטראכט די שנעלע בוי ארבעט אויפן דרום זייט וואו מען פארברייטערט ביהמ"ד טאהש להרחיב גבולי הקדושה




סאפיסטעקירטע שפאגל נייע 'רעסקיו טראק' פולקאם אויסגעשטאטע מיט דאס בעסטע עקוויפמענט אריין אין דינסט פאר די 'מצילי אש' וועלכע קומט מיט כל ערליי געצייג און טייערע מאשינען פאר ספעציעל קאמפלעצירטע פעלער שלא תבוא




מאיר עיני ישראל: בנין פרעכטיג באצירט לכבוד התורה צום חגיגת הכנס"ת אריינגעגעבן דורך מייסד המספיק הרבני החסיד ר' מאיר ווערטיימער שליט"א וועלכע איז אריינגעפירט געווארן בתופים ובמחולות

## ביהמ"ד 'בית יקותיאל' דקהל יטב לב - שכונת ויואל משה



גרויסער בור הטבילה מיט רחבות'דיגע חדר המקוה אויפגעבויעט פאר די הונדערטער תושבי השכונה



העפטיגע אקטיוויטעטן אויפן חדר המקוה ווערט געזען בנין 12 אוסטראה אין הונטערגרונט



גרויסער בור הטבילה מיט רחבות'דיגע חדר המקוה אויפגעבויעט פאר די הונדערטער תושבי השכונה

## ביהמ"ד החדש קהל יטב לב - דועלק



סטרוקטור פון מלכות'דיגן נייעם ביהמ"ד ווערט ארויפגעצויגן אין בליץ שנעלקייט



עזרת נשים גאלעריע ווערט ארויפגעצויגן



איינס פון די לופטיגע חדרי התפלה אויפן ערשטן שטאק

כולל שומרי החומות
לצדקת רבי מאיר בעל הנס
אבי המוסדות ואם הצדקות המסורה לנו מאבותינו ורבותינו מדור דור

# הַצְּבִ"י עַל בָּמוֹתֶיךָ חָלָל אֵיךְ נָפְלוּ גִבּוֹרִים

**בעינים דומעות, בלבבות קרועים, בהרגשים שבורים, קבלנו הבשורה הנוראה באבדן נזר גבאי צדקתינו!**

האי איש חסיד, ותיק ועושה חסד באמונה, איש חי ורב פעלים, שכל מגמתו וחיותו הי׳ לעשות הטוב והישר בעיני אלקים ואדם, עמל בתורה בכל יום תמיד וזכה לסיים את כל הש"ס כולו רבות פעמים הודות לעמלו הנפלאה בדברי התורה, וגם מזה אל תנח ידך התמסר בכל נימי נפשו ולבבו בלי ליאות לטובת אלפי עניי ארה"ק נתמכי קופת כוללינו כולל שומרי החומות לצדקת רבי מאיר בעל הנס, ה"ה

**הרבני החסיד המרומם, תלמיד חכם ירא ושלם,**
**צדיק בדרכיו וחסיד במעשיו, עבד לעבדי ה׳, ידיד ה׳ וידיד נפש כל חי**

# ר׳ צבי יודא וויינשטאק ז"ל

## נזר הגבאים של כוללינו במסירות נפש רבות בשנים בביהמ"ד הגדול דקהל יטב לב ד׳סאטמאר

ומשמש בקודש אצל נשיאי כוללינו ה"ה כ"ק מרן רבינו הגה"ק בעל ברך משה זי"ע ויבלחט"א כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א

## שֹׁד וָשֶׁבֶר בִּגְבוּלָיִךְ

אשר לדאבונינו ולצערינו הבלתי ישוער ולדאבון לב כל בית ישראל

## נעדר מאתנו באסון מחריד ונורא

בפתע פתאום בליל ב׳ פרשת כי תבוא

**אחרי השתתפותו אצל הדינער לטובת כוללינו שומרי החומות בתוככי קרית יטב לב**

## דַּרְכֵי צִיּוֹן אֲבֵלוֹת!

אוי לנו כי נפלו גיבורים, באבידתו של "נזר הגבאים" אשר הקדיש "משאת חייו" למען צדקת רבי מאיר בעל הנס

**דילג על הערי"ם ועל הגבאו"ת בכל יום תמיד, הקדיש ימים ולילות בכל יום שעות ארוכות למענינו, ובכל יום ויום נתקיים אצלו "ורגלי מוליכות אותי בביהמ"ד", לקבץ פרוטה אחר פרוטה לטובת רבי מאיר**

הן בביהמ"ד הגדול דקהל יטב לב והן בכל מקום בואו בכל קצוי תבל, ובפרט בעיר פלארידא יצ"ו כאשר שהה שם למנוחה, תמיד הי׳ מהלך עם קופסת הצדקה של התנא אלקי והצליח להכניס בלבבות אלפי ישראל התעוררות מרובה, לנדב סכומים הגונים ביד רחבה וברוח נדיבה

**ובמשך השנים הכניס "מאות אלפים דאלער" למען הצדקה הקדושה!**

**וגם נדב מהונו סכומים עצומים, הכל עשה ופעל בכל לבו, בכל נפשו, בכל נשמתו,**
**בלתי לה׳ לבדו, כולו קודש לשם, רצה לזכות את ישראל**

**ועתה אהה מאוד עלינו, כלי חמדה אבדנו, עמוד התווך דכוללינו, שוד ושבר בגבולינו, אין מנחם לנו!**

## נחמו נחמו יאמר אלקיכם!

ובהאי שעתא תנחומינו ישעשעו נפשם של כל משפחתו הכבודה והיקרה שיחי׳
יוצ"ח החשובים, בניו היקרים והנכבדים, אנשי מעשה, הולכים בדרכי אבותיהם, ה"ה

מוה"ר **פנחס ישעי׳** הי"ו מוה"ר **יואל** הי"ו מוה"ר **אליעזר דוד** הי"ו

ובתו החשובה הצנוה"ח שתחי׳ אשת מוה"ר **משה ראטה** הי"ו

**וכל אחיו ואחותיו ובני המשפחה וכל ידידיו ומכיריו המתאבלים מרה על פטירתו הפתאומית והנוראה**

## לֹא יִשָּׁמַע עוֹד שֹׁד וָשֶׁבֶר בִּגְבוּלָיִךְ וְקָרָאת יְשׁוּעָה חוֹמֹתַ"יִךְ וּשְׁעָרַיִךְ

ומקירות הלב המקום ינחם את אבלם וירפא את שברם, ובהמשכת דרכיו ופעולותיו ימצאו נוחם ונחמה ולא יוסיפו לדאבה עוד, ואלקא דמאיר יעניהם שיכלו להתחזק ולהמשיך בדרכיו בדרכי התורה והחסד, ומעתה ועד עולם אך טוב וחסד ירדפם כל הימים לעולמים עדי נזכה לביאת משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

החותמים בלבבות נשברות, המעלים חסדו וצדקתו

**בשם הנהלת כולל שומרי החומות צדקת רבי מאיר בעל הנס**
**שלמה מיכאל מאיער**, מנהל



# הייזער פאר סעיל אין קרית יואל / מאנרא / בלומינגראוו / טשעסטער / וואודבערי

## Kiryas Yoel (Village)

| Address | Price | Beds | Sq Ft | Lot |
|---|---|---|---|---|
| 8 Lemberg Court Unit#312 | $910,000 | 4 | 2,453 | 0.01 |
| 8 Getzel Berger Blvd. | $1,550,000 | 7 | 2 units | |

## Chester (Blooming Grove)

| Address | Price | Beds | Sq Ft | Lot |
|---|---|---|---|---|
| 2 Oxford Depot | $289,900 | 3 | 1 (1 0) | 866 |
| 58 Oxford Springs Road | $249,000 | 1 | 1 (1 0) | 913 |
| 15 Primrose Lane | $1,500,000 | 4 | 4 (2 2) | 4,306 |
| 81 Old Mansion Road | $999,995 | 4 | 5 (3 2) | 4,315 |

## South Blooming Grove (Village)

| Address | Price | Beds | Baths | Sq Ft | Lot |
|---|---|---|---|---|---|
| 26 Hawthorne Drive | $749,999 | 4 | 3 (2 1) | 1,848 | 0.5354 |

REDUCED!

FOR SALE!

$580,000



## Highland Mills

Ridge Rd.

- 4 Bedrooms • 3 Bathrooms •
- 2 car attached garage • 2,331 Square feet •
- total 2,955 with basement •
- 1,250 sqft finished basement
- Quartz countertops • Built in 2002

3 MELISSA LN HIGHLAND MILLS, NY 10930

## Woodbury / Highland Mills

| Address | Price | Beds | Sq Ft | Lot |
|---|---|---|---|---|
| 70 Dunderberg Road | $695,000 | 3 | 3 (3 0) | 3,266 |
| 35 Buena Vista Terrace | $1,195,000 | 5 | 3 (3 0) | 3,548 |
| 5 Oldwyck Crescent | $669,000 | 4 | 3 (2 1) | 2,510 |
| 2 Hallock Court | $999,999 | 4 | 3 (2 1) | 3,040 |
| 9 Pheasant Run | $949,000 | 4 | 3 (3 0) | 1,873 |
| 10 Berwick Circle | $680,000 | 3 | 3 (2 1) | 2,709 |
| 3 Shetland Circle | $725,000 | 4 | 3 (2 1) | 2,700 |
| 3 Melissa Lane | $580,000 | 4 | 3 (2 1) | 2,331 |
| 8 Roselawn Road | $760,000 | 4 | 3 (2 1) | 2,309 |
| 415 State Route 32 | $23,000,000 | 11 | 6 (6 0) | 7,420 |
| 13 Dartmouth Road | $699,900 | 4 | 3 (2 1) | 2,107 |
| 2 Berwick Circle | $710,000 | 3 | 3 (2 1) | 3,050 |
| 14 Cindy Lane | $585,000 | 4 | 3 (2 1) | 2,486 |
| 24 Jill Road | $2,400,000 | 7 | 5 (4 1) | 9,928 |
| 22 Stainton Fareway | $649,000 | 1 | 2 (1 1) | 1,702 |
| 23 Stainton Fareway | $729,000 | 2 | 2 (2 0) | 2,180 |

## Monroe NY

Winchester / Post

FOR SALE!

$830,000

- 4 Bedrooms
- 3 Bathrooms
- 3 car garage 960 sqft.
- 2,682 Square feet
- 1,250 sqft basement
- finished basement / walk out
- Granite countertops
- Granite backsplaash
- 12x20 shed



47 POST RD. MONROE, NY 10950

## Monroe town / village

| Address | Price | Beds | Sq Ft | Lot |
|---|---|---|---|---|
| 290 Spring Street | $775,000 | 4 | 3 (2 1) | 2,386 |
| 235 N Main Street | $500,000 | 3 | 2 (2 0) | 2,410 |
| 2 Dara Court | $875,000 | 4 | 4 (3 1) | 3,578 |
| 8 Orchard Street | $640,000 | 4 | 3 (2 1) | 2,174 |
| 167 Mine Road | $799,000 | 4 | 4 (3 1) | 4,349 |
| 10 Roe Circle | $485,000 | 3 | 3 (2 1) | 2,280 |
| 24 Ironworks Road | $565,500 | 4 | 3 (2 1) | 2,409 |
| 7 Orchard Terrace | $634,000 | 3 | 1 (1 0) | 1,596 |
| 237 Oakland Avenue Unit#1 | $899,000 | 5 | 5 (3 2) | 3,392 |
| 3 Alex Smith Avenue | $729,900 | 4 | 4 (3 1) | 2,678 |
| 11 Kasch Court | $810,000 | 5 | 4 (3 1) | 3,548 |
| 279 Orchard Drive | $499,900 | 3 | 2 (2 0) | 1,966 |
| 32 Moulton Circle | $520,000 | 3 | 3 (2 1) | 2,016 |
| 39 Deangelis Drive | $825,000 | 4 | 4 (3 1) | 3,338 |
| 134 Linden Lane | $625,000 | 4 | 2 (2 0) | 2,012 |
| 112 Forest Avenue | $825,000 | 5 | 3 (3 0) | 3,022 |
| 247 Harriman Heights Road | $749,999 | 5 | 4 (4 0) | 3,400 |
| 219 Maple Avenue | $1,550,000 | 6 | 5 (4 1) | 4,289 |

## Blooming Grove (town) / Washingtonville

BARNES AREA 7 AVAILABLE

| Address | Price | Beds | Sq Ft | Lot |
|---|---|---|---|---|
| 473 Clove Road | $699,900 | 4 | 3 (2 1) | 2,662 |
| 139 Barnes Road | $699,000 | 5 | 3 (2 1) | 2,873 |
| 153 Barnes Road | $589,000 | 4 | 2 (2 0) | 2,310 |
| 121 Barnes Road | $599,000 | 3 | 2 (2 0) | 2,040 |
| 3 Amy Road | $524,999 | 4 | 2 (2 0) | 1,762 |
| 62 Barnes Road | $470,000 | 4 | 2 (2 0) | 1,740 |
| 60 Barnes Road | $499,900 | 4 | 2 (1 1) | 1,692 |
| 50 Horton Road | $600,000 | 3 | 3 (2 1) | 2,196 |
| 79 Barnes Road | $565,000 | 5 | 4 (3 1) | 2,704 |
| 1443 Route 208 | $499,000 | 3 | 3 (2 1) | 1,988 |
| 101 Mtn Lodge Road | $4,750,000 | 4 | 5 (4 1) | 4,461 |

text your email address to:
845-544-3732 | or 845-629-5186

**זייט די ערשטע צו וויסן ווען א נייע הויז קומט ארויף אויף די מארקעט**

HGMLS Hudson Gateway Multiple Listing Service, Inc. All Rights Reserved. Information Deemed Reliable But Not Guaranteed. The data relating to real estate for sale or lease on this page comes in part from HGMLS. Real estate listings held by brokerage firms other than Realty Blue.

HGMLS REALTOR® EQUAL HOUSING OPPORTUNITY

שלמה פריעד 845-309-7262 | יצחק אייזיק ראטטענבערג 845-662-1849 | שלום מאיר טאראס 845-629-5186

Not responsible for typographical errors

The Realty Blue group

מ. גראסמאן

# אלו... ואלו...

ציטאטן • איסצוגן • אבזערוואציעס • קריטקעלעך איסשניטן • נאטיצן

**אייגענארטיגע קאליפולער אריינבליק אינעם הויפן פובליקאציעס וועלכע ערשיינט רעגלמעסיג איבער עיר רבתי קרית יואל**



## אהיימבאגלייט דעם לאנגן וועג

וואָס עס האָט מיך געמאַכט נעמען דעם פענע אין די האַנט איז, דער אוצר פון זכרונות וואָס האָט מיך פאַרפלייצט. גלייך הערענדיג אַז ר' יודל ז"ל איז ליידער אַוועקגעריסן געוואָרן, זענען מיר אויפגעשווימען זכרונות פון די יאָרן ווען ר' יודל ז"ל האָט געוואוינט דאָהי אין קרית יואל, און עס ליגט נאָך גוט אין זכרון ביים ציבור מיט וואָס פאַראַ געטריישאַפט ער איז צוגעשטאַנען צו יעדן איינעם, און וויפיל ער איז גרייט געווען אַרויסצוהעלפן אַנדערע אידן.

איך דערמאַן זיך מיט אומגעפער פערציג יאָר צוריק, ווען איך בין נאָך געווען א יונג קינד,



בין איך איינמאָל פרייטאָג-צו-נאַכטס געגאַנגען מיטהאַלטן דעם עריכת שולחן הטהור פון מרן רביה"ק הברך משה זי"ע. ס'איז געווען א זומער'דיגער שבת, און דער טיש האָט זיך געענדיגט גאָר שפעט.

זייענדיג א קינד האָב איך געהאַט א פחד אַליינס אַהיימצוגיין, ובפרט דורכצוגיין דעם לאַנגען שארט-קאָט צווישן די היינטיגע אַפּטא און לובלין גאַסן, וואו עס האָט שוין פריער געהאַט פאַסירט שווערע איבערפאַלן אויף היימישע אידן דורכגייער אויף דעם שארטקאַט. זעענדיג ווי ר' יודל איז אויך דאַן געווען אויפ'ן וועג אַהיים, האָב איך אים געבעטן אַז ער זאָל מיך באַגלייטן דעם גאַנצן וועג. טראָץ וואָס ר' יודל האָט דאַן נאָך געוואוינט אויף די אַנדערע זייט, די גאס וואָס הייסט היינט "אַפּטא" און ס'איז געווען פרייטאָג-צו-נאַכטס נאָך א שווערע וואָך אַרבעט, און דערצו נאָך ווען ר' יודל איז דאַן נאָך אַליינס געווען טראַמאַטייזט פון דעם שווערן איבערפאַל וואָס ער האָט אַליינס געליטן א שטיק צייט פריער, ווען רויבער זענען אים ר"ל איבערגעפאַלן אין זיין געשעפט, דאָך האָט ער מיך נישט אָפּגעזאָגט, און ער האָט מיך טאַקע באַגלייט דעם גאַנצן וועג און איז אַליינס צוריק אַהיימגעגאַנגען.

היינט נאָך אַזויפיל יאָרן שפעטער, קען איך נישט פאַרגעסן דעם חסד וואָס ער האָט מיר דעמאָלט געטון, און אַזוי פון נאָך אַנדערע גוטע פעולות מיט וואָס ער האָט כסדר געוווירבעלט.

ליידער איז ער אַזוי טראַגיש אַוועקגעריסן געוואָרן, אָבער עס איז זיכער אַז זיינע מעשים טובים באַגלייט אים דאָרט אויבן, און וועט אים זיין א זכות אויף לעד ולנצח נצחים.

(קרית יואל זשורנאל - געשפרעכן, זכרונות פון הרה"ח ר' יודל וויינשטאק ז"ל משב"ק רבותינו הק')

## פארוואס צו זיין געזונט

פראַגע: וועלכע סיבות זענען אלס דא צו זיין געזונט?

ענטפער: צו שפירן בעסער איבער זיך, האבן מער ענערגיע דורכאויס דעם טאג, בעסערע קאנצעטראציע ביים טון סיי וואס, און לעבן א לאנגע געזונטע לעבן.

(קרית יואל מאגנעט - עזרת חולים אפטיילונג)

## געוואלט שיסן שטיינער

אינעם טאג ווען דער רבי איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל, מאנטאג פ' פנחס, י"ד תמוז, זענען מיר ארויסגעפארן צום האפן אין חיפה מקבל פנים זיין דעם רבי'ן. דארט האט דעם רבי'ן אפגעווארט א גרויסער עולם תלמידים וחסידים און רבנים מפורסמים. פון דער אנדערער זייט האב איך באמערקט א גרופע פרייע יונגען, וואס איז דארט אויך געשטאנען און געווארט. איך האב פארשטאנען אז זיי זוכן נישט צו כאפן א בליק אויפ'ן רבי'נס הייליגע צורה, און איך האב זיך דערפאר צוגעריקט נאענט צו זיי געוואויר צו ווערן זייער ציל.

צו מיין שרעק האב איך אויפגעכאפט ווי די יונגען שמועסן אז זיי גרייטן זיך צו אנטפאנגען דעם רבי'ן מיט שטיינער, מיט וועלכע זיי וועלן אים באווארפן ווי נאר ער וועט אפשטייגן פון דער שיף. מיין טאטע דער גבעת שאול'ער רב זצ"ל וועלכער איז דארט געשטאנען האט זיך אויך זייער געזארגט פאר'ן רבי'נס וואוילזיין, און מיר האבן נישט געוואוסט וויאזוי דאס וועט זיך אויסלאזן.



די שיף פון רבינ'ס נסיעה

אט האט די שיף געאנקערט און דעם רבי'נס הייליגע צורה האט זיך באוויזן אויפ'ן דעק. דער גאנצער עולם איז אריינגעפאלן אין א געוואלדיגן התרגשות און התרוממות הנפש, און אויפאמאל האב איך באמערקט ווי יענע פרייע יונגען זענען זייער ערנסט געווארן. זיי האבן ארויסגענומען פון טאש טיכלעך און אנגעטון אויפ'ן קאפ במקום א קאפל און אינגאנצן איבערגענומען פון פחד און יראת הכבוד זיך איינגעקוקט אויפ'ן רבי'נס הייליגער צורה.

שטייענדיג דארט דערנעבן האב איך אויפגעכאפט ווי זיי רעדן צווישן זיך אינגאנצן פארכאפט: "דאס איז נישט קיין מענטש -- דאס איז א מלאך!"

ווי מיין טאטע האט בייגעוואוינט די השפעה פונעם רבי'נס צורה, האט ער זיך צו מיר אנגערופן מיט התרגשות, אז אצינד האבן מיר געזען בחוש ווי עס איז מקויים געווארן די ווערטער פון פסוק: "וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך ויראו ממך".

(קרית יואל וואכנשריפט - סעריע 'רבינ'ס נסיעה' זכרונות פון הרב ר' מאיר שטערן שליט"א אב"ד גבעת שאול)

## געקראכן אויפן טיש

ביי אנ"ש איז דער דמות דיוקן פון ר' יודל פון די אַלע יאָרן ווען ער האָט זוכה געווען משמש



ר' יודל ביים גיסן די בור אין גרויסן ביהמ"ד

צו זיין בביתם נאוה קודש פון מרנן רבוה"ק, ובפרט ביים רבי'ן בעל ברך משה זי"ע, ווי ער פלעגט קריכן אויפ'ן טיש צו פאַרטיילן שיריים, און ביים דורכפירן פאַרשידענע שליחות'ן, אַלעס מיט אַזאַ געטריישאַפט און איבערגעגעבנקייט, אָן קיין פערזענליכע אינטערעסן.

ער האט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין איידעלן כאַראַקטער, און האָט געזוכט אַרויסצוהעלפן אַנדערע מיט וואָס נאָר מעגליך. במשך ימי חייו האט ער אויסגעטיילט צענליגער טויזנטער פאר צדקה, אלעס בהצנע לכת אן דעם וואס אַנדערע זאָלן וויסן דערפון.

(קרית יואל היימשטאַט - מעלה זכרונו הבהיר פון הרה"ח ר' יודל וויינשטאק ז"ל מיט זיינע געוואלדיגע צדקה וחסד)

## היסטארישער אינספיראציע

אויב היסטאריע לערענט אונז עפעס, איז עס אז מענטשן לערנען זיך נישט פון היסטאריע.

(היום יום - אינספיראציע)

## חודש אלול

אין איינע פון די לעצטע יאָרן ווען רבי משה שלאָס האָט זיך נישט גוט געשפירט אום חודש אלול, איז מען אים געקומען מזכיר זיין פאַר זיין ידיד נאמן, דער ירושלים'ער רב מרן הגה"ק רבי יצחק טובי' ווייס זצ"ל בעל שערי טוביה, האָט ער געזאָגט פאַר די מקורבים פון רבי משה: "מיר קוקט אויס ווי דאָס איז צוליב אימת הדין פון חודש אלול, וואַרטס אויס ביז נאָך די ימים נוראים, וועט איר זען אז ער קומט צוריק צו די כוחות ווי פריער", וכן הוה.



(דער איד - תורה אפטיילונג איבער די עבודה הגה"צ רבי משה שלאס זצ"ל אין חודש אלול)

## משמורת תהלים דורך די טויזנטער תלמידי מוסדות קרית יואל בפקודת הקודש להעביר רוע הגזרה







## עקסידענט אויפן סטעיט פאליס ראוד פארנט פון שכונת ויואל משה און ביזנעס סענטער #5







# טויזנטער תלמידי מוסדות סאטמאר ביים מעמד בקשת רחמים מאָנטאָג אין ביהמ"ד הגדול אין וויליאמסבורג





גרויסן ביהמ"ד איבערגעפילט מיט די טויזנטער ריינע תינוקות של בית רבן ביים מעמד העצרת לעצור בעד המשחית



פייערדיגע דרשה מיט בכיות איבער די גזירה איומה פאר די טויזנטער תלמידי המוסדות
אין וויליאמסבורג דורך הגה"צ רבי יקותיאל יהודה פילאפף שליט"א חבר הביד"צ



שר העסקנים ושתדלנים הרבני החסיד המרומם ר' משה דוד נידערמאן שליט"א טרעט
אויף פאר די תינוקות של בית רבן איינצורייסן לביטול הגזירה ואין כוחינו אלא בפה






להחיות נפשות רבות: בעל חסד אין די 'ניו ווינדזאר' געגענט וואו עס ארבעטן פילע היימישע אידן און קיין כשר'ע עסן געשעפט האט ארויסגעשטעלט
שילדן מיט א רוף זיך צו דערכאפן דאס הארץ מיט א ווארימע קאווע און כשר'ע איבערבייס אין כסף




מיר זעצן פאר צו הערן די לעבעדיגע שילדערונגען פון ידיד כל בית ישראל, הר"ר נחמי' צבי בן דינא וועבערמאַן שליט"א, איבערגעגעבן דורך הרה"צ רבי אברהם יהושע פריינד שליט"א מנאַסויד. מיט אַ תפלה אַז המקום ירחם עליו בתוך כל שאר אחבנ"י, ויוציאם מצרה לרוחה.

## די טאָג טעגליכע סכנות אין תפיסה

דער אויבערשטער זאל שומר ומציל זיין ווען מען קומט אריין אין אַזא תפיסה, קען מען דאָך נישט קיינעם און קיינער קען נישט דעם פרישן אַרעסטאַנט. די געמיינע גוים וואָס זיצן דאָרט האבן דאך נישט וואס צו טאן, טראכט מען א גאנצן טאג וויאזוי מען קען זיך שלאָגן און זיך רצח'נען...

מיט די מענטשען וואס זענען שוין דארט שלאגט מען זיך שוין ארום, דאס איז דאך שוין נישט אינטערסאנט, אָבער ווען עס קומט אן אַ פרישער מענטש, נעמט מען אים אַפיר, און עס הייבט זיך אן פון פריש רח"ל.

די ערשטע זאַך פּרובירן זיי צו טשעפּענען דעם מענטש אין זיין צעל וואו ער געפינט זיך. אויב מאַכט ער זיך נישט וואוסנדיג האָט מען שוין אַ גוטער תירוץ אים צו שעלטן און שלאָגן, פאַרוואָס ער וויל נישט ווערן זייער פריינד...

אויב דאָס העלפט נישט דאַן שטעלט מען אים אונטער שטיקלעך, אים צו ענג מאַכן און שאַפן פּראָבלעמען.

צום ביישפּיל, מען וואַרפט אַריין אין זיין שטוב אַ זאַך וואָס איז נישט ערלויבט צו האַלטן אין טורמע, ווי אַן אָפּפאַל פון אַ דראָג אָדער אַ שטיקל פון אַ ציגאַרעטל א.א.וו. אָדער פאַרציילט מען פאַר די וועכטער אַז דער מענטש האָט אונז נעכטן געגעבן דראָגס אָדער ציגאַרעטלעך.

וואָס פּאַסירט יעצט ? אויב זיי טרעפן עפּעס אין דעם צעל אָדער אויב זיי הערן אַז ער פאַרמאָגט פון די פאַרבאָטענע סחורה, דאַן קומען אַריין אַ גאַנצע מחנה פון וועכטער און מען מאַכט אן אָבלאַווע אויף זיין צימער. מען טאַפּט אים אויס פון אויבן ביז אונטן, מען נעמט אַראָפּ דעם דאָכענע צודעק, די קושן צודעק, די ליילעך, און מען וואַרפט אַרויס אַלע זיינע פּעקלעך און חפצים אויף דער ערד. מען שאָקלט אויס יעדן העמד, און יעדעס שטיקל עסן וואָס ער האָט.

אַצינד, אויב ער האָט צ.ב.ש. אָוועקגעלייגט 2 מאַראַנצן און ס'איז נאָר ערלויבט צו האָבן 1 מאַראַנץ, אָדער ער פאַרמאָגט 2 עפּל און מען מעג נאר האָבן 1 עפּל, דאַן איז שוין גענוג אַ גרויסע פאַרלעצונג אַז מען זאָל אים אויספּייניגן דערפאַר. מען באקומעט באַלד שלעכטע פּוינטס דערפאַר און אויב ער וויל זיך פאַרענטפערן דאַן איז ער שוין אן עזות פּנים.

צומאָל קען פּאַסירן חלילה אַז פאַר אַזעלכע קליינינקייטן זאָל מען אַריינלייגן אין דעם טרויעריג באַרימטן לאך, די "שאָ", וואו מען איז אינגאַנצן אָפּגעזונדערט פון אַלעמען מיט אַ מורא'דיגע ענגשאַפט. דאָס עסן גיט מען אַריין אַזוי ווי להבדיל פאר אַ בעל חי אין דעם לאָך אַריין, און מען האָט ניטאַמאָל די געווענליכע ספרים וואָס מען האָט אין דעם געהעריגן צימער.

דאַן איז פאַרהאַן אן אַנדערע וועג פון זיך אַרומשלאָגן:

צום ביישפּיל, ווען מען שטייט אין די ליניע צו גיין נעמען עסן, קען מען באַפאַלן דעם מענטש, אים אָנשלאָגן דיביינער און קיינער וועט גאָרנישט זאָגן. עס האָט שוין אַסאַך מאָל פּאַסירט אַז צוויי אַרעסטאַנטן שלאָגן זיך אַרום מיט מכות אכזריות ביז איינער פאַלט אַראָפּ אויף דער ערד און ער קען אפילו שטאַרבן אויפ'ן פּלאַץ, עס גייט אָבער קיינעם נישט אן. די וועכטער מישן זיך ניטאַמאָל אַריין.

דאָס זעלבע און נאָכמער איז ביי די צוויי שעה וואָס מען קען אַרויסגיין אין הויף. ס'איז דער סדר אַז יעדער נייער מענטש וואָס קומט אַריין איז דער ערשטער קרבן.

עס זענען דאָ עטליכע גרופּעס דארט, יעדע גרופּע פּרובירט צו נעמען דעם ארעסטאנט און זען אויב מען קען אים מסדר זיין. מען וועט אים געבן א פּראַסק, מען וועט אים אראפּווארפן אויף דער ערד, און טאמער קען ער זיך נישט קיין עצה געבן דעמאָלט ברעכט מען אים הערשט אן די ביינער טאָג טעגליך, רחמנא ליצלן.

אויב דער אומגליקליכער גייט "קאמפּלעינען" פאר די וועכטער, דעמאָלט זאל השי"ת שומר ומציל זיין, ווייל דאָס מיינט אַז ער איז אַ העצער, און מען זוכט אויף אַלע וועגן וויאַזוי מען קען אים חלילה שעדיגן.

## דער אידישער באַגלייטער וואָס וואַכט

## פון די חיות טורפות

דעם ערשטן טאָג וואָס הר"ר נחמי' שליט"א איז געזיצן אין הויף, האָט זיך אַראָפּגעזעצט נעבן אים אן אַנדערער אַרעסטאַנט, אַ הויכער שלאַנקער פּאַרשוין, וואָס האָט זיך אידענטיפיצירט אַלס אַ רוסישער איד. ער קען טאַקע נישט קיין אידיש אָבער אויף ענגליש קען מען רעדן מיט אים.

דער אידישער אַרעסטאַנט זאָגט אים, דו ביסט א נייע מענטש דא, גיי נישט אליינס ארויס אויף דער גאַס, קום מיט מיר. און ער פארציילט אים, איך בין אריינגעקומען דעם ערשטן טאג דא אהער, בין איך ארויס אויף דער הויף, האט מען מיך תיכף גענומען דא צו שלאגן, און איך בין זייער א שטארקע מענטש ב"ה, איך האב דערלאנגט א פויסט פאר איינעם אז ער האט זיך איבערגעקערט אויפן פלאץ, יענער איז געווען א גרויסער דיקער גוי און איך האָב אים אַראָפּגעוואָרפן. האט מען זיך זייער דערשראקן פאר מיר און מען האָט באַשטימט אַז איך בין אַזוי ווי דער קעניג דאָ... מען ברויך האָבן פאַר מיר דרך ארץ... פון דעמאלטס אן ווען איך גיי ארויס אינדרויסן שטייט יעדער איינער אין די זייט. קום דו מיט מיר וועט מען דאך וויסן אז דו ביסט אויך אזוי שטארק אדער אַז איך בין דיין באַגלייטער, וועט קיינער נישט צורירן צו דיר!

זינט דעמאָלט, במשך די אַלע יאָרן, גייט ר' נחמי' אייביג מיט אים אויפ'ן גאַס. ר' נחמי' פאַרציילט: "איך האָב מורא ארויסצוגיין אויף די גאס, איך מוז אלץ גיין מיט אים צוזאַמען. בכלל איז עס זייער אומאַנגענעם, מען שטייט

אינדרויסן און מען שרייט און מען שלאגט זיך, ס'איז א געפערליכע סצענע יעדן טאָג באזונדער".

## גערא͏ַטעוועט געוואָרן פון אַ באלדיגע סכנת רציחה רח"ל

איין שיינעם טאג ווען איך בין אים געקומען באזוכן, זאגט מיר הר"ר נחמי' שליט"א אז ווען ער וואלט ווען געקענט וואלט ער ווען היינט גומל געבענטשט. ליידער קען ער נישט מאַכן אַ ברכת הגומל אויף אַ ספר תורה, בעט ער מיך אַז איך זאל געבן א לחיים אין בית המדרש פאר זיינעט וועגן.

וואָס האָט פּאַסירט ?

דער שכן זיינער, אַ גוי, איז אים געקומען זאָגן, ער הייסט א ראביי דארט ביי זיי, איז דער גוי ספּעציעל צוגעקומען צו אים און אים געבעטן אַז ער זאָל אים אויסהערן.

(ווען ר' נחמי' איז אַריין אין תפיסה ל"ע האָט דאָס אים אַפעקטירט די שמועה. ער דארף האבן א מאַשינדל און אָן קיין מאַשינדל הערט ער נישט. יעדער מענטש וואס קומט אריין אין די תפיסה, עפעס פאסירט מיט אים, אים האט עס נעבעך געכאפט אויפן אויער ל"ע.

און ווי אַן ערליכער איד נוצט ער דאָס אויס צום גוטן. ער טוט נישט אָן די מאשינדעל א גאנצן טאג ווען ער איז אין שטוב, אַזוי אַז ווען מען שרייט, מען שעלט און מען רופט אים, הערט ער פּשוט נישט. זיי ווייסן שוין דארט אז ער הערט סיי ווי נישט, האט מען אים נישט וואס צו רופן. אַזוי קען ער זיצן און לערנען אין זיין ווינקל, און נישט זיין פאַרמישט מיט זייערע שלעגערייען און ער האָט ווייניגער צרות פון די גוים. חוץ ווען ס'איז באַשערט און אַ וועכטער באַשליסט אים צו פּייניגן, ווי פאַרציילט אין דעם פאַרלאָפענעם שמועס).

אַלענפאַלס, דער גוי, דער שכן פון ר' נחמי', זאָגט אים: "היינט גיי נישט אַרויס אינדרויסן, ווייל היינט ביזטו דער קרבן! זיי האָבן אַ פּלאַן דיך צו הרג'נען אויפ'ן פלאַץ!" רח"ל.

וואס טון די גוי'אישע אַרעסטאַנטן אַ גאַנצן טאג דאָרט ? מען טראַכט צוויי סאָרט מחשבות. וויאזוי מען קען פון דא נעלם ווערן, אדער וויאזוי מען יענעם אומברענגען אָדער שעדיגן.

האבן זיי גענומען דעם עפענער פון אַ "קען סאָדע". דאָס איז נישט ערלויבט צו האָבן אין טורמע.

(אגב, ווען די גוים ווילן איינעם מצער זיין, וואַרפן זיי אונטער אַזאַ "קען" אונטער די טיר פון אַ צווייטן, און מען גייט זאָגן פאר די וועכטער אַז יענער האָט אַ וואָפן מיט זיך. אויב מען כאַפּט טאַקע אַ "קען" ביי יענעם שפּארט מען אים איין אין דעם "שאָ" און ער ליידט אַסאַך).

אָבער זיי האָבן יאָ געשאַפט אַזא "קען" עפענער און דאָס גוט אויסגעשליפט. זיי זענען דאָך געשולטע רוצחים ווייסן זיי שוין וויאַזוי דאָס צו פאַרוואַנדלן אין אַ טויטליכע וואָפן רח"ל.

עס איז דא א געוויסע שיעור ביז ווי טיף מען דארף אריינגיין צו קענען אריינשטעכן אין הארץ ה"י. זיי ווייסן פונקטליך אויפן האר וואו דאס פלאץ איז, און זיי האבן עס געמאכט אזוי שארף גענוג גרויס מען זאל קענען אריינשטעכן אין הארץ אריין, אַז אויפ'ן פלאַץ זאָל ער חלילה... דעריבער וואָרנט אים דער גוי: " גיי נישט ארויס היינט!"

זאָגט מיר הר"ר נחמי' שליט"א: "דאס חיות איז מיר אַרויסגעגאַנגען... איך בין נישט ארויס, אבער איך בין געווען זיכער אז מען גייט מיך קומען דא טשעפּענען אין שטוב, א גאנצע נאכט האב איך נישט געקענט שלאפן פאר פּחד! איך האב נישט געקענט אפילו דאנקן דעם אייבערשטען אויף דעם וואָס ער האָט מיר געשיקט דעם שליח מיך צו ראַטעווען, ווייל אזוי צורודערט בין איך געווען דערפון.

"פארשטייט זיך אַז נאָכדעם וואָס כ'בין נישט אַרויס, איז די כעס פון די גוים געווען מורא'דיג גרויס. זיי זענען צוריק אריינגעקומען און געשריגן און געשאלטן ביי מיין סעל, אבער איך הער דאך נישט האב איך מיך נישט וואוסענדיג געמאַכט.

"ס'האט גענומען א וואך צייט ווילאַנג זיי האבן זיך אפגעשאקלט פון מיר, און דעמאלטס בין איך געווארן אביסל רואיגער.

"אָבער פון דעמאלט אָן גיי איך שוין כמעט נישט ארויס אויף דער גאַס. איך ציטער פאר מיין לעבן, ווייל וואָס וועט זיין אויב דער שכן וועט מיר נישט אויסזאָגן דאָס מאָל. און וואָס וועט זיין אויב דער אידישער באַגלייטער וועט פּונקט נישט זיין נעבן מיר."

דאס איז דער פחד וואס מען האט דאָרט א גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאכט, אפילו ווען מען איז איינגעשפּארט אין אַ צימער. ס'איז ממש ווי מען זיצט אין באראק און די געסטאַפּאָ דרייט זיך אַרום. מען ווייסט נישט וואס זיין פּלאַן איז אויף היינט, גייט ער מיך שיסן ? גייט ער מיך שלאָגן ? גייט ער מיך טשעפּן ? אפילו ער זאגט מיר א גוט ווארט ווייס איך נישט וואס דאס מיינט ווייל עס קען מיינען אַ חנופה אַז ער זאָל מיך קענען טשעפּן שפּעטער. אָט איז אַזאַ סאָרט טעראר זיצט מען 24 שעה ל"ע!

## פון אַ צרה חוץ לדרך הטבע וועט מען אַרויסגיין מיט אַ ישועה חוץ לדרך הטבע

ווען הר"ר נחמי' שליט"א האָט מיר דערציילט אָט די געשיכטע האָט ער צוגעענדיגט זאָגנדיג:

"מיין גאַנצע תפיסה טערמין איז געווען חוץ לדרך הטבע. ס'איז געווען א מסירה און אמת טאקע אַז ווען ס'איז פאַרהאַן אַ דזשורי אויף אַזאַ סאָרט זאַך איז ליידער בדרך הטבע אַ תפיסה אורטייל, אָבער איך האָב דאך באַקומען אַריבער הונדערט יאָר, רח"ל, וואָס דאָס איז ממש חוץ לדרך הטבע. ווייטער, אז עס זאל נישט זיין קיין שום וועג ממליץ זיין אויף מיר, איז דאך אויך חוץ לדרך הטבע. און אַז מען האט שוין פּרובירט 3-4 מאָל צו אַפּעלירן און ס'איז דורכגעפאַלן איז ווייטער חוץ לדרך הטבע.

"נו, דארף איך צו גלייבן יעצט אז איך גיי שוין קיינמאל נישט ארויסגיין פון דאָ ? ניין! הערט מיך גוט אויס נאסוידער רב: מיר זענען ארויס פון מצרים חוץ לדרך הטבע, ס'איז דאך נישט געווען קיין גשמיות'דיגע מויער, אַלעס איז געווען אַרומגענומען מיט כישוף, און קיינער האָט קיינמאָל נישט געקענט אַנטלויפן פון מצרים. איז געקומען דער רבש"ע אליין ער האט ארויסגענומען די אידן פון מצרים - חוץ לדרך הטבע!

"דאָס זעלבע שפּעטער. מען איז אָנגעקומען צום ים, עס איז נישט געווען מעגליך אריבערצוגיין דעם ים, קומט פרעה פון הינטן, קומען די שרים פון אויבן, פאָרנט איז אַ ים סוף. האבן זיי געשריגן "המבלי אין קברים במצרים", עס איז געווען חוץ לדרך הטבע אז מען זאל ארויסגיין פון דאָרט.

"איז געקומען נחשון בן עמינדב, "מה תצעק אלי דבר אל בני ישראל ויסעו", נעמט א מסירת נפש, וואספארא מסירת נפש קען איך נעמען ? "ויסעו", איך גיי מיט דער תורה! איך גיי מיט דער אמונה! דער אויבערשטער האט געהייסן אריינגיין אין ים, דעמאָלט גייען מיר אריין אין ים!

"איך האָב געהאַט אַ שאלה צי איך זאָל זאָגן ליגנט און אַזוי באַקומען אַ בעסערע אורטייל, אָבער ניין! איי מען וועט דאך מיר איינשפּארן ? דער אייבערשטער ווייסט זייער גוט וויאזוי מיר אַרויסצונעמען! איי מען האָט מיך נאָכנישט אַרויסגענומען, די גאנצע היסטאריע פון אידישע קינדער איז אלץ געווען אזעלכע זאכן וואס מען האט געמיינט אז עס איז דערנאך, מער גייט שוין גארנישט זיין חלילה.

"נעמט די לעצטע זאַך וואָס האָט פּאַסירט מיט אונז כלל ישראל. דער צווייטער וועלט מלחמה. דער היטלער ימ"ש איז געווען זיכער דא גייט מער נישט בלייבן קיין שריד ופליט, האט השי"ת אנדערש געמאכט, הונדערטער טויזענטער אידן דינען ב"ה דעם אויבערשטן און מיר זאָגן אין אני מאמין - "ואע"פ שיתמהמה עם כל זה אחכה לו". וואָס מיינט דאָס ? כאטשיג ער זוימט זיך וועט ער קומען! איי, ער איז נאכנישט געקומען, אָבער אַז דער אויבערשטער האט געזאגט ער גייט ברענגען משיח און עס גייט זיין נאכאמאל א בית שלישי, וועט דאָס זיין! ווען דאָס וועט קומען ווייסן מיר נישט, אָבער דאָס גייט זיין! מיר גלייבן באמונה שלימה אַז דאָס גייט פּאַסירן יעדע רגע. דאָס זעלבע מיין גאולה פּרטיות, מיין ארויסגיין פון דא וועט אויך זיין חוץ לדרך הטבע! אין יעדע רגע קען דאס פּאַסירן!



## לאָזט אייך הערן!

מען קען זיך פארבינדן מיט רבי נחמי' דורך אימעיל. מען קען זיך שרייבן מיט אים וויפיל מען וויל. ענגליש און אויך אידיש.

עס ארבעט אז מען דארף זיך צוערשט אויפסייענען אויף די jpay זייטל וואס מען סיינט זיך אריין. און דארט שרייבט מען אריין צו וועם מען וויל שיקן.

**Mr. Nachemya Weberman 13A0438**

עס קאסט א סטעמפּ. מען קען דארט אויפן סייט קויפן א סטעמפּ, איינס ווען מען שיקט ארויס א אימעיל צו אים, און איינס קויפט מען פאר אים ער זאל קענען צוריקשרייבן. די קאסט גייט 2 דאלאר פער 10 בריוון. דאס מיינט אז מען קען פאר 2 דאלאר האבן 5 בריוו אויסטוישן אהין און צוריק.

אלעמאל ביים שיקן גייט מען ארויף אויף דזשי. פּעי. וועב זייטל ווי אויבן געשריבן און דארט קען מען שיקן בריוון.

יעדע בריוו איז דא א מעגליכקייט צוצולייגן א בילד, צומאל שיק איך אריין פאטא קאפיע פון א ספר וכדומה. סאיז זייער וויכטיג צו וויסן, אז יעדע אימעיל געדויערט ארום 7 ביז 8 טעג ביז ווען רבי נחמי' באקומט עס! זיי קוקן עס איבער בעפאר א.ד.ג. און פון ווען ער שיקט צוריק קען עס אויך נעמען ביז 7 8 טעג ביז סקומט צוריק זיין בריוו.

דער אדרעס צו שיקן בריוו דורך פאסט איז:

**Mr. Nechemya Weberman DIN 13A0438**
**Shawangunk Correctional Facility**
**200 Quick Rd. Wallkill, NY 12589**

# OZZY'S Quickie Service & Tire

# The Tire Outlet

NOW OPEN SUNDAYS 9am to 4pm

HELP WANTED
Tech & Tech Assistant
$20-$45/hr
Full time apply in person or call
914-400-6795

GOODYEAR
COOPERTIRES
Authorized Dealer

**New York State Inspections. No Appointment Necessary.**

BRIDGESTONE
Firestone
Bridgestone/Firestone Trust Fund
Authorized Dealer

## Full Synthetic Oil Change

0w20, 5w20, 5w30, Up to 5 quarts of oil.

**$74.99***

PLEASE PRESENT COUPON AT TIME OF SERVICE

*$2 HAZ. MATERIAL DISPOSAL FEE UP TO 5 QTS. MOST VEHICLES. SEE STORE FOR DETAILS. EXP. 10/7/22

***All Oil Changes Include: Lube, Oil, Filter Change, Tire Rotation, 12-Point Safety Check and Check and top off fluids***

## Standard Oil Change

conventional motor oil

**$39.95***

PLEASE PRESENT COUPON AT TIME OF SERVICE

*$2 HAZ. MATERIAL DISPOSAL FEE UP TO 5 QTS. MOST VEHICLES. SEE STORE FOR DETAILS. EXP. 10/7/22

## $25 OFF Any Brake Service Over $150

PLEASE PRESENT COUPON AT TIME OF SERVICE

EXP. 10/7/22

## $40 OFF Any Set of 4 Tires

PLEASE PRESENT COUPON AT TIME OF SERVICE

WE WILL MATCH OR BEAT ANY ADVERTISED TIRE PRICE

CANNOT BE COMBINED WITH OTHER OFFERS. EXP. 10/7/22

## FREE WHEEL ALIGNMENT CHECK

PLEASE PRESENT COUPON AT TIME OF SERVICE

WITH ANY TIRE PURCHASE

MUST PRESENT COUPONS AT THE TIME OF SERVICE. DOES NOT INCLUDE TIRES. CANNOT BE COMBINED WITH OTHER OFFERS.

All Services Offered. No Appointment Necessary!
Same Day Service. Will Honor Competitors' Coupons!



# במוצאי מנוחה קדמנוך תחילה

## ענינים ועובדות מרבותינו הק' איבער די פאַרכטיגע סליחות טעג

עס זענען דאָ פאַרשידענע מנהגי ישראל בנוגע די טעג און די צייטן ווען מ'זאָגט סליחות, אָבער מיר בני אשכנז פירן זיך ווי רבינו הרמ"א שרייבט אין שלחן ערוך (סימן תקפ"א סעיף א), אַז מ'הייבט אָן זאָגן סליחות כאָטש פיר טעג פאַר ראש השנה, און אויב ראש השנה געפאַלט אויס מאָנטאָג אָדער דינסטאָג (ווי הײ-יאָר), פעדערט מען אויף אַ מוצאי שבת פריער, וואָס איז הײ-יאָר קומענדיגן זונטאָג, כ"ב אלול. אין ספר מטה משה (ח"ה אות תשע"ט) איז געברענגט אַ רמז אַז די ווערטער "**אתם נצבים היום**" זענען בגימטריא "**לעמוד לסליחות**".

וועלן מיר טאַקע קומענדיגן מוצאי שבת פאַרטאָגס אויפשטיין גאָר פרי, זיך צונויפקומען אין די בתי מדרשים, זאָגן סליחות, זיך אויסבעטן אַ סליחה מחילה וכפרה, אַ גוט געבענטשט יאָר און אַ כתיבה וחתימה טובה, און אַזוי אַריינגיין אין די ימי הרחמים והסליחות, במוצאי מנוחה קדמנוך תחילה.

פאָלגענד זענען עטליכע טעמים פון ספרי קודש אויף דעם וואָס מ'שטייט אויף זאָגן סליחות, רמזים און פירושים אויף די פזמונים וואָס מ'זאָגט ביי סליחות, באַגלייט מיט סיפורים און עובדות פון צדיקי הדורות בימי הסליחות.

## דאָס וואָרט "סליחות" דאַרף ערוועקן אַ שרעק

הרה"ק רבי זאב וואָלף מזיטאָמיר זי"ע האָט אַ לענגערן שמועס אין ספה"ק אור המאיר (דרוש לראש השנה ד"ה בתיקונים) וואָס איז אויך אַראָפּגעברענגט אין ליקוטי מהרי"ח, אויף דעם וואָס ביים המון עם איז מען געוואוינט צו זאָגן, "לאָמיר אויפשטיין צו סליחות", פון וועלכן ס'קען זיך דוכטן כאילו די כפרה איז שוין לאַנג גרייט, און מ'איז זיך נישט מתבונן אינעם פנימיות'דיגן באַדייט פונעם וואָרט 'סליחות'.

ער איז זיך מתמרמר: נישט ווי דער המון וואָס האָט זיך אויסגעלערנט צו זאָגן: לאָמיר אויפשטיין צו סליחות, כאילו זייער סליחה איז שוין גרייט פאַר זיי, און ס'איז נישטאָ קיין פחד אלקים פאַר די אויגן ביים עס זאָגן. ווייל ווען ס'איז נוגע יראת אלקים על פניו ווערט דערשראָקן ווען ער ברענגט אויף אין זכרון דאָס וואָרט סליחות, צי איז ער ראוי לויט'ן ערך פון זיינע מעשים צו אַ סליחה, אָדער נישט ח"ו. ווייל נאָר נאָכ'ן שפּירן ביי זיך ווי יראת ה' איז אויף זיין פנים, דעמאָלט קען זיין האַרץ זיין פאַרזיכערט אין אויבערשטן אַז ער וועט זיכער מעביר זיין די חטאים, און אדרבה, ער קען זיך פרייען מיט'ן אויבערשטנ'ס גוטסקייט, נישט זיין מיט עצבות.

אויך דער הייליגער בעל יסוד ושורש העבודה זאָגט מוסר (שער י' פ"ה), מיינע ברידער און גוטע פריינד: מיר דאַרפן וויסן אַ ידיעה תחלה פאַרוואָס מ'רופט עס 'סליחות'. דאָס איז על שם וואָס אין זיי זענען קבוע רחמים און תחנונים פאַר'ן אויבערשטן ב"ה וב"ש אויף סליחת עוונות, דער בורא ית"ש זאָל אונז מוחל זיין אונזערע עוונות און פשעים וואָס מיר האָבן געטאָן ביז אַהער. אויך זענען אין זיי נכלל די אַנדערע תפלות. ס'איז זיכער, יעדער מאַן און יעדע פרוי וואָס קומט צום קעניג פון דער וועלט בעטן פון אים סליחות אויף די עוונות, אָן קיין תשובה אין זיין האַרץ, וואָס איז דעמאָלט זיין כח, ווי קען זיין סליחת עוונות אָן קיין תשובה? מענטשן פרעגן זיך איינער דעם צווייטן: **האָסטו שוין געזאָגט סליחות?** און מ'ענטפערט: **יאָ, כ'האָב שוין געזאָגט סליחות!** מ'לייגט נישט צו קיין האַרץ וואָס איז דער באַדייט פון זאָגן סליחות. הלואי דער באַשעפער זאָל זאָגן די סליחות... דאָס איז אָבער אוממעגליך אָן קיין תשובה. דעריבער זאָל אַ מענטש זיין נזהר בעת'ן זאָגן סליחות מקבל צו זיין ביי זיך אין האַרץ אַ תשובה גמורה, דאָס הייסט חרטה על העבר און קבלה אויף להבא.

הרה"ק בעל בית אהרן מקאַרלין זי"ע האָט אויך אַזוי געזאָגט צו זיינע חסידים פאַר סליחות: זאָגט נישט די סליחות בדרך הרגל, 'זאָגן סליחות', ווייל סליחה איז אין די הענט פון הקב"ה, מיר דאַרפן בעטן פון אים די סליחה!

## טראַכטן גוטע מחשבות פאַר די ימים נוראים

מרן הגה"ק בעל ייטב לב מסיגעט זי"ע ברענגט אין ספר ייטב פנים (מאמר שירת דודי אות ט"ו) אַ טעם אויפ'ן מנהג אויפצושטיין זאָגן סליחות פאַר די ימים נוראים, אַז דאָס איז אַן ענין פון טראַכטן גוטע מחשבות פאַר די ימים נוראים.

דער ייטב לב ברענגט אַז דאָס איז ווי ער האָט געטייטשט דעם פסוק (דברים כו, א) והיה כי תבא אל וגו' וירשתה וישבת בה ולקחת מראשית וגו'. לכאורה, וויבאַלד מיר פסק'ען אַז מ'איז נאָר מחוייב געוואָרן מיט ביכורים ערשט נאָך ירושה וישיבה אין ארץ ישראל, ווי מ'זעט אין פסוק, וואָס פעלט דעמאָלט אויס דער כי תבא, ס'דאַרף ענדערש שטיין 'כי תירש ותשב בארץ ולקחת וגו'? נאָר קען זיין, די תורה איז מזהיר, אַז נאָך איידער מ'קומט אַריין קיין ארץ ישראל זאָל מען שוין אָפּמאַכן צו נעמען אויף זיך דעם עול המצוות התלויות בארץ, און דער אויבערשטער וועט די גוטע מחשבה מצרף זיין למעשה. הייסט עס כאילו מ'האָט עס שוין מקיים געווען, און אין דעם זכות וועט מען קענען אַריינקומען ירש'נען ארץ ישראל. ווי ס'שטייט ביי תפילין "ביאה" – "עשה מצוה זו שבשבילה תכנס לארץ". דאָס זעלבע דאָ, דורך דער מחשבה, וואָס איז פאַררעכנט ווי אַ מעשה, וועט מען אַריינגיין אין ארץ ישראל. דעריבער שטייט כי תבא וירשת וגו' ולקחת, און דעריבער שטייט דערביי 'והיה' וואָס איז אַ לשון עבר, נאָר דער וא"ו דרייט עס איבער אויף להבא, צו זאָגן אַז דאָס וואָס ס'וועט זיין במעשה איז שוין געווען דורך דער מחשבה. די מחשבה איז אַן הכנה צו קיום המעשה בפועל, ווייל אַ קדושה'דיגע זאַך דאַרף אַן הכנה, און די מחשבה איז אַ בחינה פון "אמצעות" צווישן דעם העדר קודם להויה און קיום המעשה.

אַזוי אויך דאָ, ווען ס'ענדיגט זיך דאָס יאָר מיט הבל, און די מעשים טובים זענען נאָך נישטאָ, מ'האַלט פאַר די ימים נוראים וואָס קומען, ווען מ'וועט מקיים זיין אַזויפיל מצוות בפועל ממש: מצות שופר, מצות תשובה צוריקצוקערן צום אויבערשטן, זאָגן מלכיות זכרונות שופרות וואָס איז מדברי סופרים, די מצוה פון שביתת יום הכיפורים און די מצוות פון סוכות – שטייט מען דעריבער אויף פאַרטאָגס די טעג פאַר ימים נוראים, מעורר צו זיין די הערצער, זיך אויפצואוועקן פונעם שלאָף פונעם זמן, און טראַכטן גוטע מחשבות, מקבל צו זיין אויף זיך דעם עול מלכות שמים און מקיים זיין די מצוות פון אויבערשטן במעשה, ווייל די גוטע מחשבה וועט דער אויבערשטער רעכענען און מצרף זיין למעשה, ס'זאָל זיין אַן הכנה פאַר די ימים נוראים הבעל"ט, אין אַ בחינה פון מקשר זיין דעם אחרית שנה מיט'ן ראשית שנה וואָס קומט.

## היילגן דעם קולמוס הלב

אַן אַנדערן טעם גיט דער ייטב לב זי"ע (ייטב פנים מאמר שירת דודי אות ח"י) צום מנהג וואָס מ'זאָגט סליחות חודש אלול. לויט ווי דער אלשיך הק' איז מפרש דעם פסוק (דברים ג, כג) ואתחנן אל ה' וגו' לאמר. ווייל ווער ס'האָט דעת, ווערט באַהערשט מיט אַ פאָרכט און אַ ציטער, ער ווערט צעטרייסלט פאַר השי"ת, ביז ער האָט מער נישט קיין כח צו באַוועגן זיינע ליפּן און דאַווענען, ווייל ער זאָגט צו זיך, ווער בין איך דען צו דאַווענען פאַר'ן מלך מלכי המלכים הקב"ה. דאָס שטייט "אשאלה ממנו מענה לשון, היה עם פיפיות וכו'"; דאָס האָט מען מתקן געווען צו זאָגן "ה' שפתי תפתח" פאַר דער שמונה עשרה. און דאָס האָט משה רבינו געזאָגט "ואתחנן אל ה' וגו' לאמר", איך זאָל זיין בכח צו זאָגן פאַר'ן אויבערשטן מיין בקשה. ביז דאָ שטייט אין אלשיך.

לדעתי – פירט דער ייטב לב אויס – איז דאָס דער ענין וואָס מ'פירט זיך צו זאָגן סליחות און תחנונים אין די טעג, ווייל ווער קען דען זאָגן זכיתי לבי, כ'האָב אויסגערייניגט מיין מויל און מיין צונג, כ'האָב נישט גערעדט דערמיט אַ זאַך וואָס איז קעגן אויבערשטנ'ס ווילן. אויב אַזוי, ווי קען אַ פה דובר נבלה רעדן פאַר'ן באַשעפער אין הימל? איז די עצה דערצו, צו הייליגן דאָס מויל מיט די ווערטער פון סליחות ותחנונים, ווייל דער לשון איז דער קולמוס הלב, און דאָס איז ווי מ'איז מקדש דעם קולמוס מיט'ן שרייבן דעם אות קודש השם.

## לך ה' הצדקה ולנו בושת הפנים

הגה"צ רבי יחזקאל פאַנעט פון טערצאַל זצוק"ל, וועלכער איז געווען אַ פלאַמפייערדיגער חסיד פון הייליגן צאַנזער רב זי"ע, פלעגט זאָגן בזה הלשון: "ווען דער הייליגער רב האָט געזאָגט 'טעמו וראו כי טוב ד'' האָבן מיר געפילט אַז דער הייליגער רב פילט ווי דער באַשעפער איז טאַקע גוט. ווען דער הייליגער רב האָט געזאָגט "לך ד' הצדקה ולנו בושת הפנים", האָבן מיר געפילט אַז דער הייליגער רב שעמט זיך טאַקע פאַר'ן באַשעפער!"

*

לויט ווי כ'האָב געהערט אין נאָמען פון מיין מחותן הצדיק הק' ר' אשר ז"ל אבדק"ק ראָפּשיץ: "לך ה'", אויב טוט מען די מצוות פאַר

דיינעט וועגן, "הצדקה", איז אויך דער שכר וואָס מ'באַקומט בלויז אַ צדקה און אַ חסד, אָבער "ולנו", אויב טוען מיר די מצוות פאַר אונזערע געברויכן, "בושת הפנים", שעמען מיר זיך שוין אויפצוהייבן דעם פנים (ייטב פנים פרשת פרה אות ד).

*

הגה"ח רבי ישראל שמעון קאַסטילעניץ זצ"ל ברענגט (מזקנים אתבונן ח"א עמ' קמ"ז) אַז דער הייליגער באַרדיטשובער רב זי"ע איז אַמאָל אַריינגעקומען צו זאָגן סליחות מוצאי שבת אין אַ שפּעטע שעה, און מ'האָט נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס ער האָט אַזוי געשפּעטיגט. נאָך די סליחות האָט ער זיך אָנגערופן: כ'האָב געטראַכט ביי מיר, מ'גייט אָט זאָגן 'לך ה' הצדקה', האָב איך נישט געקענט ביי מיר פועל'ן צו זאָגן די ווערטער. אידן זענען דאָך אין אַזאַ שווערן מצב. נאָכדעם האָב איך זיך באַרעכנט, דאָס איז פשט ווען מיר זאָגן לך ה' הצדקה, איז ולנו בושת הפנים... שעמען מיר זיך אַזוינס צו זאָגן.

*

אַמאָל האָט הרה"ק רבי מאיר'ל פּרעמישלאַנער זי"ע געשריגן פאַר סליחות אַז ער קען נישט זאָגן קיין סליחות, ווייל ער קען נישט זאָגן קיין ליגנט. און ווי וועט ער קענען זאָגן 'ולנו בושת הפנים', בעת ער שפּירט ביי זיך אַז ער האָט נישט גענוג בושה פאַר'ן אויבערשטן.

נאָכדעם האָט ער זיך באַרואיגט און געזאָגט: דער פשט איז אַזוי. 'לך ה' הצדקה', דאָס וואָס אידישע קינדער געבן צדקה, איז נאָר צוליב דיין כבוד וועגן. מיר טוען אַזוי ווייל דו האָסט אונז געהייסן. אויב אַזוי, 'ולנו בושת הפנים'? האָבן מיר זיך דען פון עפּעס וואָס צו שעמען! - און רבי מאיר'ל פּרעמישלאַנער האָט באַלד אָנגעהויבן זאָגן סליחות (דברי מאיר עמ' קי"ד בשם ספר מליצי אש כ"ט אייר).

*

אַמאָל מוצאי שבת די ערשטע נאַכט פון סליחות איז הרה"ק דער טריסקער מגיד זי"ע געזעסן ביי זיך אין שטוב און עס זענען געשטאַנען פאַר אים עטליכע חסידים, צו וועלכע ער האָט גערעדט הויכע ענינים כדרכו בקודש.

איז אַריינגעקומען איינער פון די אייניקלעך און געפרעגט דעם זיידן פאַרוואָס ער קומט נישט אַריין אין בית המדרש, ס'איז שוין צייט צו זאָגן סליחות. האָט אים דער הייליגער טריסקער מגיד געפרעגט: דו ביסט שוין גרייט? האָט דאָס אייניקל צוריק געפרעגט: איז דען דער זיידע נאָכנישט גרייט? האָט דער טריסקער מגיד געענטפערט: זיכער בין איך נישט גרייט! ווי קען איך דען גיין זאָגן סליחות?

דאָ האָט דער טריסקער מגיד אָנגעהויבן זיך איינ'טענה'ן מיט כביכול כלפי מעלה: מען הייבט אָן סליחות מיט די ווערטער 'לך ד' הצדקה', לאָמיר זען, וויאַזוי פירט זיך אין דער וועלט אַ טאַטע ווען ער האָט ח"ו אַ זון וואָס טויג נישט, ער וועט דאָך זען צו טאָן מיט יענעם קינד ווי מער גוטס כדי ער זאָל נישט ווערן ערגער ח"ו, ובפרט מיר אידן זענען דאָך גוט און ערליך. אָבער **'ולנו בושת הפנים'** דאָס איז דאָך אמת, דעריבער לאָמיר גיין זאָגן סליחות.

און ער איז ערשט דעמאָלט אַריין זאָגן סליחות אין בית המדרש (סיפורים ומאמרים יקרים עמ' נה).

*

הגה"ח רבי אהרן יוסף לוריא זצ"ל בעל עבודת פנים שרייבט אין אַ בריוו: רבי משה קליערס זצ"ל האָט דערציילט בשם אדמו"ר מהר"ש [מסלאָנים] זי"ע, ס'שטייט **"לך ה' הצדקה ולנו בושת הפנים"**. וואָס איז די בושה צו נעמען צדקה פון אַזאַ גרויסן גביר ווי השי"ת? נאָר דער ענין איז, ווייל השי"ת העלפט און גיט יעדן ברוחניות וגשמיות. אָבער ס'איז אַ בושה אויף וואָס מען פאַרטוט דאָס. אויף שטותים און הבלים (מזקנים אתבונן ח"א עמ' ד"ש).

## מעביר ראשון ראשון

הרה"ק בעל יסוד העבודה מסלאָנים זי"ע האָט געזאָגט: מעביר ראשון ראשון, לכאורה, פאַרוואָס זאָגט ער אַ לשון "מעביר", און נישט "מכלה" ראשון ראשון? נאָר די גמרא זאָגט דאָך (יומא פו:) אַז דער וואָס טוט תשובה מאהבה דרייט מען איבער די זדונות פאַר זכיות. דעריבער פאַרלענדט נישט הקב"ה די חטאים, נאָר ער איז זיי מעביר. ער היט זיי אָפּ, אויב וועט נאָך דער מענטש זוכה זיין צו תשובה מאהבה, וועט פון זיי ווערן זכיות (תורת אבות עמ' רמח).

*

הרה"ק רבי מרדכי מלעכאָוויטש זי"ע האָט געטייטשט: מעביר ראשון ראשון, יעדעס מאָל וואָס אַ איד טוט תשובה אויף זיינע חטאים, אפילו ער פאַלט ווידעראַמאָל דורך, הייסט ער נאָך אַלץ אַ "ראשון" (שם עמ' רמה).

## ומול את לבבינו

עס האָט דערציילט הרה"ח ר' יהושע ווינשטאָק ע"ה די פאָלגנדע מעשה וואָס ער איז געווען דערביי.

הרה"ק רבי יהושע'לע טאָמאָשאָווער זי"ע איז כידוע געווען אַ באַרימטער מוהל. אַמאָל איז ער געקומען קיין דעעש אין איינע פון די סליחות טעג, אינמיטן אַ גאָר שווערן רעגנדיגן וועטער, און ווען ער איז דאָרט אָנגעקומען אין די פאַרטאָגס שעה'ן, האָט מען אים מכבד געווען צו זאָגן סליחות פאַר'ן עמוד.

בעת רבי יהושע'לע האָט געהאַלטן פאַר'ן זאָגן די ווערטער "ומול את לבבינו", האָט ער זיך אויסגעשמועסט כלפי מעלה:

"רבונו של עולם, קוק מיך אָן. כ'בין אַלט און שוואַך, פונדעסטוועגן, אויב איז מיך איינער מכבד מיט מוהל'שאַפט, זאָג איך קיינמאָל נישט אָפּ. כ'בין גרייט צו גיין אין די דערפער, אין די בלאָטעס, אין די גליטשן און אין די שנייען. כ'קוק נישט אויף מיין געזונט-מצב אין וועלכן איך געפין זיך. דיר, רבונו של עולם, קומט דאָך אַלעס אָן לייכט, ס'איז דיר נישט שווער, דו ביסט דאָך אַ כל יכול, דו האָסט נישט די אַלע עיכובים, און גאַנץ כלל ישראל איז דיך מכבד מיט מוהל'שאַפט, בעטן מיר עס זאָל שוין זיין: 'ומול את לבבינו'"...

האָט רבי יהושע ווינשטאָק אויסגעפירט אַז בעת הרה"ק מטאָמאָשאָוו האָט געזאָגט די ווערטער, זענען דאָרט אין בית המדרש געווען אויסטערלישע יללות ובכיות. ר' יהושע ווינשטאָק אַליין האָט זייער געוויינט בעת ער האָט עס איבערדערציילט.

## כדלים וכרשים דפקנו דלתיך

מרן רבינו הקוה"ט זי"ע האָט געזאָגט אויף דעם וואָס מיר זאָגן אין די סליחות 'כדלים וכרשים דפקנו דלתיך'. וואָס איז דער כ"ף הדמיון? מיר זענען דאָך באמת דלים ורשים. וועלכע דור איז נאָך געווען אין אַזאַ תכלית השפלות און דיוטא התחתונה ווי מיר זענען, קען דען נאָך געמאָלט זיין מער אָרעם ווי מיר זענען?

נאָר קען זיין אַז אויף דעם אַליין, פאַרוואָס מיר זענען נישט מכיר די ווייניגקייט פון אונזער ווערד, זענען מיר זיך מתוודה, און מיר זענען מודה על האמת לאמיתו אַז מיר זענען אמת'דיג אָרעם, מיר האַלטן זיך נאָר ליידער אַזוי ווי דלים און אַזוי ווי רשים, מיט אַ כ"ף הדמיון. דאָס באַוויינען מיר אין די סליחות, מיר רעדן פון אונזער שפלות, פאַרוואָס מיר זענען נישט מכיר אונזער אמת'ן מצב, און מיר האַלטן זיך נאָר כדלים וכרשים מיט'ן כף הדמיון (דברי יואל ליל יו"כ דף שמא:).

## אל תשליכנו מלפניך

כ"ק אדמו"ר מתולדות אהרן זצ"ל שרייבט אין אַ בריוו (אסיפת מכתבים ח"א עמ' כא), די תפילה וואָס מיר בעטן סליחות און ימים נוראים "אל תשליכנו מלפניך", איז די שטערקסטע פון אַלע תפילות, ווייל ווילאַנג אַ מענטש האָט צום ווייניגסטנס אַביסל התקשרות מיט הקב"ה, קען ער באַלד אָנהויבן לערנען און דאַווענען און ס'פעלט אים גאָרנישט, אָבער ווער ס'ווערט פאַרשטויסן פון אור פניו ח"ו, דער איז אין אַ בחינת ואנכי הסתר אסתיר פני, און אויף דעם שטייט (ירמיה ב) כי רע ומר עזבך את ה'. ס'איז נישטאָ קיין שלעכטערע זאַך פון דעם.

## עוזך, פארך

הרה"ק בעל שארית מנחם מווישאָווע זצ"ל האָט געזאָגט אויף דעם וואָס מ'זאָגט: "עשה למען עוזך עשה למען פארך". - "עשה למען עוזך", באַשעפער טו צוליב דיין תורה, ווייל חז"ל זאָגן 'אין עוז אלא תורה', אויב וועסטו זאָגן, מ'לערנט דאָך נישט קיין תורה, דעמאָלט "עשה למען פארך", פא"ר איז נוטריקון **א**'ונס **ר**'חמנא **פ**'טריה (שיח זקנים ח"ד עמ' קעט).

## ומפגיע אין בעדינו

עס האָט דערציילט הגה"צ רבי נתן יוסף מייזעלס זצ"ל אבד"ק אבני שלמה, אַז מרן רבינו הקוה"ט זי"ע האָט דערציילט וואָס ס'איז אַמאָל געווען מיט מרן הגה"ק בעל דברי חיים מצאַנז זי"ע בעל דברי חיים. אַמאָל נאָך סליחות איז דער צאַנזער רב צוגעגאַנגען צו איינעם פון די גדולי הרבנים וואָס האָט זיך מסתופף געווען בצל קדשו, און אים געפרעגט אין וועלכע מחשבה ער איז אַזוי פאַרטיפט. האָט יענער געענטפערט: ס'איז מיר שווער געוואָרן וויאַזוי זאָגן מיר ביי סליחות **'ומפגיע אין בעדנו', מיר האָבן דאָך דאָ מיט אונז דעם הייליגן רב, וועלכער איז מיט זיין כח התפלה מפגיע בעדנו און פאַר'ן גאַנצן כלל ישראל?**

אַזוי האָט יענער רב געזאָגט, און דער הייליגער דברי חיים האָט גאָרנישט געענטפערט אויף זיינע ווערטער (אמרי דבש פרק כ"א עמ' קעו).

## כמה שכתוב

**קבץ נדחינו כמה שכתוב וכו', מחה פשעינו כמה שכתוב וכו'. אַזוי טרעפט מען נאָך פילע מאָל אין סליחות דעם לשון "כמה שכתוב". וואָס דאַרף מען עס זאָגן, ס'קען דאָך שטיין, קבץ נדחינו, מחה פשעינו, השב שבותינו, אַלעס בדרך תפילה, וואָס פעלט אויס דער 'כמה שכתוב'?**

נאָר, האָט דער הייליגער רוזשינער זי"ע געזאָגט: ס'איז באַקאַנט דער דין (קידושין לב.) אַז ס'איז אסור צו זאָגן פאַר אַ טאַטן: טאַטע, דו האָסט עובר געווען אויף דברי תורה, כדי נישט עובר צו זיין אויף כיבוד אב. נאָר מ'מוז זאָגן: טאַטע, אַזאַ פסוק שטייט אין דער תורה, און דער טאַטע וועט שוין אַליין פאַרשטיין. דערפאַר זאָגן מיר "כמה שכתוב", השי"ת ווייסט און פאַרשטייט אַז 'בנים אתה לה' אלקיכם (דברים יד, א), און אַלס קינדער זענען מיר מחוייב צו זאָגן: **טאַטע, ס'איז אַ פסוק וואָס שטייט אין דער תורה** (עירין קדישין השלם ח"א עמ' שא).

# פאַרוואָס "סליחות" און נישט בקשות

הרה"ק רבי יוסף מסטאַנוב זצ"ל ברענגט אין זיין ספר גנזי יוסף (לסליחות ד"ה ועיקר), אַ טעם פאַרוואָס מ'רופט די טעג מיט'ן נאָמען ימי סליחות, און נישט ימי בקשות. ווייל די אותיות **סל"ח זענען גימטריא 98 , בעט מען השי"ת ער זאָל אונז מציל זיין פון די אַלע צ"ח קללות** וואָס ווערן דערמאַנט אין דער תורה... יעצט ווען ס'איז סוף יאָר, און ס'זענען געבליבן עבירות וואָס מ'דאַרף באַקומען אויף זיי אַ שטראָף ביז ראש השנה, בעט מען הקב"ה זאָל זיך מרחם זיין מיט זיינע גרויסע חסדים, צו פאַרגרינגערן דעם עונש און רחמנות האָבן אויף אונז.

### הקובע מקום לתפלתו:

# א' סליחות אין "מחזיקי תורה שול" אין סאטמאר

אינדערהיים אין שטאט 'סאטמאר', דורכאויס די יארן וואס דער רבי האט דארט משמש געווען ברבנות, פון יאר תרצ"ד ביז תש"ד, פלעגט דער רבי יעדן יאר א' סליחות, זאגן סליחות אינעם ביהמ"ד "מחזיקי תורה", וואס איז געשטאנען בנשיאות דעם סאטמארער דיין הגה"צ רבי **אברהם חנוך פריעדמאן** זצ"ל הי"ד, אן אייניקל פון **מרן החתם סופר** זי"ע.

די אורזאך דערפון איז געווען, ווייל ווען דער רבי איז געקומען קיין סאטמאר צו דינען אלס רב, אין יאר תרצ"ד, האט נאך דער רבי נישט פארמאגט קיין אייגן דירה און ביהמ"ד.

מיט דער צייט האט מען טאקע אנגעהויבן צו בויען פאר'ן רבי'ן א דירה און גרויסן ביהמ"ד אויף די "יאזשעף הערצאג גאס" אין סאטמאר (היינט צוטאגס הייסט די גאס: Strada Bujorului), אבער אינצווישן ביז דער הויז און ביהמ"ד איז פארטיג געווארן האט דער רבי געהאט זיין אכסניא אין דער דירה פון הרבני הנגיד ר' **יוסף פריינד** ז"ל (זון פון הרבני החסיד הנגיד המפורסם ר' **חיים פריינד** ז"ל ראש הקהל אין סאטמאר) וועלכעס האט זיך געפונען אויף דער "פאטאפי גאס" אין סאטמאר, און צום דאווענען פלעגט דער רבי נוצן דעם דערנעבנדיגן ביהמ"ד "מחזיקי תורה" וועלכעס האט זיך געפונען אויף דעם "בעהם גאס" אין סאטמאר (היינט צוטאגס הייסט די גאס: Str. Episcop Ham Janos).

דער דיין הגה"צ רבי אברהם חנוך זצ"ל האט בעין יפה איבערגעגעבן דאס ביהמ"ד פאר'ן רבי'ן. ביז דאן האט מען אין "מחזיקי תורה שול" זיך געשטעלט דאווענען יעדן שבת צופרי האלב ניין, אבער וויבאלד דער רבי האט זיך געוואלט שטעלן דאווענען צען אזייגער האט מען מקדים געווען און געדאווינט אכט אזייגער; אזוי, אז צען אזייגער איז מען שוין געווען פארטיג מיט'ן דאווענען, און דאן האט דער רבי זיך געשטעלט דאווענען.

דעם ערשטן הושענא רבא וואס דער רבי האט געפראוועט אין סאטמאר אלס רב בשנת תרצ"ה, האט דער רבי אויך אפגעראכטן די הייליגע עבודה, די הושענות מיט די דרשות, אין דער "מחזיקי תורה" שול. עס האט זיך דארט צוזאמגעקליבן א ריזן ציבור וואס איז געקומען פון נאענט און ווייט מיטהאלטן דעם געהויבענעם טאג בצל הקודש. דאס דאווענען און הושענות האבן גענומען לאנגע שעה'ן, און ווען מ'איז פארטיג געווארן איז שוין געווען אזוי שפעט, אז מ'האט זיך באלד געדארפט שטעלן דאווענען מעריב. מ'האט ניטאמאל געקענט אפרייניגן דאס ביהמ"ד פון די בלעטער פון געקלאפטע הושענות און אנדערע אנגעווארפענע זאכן וועלכע האט זיך אנגעקליבן פונעם גרויסן ציבור וואס האט דארט געדאווינט.

די אשכנזי'שע אידן, די קביעות'דיגע מתפללים, האבן שוין אנגעהויבן צו קומען צום דאווענען ווען דאס ביהמ"ד איז נאך געווען אנגעלייגט. דערצו זענען געווען עטליכע בענק וואס האט זיך צעבראכן מחמת ריבוי עם. זענען געווען עטליכע אידן וואס האבן זיך אפגערעדט אז מ'קען נישט אזוי אנגיין; מען מוז עפעס טון דערוועגן.

איז עמיצער געקומען דערציילן פאר'ן מרא דאתרא הגה"צ רבי אברהם חנוך זצ"ל, אז עס זענען דא עטליכע אידן וואס פארפירן אז מ'קען מער נישט צולאזן אז מען זאל נוצן דאס ביהמ"ד פאר'ן רבי'ן, ווייל דאס מאכט אן איבערקערעניש און ברענגט פארשידענע שאדנס. אריינקומענדיג אין ביהמ"ד, איז הגה"צ רבי אברהם חנוך באלד ארויפגעגאנגען אויפ'ן באלעמער און אויסגעקלאפט: "מורי ורבותי, דאס אלעס וואס מיר זעען אין ביהמ"ד איז 'שיירי מצוה' פון אן עדה קדושה וואס האט דא געדאווינט, און חכמינו ז"ל זאגן דאך (מנחות סב.) 'שיירי מצוה מעכבים את הפורענות'. דאס וועט אונז היטן אז מיר זאלן קיין שום שלעכטס נישט האבן..." מיט דעם האבן אלע טענות ומענות זיך אפגעשטעלט. (די הקפות יענעם יאר, שנת תרצ"ה, האט דער רבי אפגעראכטן אין אורשיווער ביהמ"ד וואס האט זיך געפונען אויף 30 באטאהרי גאס, היינט צוטאגס הייסט די גאס: Martirilor Deportați).



דער ביהמ"ד מחזיקי תורה בבנינה

כמעט א יאר צייט האט דער רבי געפראוועט די תפילות און עבודת הקודש אין די "מחזיקי תורה שול", ביז דעם רבי'נס הויז און ביהמ"ד זענען פארטיג געווארן. דעם לעצטן שבת איידער דער רבי האט זיך אריינגעצויגן אין זיין הויז און ביהמ"ד, האט דער רבי געדאווינט מיט'ן ערשטן מנין וואס האט זיך דעמאלט געשטעלט האלב ניין, און נאכ'ן דאווענען האט דער מרא דאתרא הגה"צ רבי אברהם חנוך זצ"ל געגעבן א גרויסן קידוש לכבודו פונעם רבי'ן.

אלס הכרת הטוב פאר'ן דיין רבי אברהם חנוך זצ"ל האט דער רבי דאן אויסגעדריקט זיין ווילן צו קומען דאווענען דא ווייטער כאטש איין מאל אין יאר, און האט געגעבן פאר רבי אברהם חנוך זצ"ל די געלעגנהייט זיך אויסצוקלויבן וועלכע תפילה דאס זאל זיין. רבי אברהם חנוך זצ"ל האט אויסגעוועלט אז דער רבי זאל קומען דארט דאווענען דעם ערשטן טאג סליחות. און אזוי איז טאקע געווען. יעדעס יאר א' סליחות איז דער רבי געקומען זאגן די סליחות אין דער מחזיקי תורה שול, וואו עס פלעגט זיך צוזאמקומען גאר א גרויסער ציבור לשמוע אל הרנה ואל התפילה. (מפי הרה"ח ר' יוסף צבי ראזענבערג ז"ל).

הגה"ח רבי לייבוש שווארטץ ז"ל שילדערט זיינע זכרונות פון איין יאר, מוצאי שבת פאר סליחות, ווען דער רבי איז געווען פארנומען די גאנצע נאכט מיט'ן אויפנעמען די חסידים וועלכע זענען געקומען זיך קוויטלען לכבוד די בעפארשטייענדע הייליגע טעג. דער רבי האט נישט מרגיש געווען ווי עס איז געווארן שפעט, און אז עס איז שוין אנגעקומען די צייט צו גיין צו סליחות. מיטאמאל האט זיך דער רבי א כאפ געטון, און האט זיך באלד אויפגעשטעלט פון ארט און ארויסגעלאפן צום "מחזיקי תורה שול".

ר' לייבוש ז"ל פירט אויס: ווי אזוי א "סליחות זאגן" מיט'ן רבי'ן האט אויסגעזען איז נישט שייך צו שילדערן. באלד ווען דער רבי זי"ע האט אנגעהויבן צו זאגן "אשרי יושבי ביתך" איז שוין דאס ביהמ"ד פארוואנדלט געווארן אין א פלייץ פון טרערן.

**בזעקתם בעוד ליל**



מושפלת עד שאול תחתיה - דאס ארט וואו עס איז געשטאנען דער ביהמ"ד מחזיקי תורה אין סאטמאר, ווי אזוי עס זעט אויס היינט צוטאגס - בילד גענומען פאריגע וואך י"א אלול תשפ"ב



אנדעק-טאוול אויפ'ן ארט וואו עס איז געשטאנען דער ביהמ"ד "מחזיקי תורה" אין סאטמאר




הגאון הקדוש המפורסם רבי מרדכי דוב טווערסקי פון הארנסטייפל [וואס ווערט אנגערופן רבי מאטעלע הארנאסטייפעלער] איז דער זון פון הרב הצדיק רבי משולם זוסיא יצחק זצ"ל [רבי זושא טאלמיטשער] אויערבאך, בן האדמו"ר רבי מיכל'א מקירמא, בן האדמו"ר רבי צבי מנחם מענדל, בן הרה"ק הרבי ר' זושא מאניפאלי, זי"ע ועכי"א)

די מוטער פון רבי מאטעלע, איז געווען די טאכטער פון הצדיק הקדוש רבי יעקב ישראל טשערקאסער זצ"ל (בן הרה"ק רבי מרדכי מטשערנאביל, בן הרה"ק רבי נחום טשערנאבלער בעמ"ח ספה"ק מאור עינים זי"ע. רבי מאטעלע'ס זיידע דער "טשערקאסער" איז געווען אן איידעם פון הרה"ק דער "מיטעלע רבי" דער זון פון הייליגן תניא זי"ע. רבי מרדכי דוב האט געהייסן נאך זיינע צוויי גרויסע זיידעס, רבי מרדכי טשערנאביל, און רבי דוב בער מליבאוויטש דער מיטעלער רבי. ווען רבי מאטעלע איז געווען יונג איז ער ל"ע געווארן א יתום פון זיין מאמע און נאכדעם פון זיין טאטע, איז ער (מיט זיינע שוועסטער) אויפגעוואקסן ביים גרויסן זיידן (זיין מאמע'ס טאטע) רבי יעקב ישראל מטשערקאס ז"ל, און ער האט באקומען דעם נאמען טווערסקי אזויוי זיין זיידע און די גאנצע הייליגע גזע פון טשערנאביל.

פון גאר יונג איז ער געווען אן "עילוי" סיי אין לערנען און סיי אין עבודת השם. ביי די צען יאר האט ער געקענט אסאך מסכתות בעל פה [ער האט געוואוסט וויפיל מאל עס שטייט רבא אין די מסכת] אויך אין צדקות איז ער געווען אן עילוי. ביי די עלף יאר פלעגט ער אויפשטיין יעדע נאכט ביי חצות און וויינען מיט גרויסע בכיות אויף'ן חורבן בית המקדש, גלות השכינה און צרות ישראל.

זיין גוטע נאמען איז אנגעקומען ביז קיין גאליציא. ווען עס האט זיך דערוויסט פון אים דער רבן של ישראל רבינו הקדוש בעל דברי חיים מצאנז זי"ע, האט ער אים גענומען פאר א חתן [דורך א שליח] פאר זיין טאכטער, און כאטש דער צאנזער רב האט נישט געזען דעם חתן נאר דורך א שליח, האט ער געזאגט איך ווייס אז דער חתן לערנט תורה לשמה און לייכט ווי די זון אינמיטן טאג...

נאך זיין חתונה מיט די טאכטער פון הייליגן דברי חיים, איז רבי מאטעלע פארבליבן אין הארנסטייפל ביים זיין זיידן און געשטיגען גאר גרויס, אז ביי די אכצן יאר האט ער מחבר געווען זיין ספר אויף מקוואות, "חיבור לטהרה".

דאס גרויסקייט פון רבי מאטעלע איז ממש וואונדערליך, ווייל ער איז געווען אן עמוד התורה, מחבר געווען די גאונ'ישע ספרים שו"ת עמק שאלה, חיבור לטהרה-מקוואות, תורי זהב - הל' ריבית. ער האט זיך געשריבן מיט די גרעסטע גאונים בימיו. צ.ב.ש. הגאון מהרי"ל דיסקין זצ"ל, הבית שלמה, השואל ומשיב ועוד.

ער איז געווען אן עמוד העבודה א רבי פון טויזענטער חסידים און א פועל ישועות, ער האט געזאגט תורה פערציג יאר, פון זיין יונגן עלטער פון דריי און צוואנציג יאר! (וואס זיין זיידע האט אים געמאכט הארנסטייפלער רבי) ביז זיין פטירה ביי דריי און זעכציג יאר, כ"ב אלול תרס"ג. זיינע ספרים אויף תורה זענען "פלא יועץ", "און עמק חכמה".

אויך איז ער געווען אן עמוד גמילת חסדים. ער האט אוועקגעגעבן כל אשר לו פאר אידנ'ס וועגן. ער פלעגט זאגן אז א רבי איז נאר א "גבאי צדקה". ער נעמט פון דעם איד און גיבט פאר דעם אנדערע איד. ווען זיין רעביצין האט זיך איינמאל באקלאגט פאר אים אז ער לאזט גארנישט איבער אין שטוב, האט ער איר געענטפערט איך ווייס נישט וואס דו ווילסט, דעם דרך האב איך דאך געלערנט ביי דיין טאטן דער דברי חיים...

ער האט איבערגעלאזט זון און איידעמער גאונים וקדושים מאורי התורה, צווישן זיי איז אויך זיין איידעם הרה"ק רבי שלום אליעזר מראצפערט זצ"ל (פון די יונגסטע קינדער פון דברי חיים) שווער פון רבינו הגה"ק מרן מהרב"צ מבאבוב זצוק"ל - בעמח"ס קדושת ציון.

## אייער זון וועט אייך אויסהאלטען

עס האט אמאל דערציילט א חסיד א מעשה וואס ער האט געהערט פונ'עם בעל העובדא אליין, א איד, זיינער א לאנדסמאן א בעל מלאכה מיט'ן נאמען ר' לייב האט געהאט א זון מיט'ן נאמען שמואל יוסף, א בן יחיד, און נפשו חשקה בתורה ער פלעגט גיין אין בית המדרש און געזעסן דארט און געלערענט טאג און נאכט מיט גרויס התמדה און אזוי ווי דער פאטער ר' לייב איז געוועהן א איש פשוט האט ער זיך ארומגעטראגן מיט א ערענסטע דאגה וואס פאר א תכלית וועט מיין זון האבן פון דעם זיצן און לערנען, פון וואו וועט ער האבן פרנסה אין דער צוקונפט, אז ער לערנט זיך גארנישט אויס עפעס א פאך וכדו'.

א צייט שפעטער איז דער ר' לייב אוועקגעפארן געשעפטליך, איז ער אונטערוועגנס אריין צו רבי מאטעלע און אים דערלאנגט א קוויטל אין וועלכען ער האט געשריבען בקשות סיי בנוגע פאר זיך סיי בנוגע דעם צוקנפט פון זיין זון שמואל יוסף, דער רבי האט באטראכט דאס קוויטל און האט אים געענטפערט קודם בנוגע זיין משפחה, און בנוגע זיין זון האט ער געזאגט אזוי: "דו דארפסט דיך נישט זארגן פאר זיין עתידות ווייל ער איז שוין מסודר און ער וועט גאר זארגן פאר דיר"

ווען ער האט געזאגט די ווערטער איז עס פאר ר' לייב געווען אומפארשטענדליך, אבער שפעטער ווען ס'איז געווארן שלעכטע צייטן און די באלשוויקעס האבן אנגעהויבן צו שאַפן אויפ'ן לאנד און האבן אוועקגערויבט פון אים אלעס וואס ער האט פארמאגט, קוים וואס ס'איז געבליבן אויף לחם לאכול. איז דעמאלט געווען ריוח והצלה יעמוד ליהודים ממקום אחר דער זון שמואל יוסף איז אויסגעוואקסן אין די צייט א געוואלדיגער גדול בתורה ער איז ארויס פון לאנד און איז אויפגענומען געווארן אלס ראב"ד אין אנטווערפן און ער האט אויסגעהאלטן זיין אלטן טאטן, (אזוי ווי דער רבי האט אים דעמאלט געזאגט) ער האט אים אויסגעזארגט

מיט אלע הצטרכות'ן עסן, קליידונג, און געלט פאר לאנגע יארן. דער ר' שמואל יוסף האט זיך דערנאך אריבערגעצויגן קיין לאנדאן איז געווען דארט א גרויסע רב אין צדיק באקאנט מיט'ן נאמען "רב ראבינאוו זצ"ל".

## געשיקט א טעלעגראם, יעצט זיך שטעלן

אן אייניקל פון רבי מאטעלע איז אמאל געווען באזוכן ביי הרה"ק רבי ברוך'ל גארליצער זי"ע א שוואגער פון רבי מאטעלע און אויף זיין פארלאנג האט ער אים דערציילט עטליכע מעשה'ס פון זיין זיידן אלס "מופתים" האט אים רבי ברוך'ל געזאגט לגבי דיין זיידן איז דאס נישט געווען קיין רבותא. איינס פון די מופתים איז געווען וואס ביי אים אליין איז געשען ווען מ'האט געדארפט צושטיין אין די רוסישע מיליטער האט ער (דאס אייניקל, ר' יוסף משה שניאורסאהן) געזוכט פארשידענע תחבולות באפרייט צו ווערן, האט ער האט ער געהאט צוויי מעגליכקייטן איינס צו באצאלן א פרייז אויסלייז געלט, דאס צווייטע צו בעטן א "פטור" אלס א נישט געזונטער מענטש. האט אים דער זיידע געזאגט אז ער איז א מתנגד צום ערשטן אופן ווייל דאס געלט וועט נאר העלפן צו באפרייען זיך אליין אבער מ'וועט נעמען אן אנדער'ן איד אויף זיין פלאץ דערפאר זאל ער טון דעם אנדערן מיטל און ס'איז קיין שום ספק אז ער וועט בעזר השם באפרייט ווערן.

דער סוף איז געווען אז ווען ער האט האט זיך געשטעלט צו אונטערזוכן זיך ביי די מיליטערישע דאקטוירים איז געווען דער הויפט דאקטאר א גרויסער שונא ישראל און ער האט זיך גע'עקשנ'ט אז מ'זאל אים דווקא יא אננעמען אין מיליטער דינסט, כאטש וואס די אנדערע דאקטורים האבן יא מסכים געווען אים צו באפרייען דערפאר האט מען מדחה געווען זיין גורל צוליב דעם וויכוח צווישן דעם הויפט דאקטאר און די אנדערע. האט אים רבי מאטעלע געהייסן אז אויב ס'איז יא אזוי, דאן זאל ער פרובירן אפצושטופן זיין שטעלן זיך צום מיליטער ווי שפעטער מ'האט אים נאכגעגעבן.

איין טאג האט ער באקומען א טעלעגראם פון זיין זיידן אז ער זאל זיך שוין גיין שטעלן צו די לעצטע החלטה איז געשען א נס אז פונקט ביי די זיצונג וואס די דאקטוירים האבן געהאט צווישן זיך בנוגע דעם ענין איז דער הויפט דאקטאר דער שונא ישראל נישט געווען אנוועזנד ער איז ארויס פאנגן חיות ממילא איז נישט געווען קיין התנגדות קעגן די דאקטוירים און זיי האבן מסכים געווען אים צו באפרייען און ער איז אהיים בשלום.

## מיט זיינע הייליגע אויגן האט ער מחזיר בתשובה געווען

הגאון הקדוש רבי מאטעלע איז אמאל געקומען אין א דארף אין אוקעניא, די אידן דארט האבן זיך באקלאגט אויף דעם איד וועלכער האט געפירט די געשעפטן פון דעם פריץ פונעם דארף, אז ער טוט זיי אפ אסאך צרות, רבי מאטעלע האט געהייסן איינשפאנען א וואגן און פארן צום הויז פון דעם פושע ישראל, האט מען זיך ארויסגעלאזט אין וועג און עס זענען נאכגעפארן נאך וועגענער אידן צו באגלייטן רבי מאטעלע. אנקומענדיג אהין איז רבי מאטעלע געזעסן אין וואגן און האט געקוקט אין דעם ריכטונג פון דעם הויז, דער רשע זעענדיג פון הויז אז עטליכע וועגענער האבן זיך אפגעשטעלט אינדרויסן, איז ער ארויס אויפ'ן גאניק און געקוקט וואס ס'איז געשען, ווי נאר רבי מאטעלע האט אים דערזען האט ער אים אריינגעקוקט גלייך אין די אויגן אריין און דער מענטש האט צוריקגעקוקט אויף רבי מאטעלע, נאך עטליכע מינוט איז רבי מאטעלע אראפגעגאנגען פונעם וואגן און איז אריין אין דעם מענטשנ'ס הויז. ווען דער מענטש האט דאס געזען איז ער אראפגעגאנגען און האט אויפגענומען רבי מאטעלע און אים געבעטן זיך צו זעצן, האט זיך רבי מאטעלע געזעצט אנטקעגן איבער דעם מענטש און האט ווייטער אריינגעקוקט אין זיין פנים בערך פינף מינוט און האט נישט גערעדט קיין איין ווארט, דערנאך האט זיך רבי מאטעלע אויפגעהויבן און איז ארויס פון הויז, אין באגלייטונג פון דעם בעה"ב און רבי מאטעלע איז צוריק געפארן צו זיין אכסניא.

רבי מאטעלע איז אויף שבת פארבליבן אין יענעם דארף, מוצאי שבת זעען די גבאים ווי דער איד קומט צוגיין, און בעט מ'זאל אים אריינלאזן צום רבי'ן, האט מען עס איבערגעגעבן צו רבי מאטעלע און ער האט געהייסן מ'זאל אים תיכף אריינלאזן. רבי מאטעלע איז געזעצן מיט אים פארשלאסן און האט געשמועסט מיט אים צוויי שעה, ווען דער מענטש איז ארויס איז ער געווען א אנדערע מענטש ער האט געגעבן "תיקון" געלט פאר די חסידים, און ער האט באגריסט איידל יעדעם איינעם ער האט איינגעפירט כשרות און שמירת שבת אין זיין הויז און ער איז געווארן א פולשטענדיגער בעל תשובה.

## דער דאקטאר האט באוואונדערט

איינמאל ווען ער איז נישט געזונט געווען ער האט שטארק געהוסט אייז ער געפארן קיין קיעוו (רוסלאנד) צו א גרויסן דאקטאר, דער דאקטאר האט געזאגט אז מ'דארף אויסשניידן א שטיקל מכה אין רוקן און דאס מוז געמאכט ווערן מיט א גליענדיגען אייזן און ער זאגט אים פאראויס אז דאס זענען גרויסע יסורים און מ'דארף צובינדן דעם פאציענט צום בענקל כדי ער זאל זיך נישט קענען רירן פון פלאץ,

האט אים רבי מאטעלע געזאגט אז אים פעלט נישט אויס צוצובינדען און ער זאגט אים צו אז ער וועט זיך נישט רירן. האט דער דאקטאר באלד גענומען זיך צו דער ארבייט און אזוי איז טאקע געווען ער האט זיך קיין ריר נישט געגעבן די גאנצע צייט נישט אפילו א קרעכץ האט ער געגעבן, דער דאקטאר איז ארויס פון התפעלות און ער האט זיך אנגערופען צום רבי'נס זון וועלכער איז געווען דארט בשעת מעשה אז ער האט נעכטן דאס זעלבע געטון פאר א רוסישען קאזאק און יענער האט קוים ווי ער האט צוגערירט צו אים מיט'ן אייזן האט ער געגעבן אזא שפרונג אויף זיין פלאץ אז ער האט צעריסן אלע רצועות מיט וואס מ'האט אים צוגעבונדען און ער איז ארויסגעשפרינגען דורכן פענסטער, ווען רבי מאטעלע האט דאס אויסגעהערט און געזען ווי ער וואונדערט זיך אזוי שטארק האט ער זיך אנגערופען צום דאקטאר "גלייבט מיר פראפעסער אז ווען ס'קומט צו מיר א איד און לייגט מיר אראפ זיין פעקל צרות און מ'מוז אים העלפן אבער מיר קענען נישט, מיר האבן נישט דעם יכולת, טוט אונז מער וויי ווי דער געגליטער אייזן".




## מכריע געווען צווישן גדולי הדור

ווען הרה"ק רבי יושע'לע בעלזער זי"ע דער "מיטעלער רבי" האט זיך משדך געווען צוויי מאל מיט הרה"ק רבי אהרן מטשערנאביל זי"ע מיט רבי ישכר דוב און זיין ברודער הרה"צ ממאגרוב, נאך זייער חתונה האט דער בעלזער רב געוואלט אז זיי זאלן צוריקפארן קיין בעלז און דער סבא קדישא פון טשערנאביל האט געוואלט אז זיי זאלן בלייבן ביי אים, האט רבי מאטעלע מכריע געווען אז רבי ישכר דוב זאל בלייבן און דער ברודער זאל צוריקפארן.

יארן שפעטער ווען רבי ישכר דוב זי"ע האט נוהג געווען באדמורו"ת איז אמאל געווען ביי אים אן אייניקל פון רבי מאטעלע און רבי ישכר דוב האט אים ארויסגעוויזן אויסערגעווענליכע קירבות און ער האט אים געזאגט דיר קומט זיך גרויס קירבות אזוי אויך זייענדיג א גרויסער בנש"ק אבער נאך מער חשיבות האסטו וואס דו ביזט אן אייניקל פון רבי מאטעל'ע הארנאסטייפלער וועם איך בין מכיר טובה וואס דורך אים האב איך זוכה געווען צו בלייבן אין טשערנאביל במחיצתו פונעם הייליגן זיידן רבי אהרן זי"ע.

## הארנסטייפל האט צוריק באקומען איר גלאנץ

די רעביצין פון הרה"ק רבי שלום אליעזר מראצפערט זצוק"ל, די טאכטער פון הרה"ק רבי מאטעלע, האט דערציילט אז זיין זיידע הרה"ק רבי יעקב ישראל מטשערקאס א זון פון טשערנאבלער מגיד זי"ע האט קודם געוואוינט אין הארנסטייפל און נאכדעם האט ער זיך אריבערגעצויגן קיין טשערקאס.

די איינוואוינער פון הארנאסטייפל זענען געקומען מיט א טענה אז ביז היינט האבן זיי געהאט פרנסה בריוח פון דעם המון חסידים וואס זענען געקומען צו זייער שטאט זיך מסתופף זיין בצילא דמהימנותא און יעצט פעלט זיי דער איינקונפט.

דערפאר האט זיי הרה"ק מטשערקאס שפעטער אהינגעשיקט זיין אייניקל הרה"ק רבי מאטעלע וואס האט צוריקגעברענגט קיין הארנאסטייפל די המוני החסידים וואס זענען געקומען אל צל קורתו ליהנות מתורתו וקדושתו. אויף די שטאט איז ער מפורסם עד היום הזה "רבי מאטעלע הארנסטייפלער".

## געהאט א רפואה

הרה"צ רבי יעקב, הרב מלובען, א שוועסטער'ס א זון פון רבי מאטעלע האט דערציילט, אז רבי מאטעלע איז געקומען אויף שב"ק צו זיינע חסידים אין א שטעטל, און דער ר' יעקב איז אויך געפארן אהין אויף שב"ק ווען ער איז באלד זונטאג דערנאך אהיים געפארן האט זיין מוטער באמערקט אז די האנט זיינע איז שטארק געשוואלען, א סימן פון א פארגיפטונג רח"ל. איז זי באלד געלאפן מיט אים צום דאקטאר אין שטאט אריין און ער האט באלד באשטעטיגט אז ס'איז טאקע א פארגיפטונג

רח"ל, און כדי צו ראטעווען זיין לעבן מוז מען אראפנעמען די האנט רח"ל.

הערענדיג די ווערטער האט זי געטראכט, איין דאקטאר זאגט אזא זאך מוז נאך נישט זיין אז ס'איז אזוי, איז זי געגאנגען צו אן אנדערן רופא א איד, יענער האט - נאכ'ן אונטערזוכן אים - אויך דאס זעלבע געלאזט הערן, איז זי געגאנגען מיט אים צו א גרויסן פראפעסאר און יענער האט אויך געזאגט דאס זעלבע, נו, אז צוויי דאקטוירים זאגען שוין אזוי, הלא דבר הוא! האט זי גענומען איר זון און געקומען צו איר ברודער און מיט בכיות האט זי געבעטן ער זאל מעורר רחמים זיין אויף אים. איז רבי מאטעלע באלד מיט די באגלייטונג פונעם גבאי געלאפן אין מקוה אריין כאפן א טבילה, ווען ער איז צוריקגעקומען האט ער זיך אנגערופען צו זיין שוועסטער, איך זאג דיר צו אז בעז"ה וועט ער זיין פאלקאם געזונט און מ'וועט נישט דארף שניידן די האנט ח"ו און ער וועט נאך מיט די האנט טיילן א סאך צדקה".

זי איז צוריקגעגאנגען צום גרויסן פראפעסער מיט איר זון און ער זאגט איר אז ס'איז אים איינגעפאלן אינדערצווישן א געדאנק א נייעם אופן ווי אזוי מ'קען ראטעווען די האנט און נישט דארפן עס אראפנעמען אז מ'זאל אריין שפריצן שטארקע מעדיצינען אין די האנט אריין דורך אריינשטעכן מיט נאדלען אין די פארגיפטונג אליין וואס דאס וועט הרג'ענען די פארגיפטונג ס'איז אפילו פארבונדען מיט גרויסע יסורים אבער ס'איז כדאי. דער פראפעסער האט עס געטוהן און ס'איז אדורך מיט יסורים אבער מיט הצלחה.

דערציילענדיג די מעשה האט ר' יעקב אויפגעהויבען זיין ערמל פון די האנט און געוויזן פאר ר' יצחק די לעכער פון די געשטאכענע נאדלען אין זיין האנט, און אזוי ארום איז מקויים געווארן וואס דער רבי האט אנגעוואונטשען אז ס'איז נישט געבליבן אויף די האנט מער ווי צייכענעס, אבער די מחלה איז אינגאנצן אוועק ב"ה.






**דער פריץ וועט דיר נישט טוהן קיין שום שלעכטס**

ווען דער צדיק הרה"ק ר' מאטעלע הארנאסטייפלער איז נאך געווען סמוך על שלחן פון זיין זיידן דער סבא קדישא ר' יעקב ישראל פון טשערקאס, איז געקומען א איד, אן ארענדער, אן ארעמאן, צום טשערקאסער רבי'ן נאך א ישועה, באשר וואס זיין פריץ מאנט אים דאס געלט פאר די ארענדער, אבער ער האט דאך נישט פון ווי צו באצאלן. דער פריץ וויל נישט וויסן דערפון, איז ער געגאנגען און ער האט שוין ארויסגענומען די פענסטערס פון זיין הויז, און די קעלט און די פרעסט שניידן אריין אינעווייניג, מ'ווערט פשוט געפרוירן, און ווי צו גיין האט ער נישט. ער האט בליעה"ר א שטוב מיט קינדער.

אנקומענדיג אהין איז ער געוואויר געווארן אז דער רבי איז נישט אינדערהיים. וואס טוט מען דא? ער איז נישט געווען א איד א בטלן, איז ער צוגעגאנגען צו די רביצין און איר דערציילט די גאנצע מעשה. זי איז געווען א גרויסע חכמת און א צדיקת, האט זי זיך אנגערופן הערט מיך צו ר' איד, גייט אריין צו אונזער אייניקל רבי מאטעלע און ער וועט דיר זיכער העלפן. דער איד, אומר ועושה, איז ער צו געגאנגען צו רבי מאטעלע און אים דערציילט די מעשה. רבי מאטעלע אויסהערנדיג, האט געגעבן א טיפן קרעכץ און רופט זיך אן, ווען דער זיידע וואלט יעצט דא געווען וואלט ער דיר זיכער געהאלפן, אבער וואס קען איך דיר טוהן.

דער איד הערענדיג דאס, רופט זיך אן מיט טרערן און די אויגן און זאגט:

אויב באמת קענט איר מיר נישט העלפן האב איך נישט קיין טענות צו אייך. אבער אויב קענט איר מיר יא העלפן און טון א טובה און טוט עס נישט, דאן בין איך אייך נישט מוחל לעולם ועד.

רבי מאטעלע איז אויף א רגע שטיין געבליבן א דערשראקענער, דערנאך רופט ער זיך אן צו דעם איד "וויין נישט, צינד אן דעם לאמטערנע און קום מיט מיר אין מקוה". ס'איז געווען שפעט און די נאכט. נאך די מקוה זאגט אים רבי מאטעלע, "גייט געזונטערהייט אהיים האב נישט קיין מורא, דער פריץ וועט דיר נישט טון קיין שום שלעכטס".

דער איד איז אהיימגעגאנגען, און אויפ'ן וועג איז שוין דער פריץ אקעגן געקומען און אים געבעטן מחילה, און דערציילט אים אז די גאנצע נאכט האט ער נישט צוגעמאכט קיין אויג, ווייל איינער האט אים אנגעכאפט ביים האלדז און אים געוואלט דערשטיקן ח"ו. האט ער פארשטאנען אז דאס איז געקומען ווייל ער האט זיך אויפגעפירט מיט דעם איד אזוי אכזריות'דיג, האט ער באשלאסן תשובה צו טוהן און צוריק לייגן אלע פענסטערס און אפילו נישט בעטן ביי אים קיין געלט מער פאר די ארענדער, און דעמאלט האט אים יענער... אויפגעהערט צו פייניגן. דאס אלעס האט אים דערציילט דער פריץ אליין.

**זכותו יגן עלינו**

והיה כמלאות שבעים שנה - חלק ג' -

געקליבענע שילדערונגען, אריגינעלע זכרונות, פון חסידים ואנשי מעשה וואס האבן געהאט די זכי' מיטצולעבן די געהויבענע באזוך.

זיבעציג יאר פון דעם

# רבינ'ס נסיעה

## קיין ארץ ישראל בשנת תשי"ב



**- חלק ה' -**

## קבלת פנים אין לשכת הביד"צ העדה החרדית

יענעם אויפדערנאכט, מאנטאג פר' מטות מסעי, נאך דעם גרויסארטיגן קבלת פנים וואס איז פארגעקומען ברחובה של עיר במעמד אלפי ישראל, איז פארגעקומען א באשיידענע קבלת פנים פאר'ן רבי'ן דורך די הנהלת העדה החרדית.

עס האבן זיך פארזאמלט לכבוד דעם רבי'ן די הנהלת העדה החרדית און די טובי העיר. עס האט דארט אויפגעטראטן הגה"ק ר' דוד יונגרייז זצוק"ל שפעטערדיגער ראב"ד העדה החרדית, און דער יושב ראש הנהלת העדה החרדית הרה"ג ר' אלי' נחום פרוש גליקמאן ז"ל, דאן האט מען זוכה געווען צו הערן דברות קודש פון רבי'ן זי"ע.

איבער די קבלת פנים דערציילט הרה"ח ר' יוסף מאיר מארקאוויטש ז"ל ווי פאלגנד:

איך האָב אַנטייל גענומען ביים גרויסן קבלת פנים לכבודו פון רבי'ן זי"ע וואס איז פארגעקומען בחוצות ירושלים, אָבער צוליב דעם גרויסן שטופעניש האָב איך נישט געקענט צוקומען שלום געבן פאַר'ן רבי'ן. ערשט ביינאַכט שטייענדיג אויפ'ן פאָרטש פון מיין הויז האָב איך געזען דעם רבי'ן זי"ע גייענדיג אויפ'ן גאַס אין באַגלייטונג פון הרה"ח ר' ליפא שוואַרץ ע"ה. איך בין שנעל אַראָפגעלאָפן און צוגעגאַנגען צום רבי'ן געבן שלום.

דער רבי האָט מיך שוין נישט דערקענט, מיר זענען שוין אַריבער אַסאַך צרות זייט איך בין געווען אַ נאָענטער בן בית ביים רבי'ן אין סאַטמאַר. און איך האָב דערמאַנט דעם רבי'ן: "אינדערהיים האָט מען מיך גערופן 'יאָסעלע הויז בחור'..." דער רבי האָט זיך גוט דערמאַנט פון מיר, און זיין שמחה איז געווען גאָר גרויס מיך צו טרעפן ביים לעבן. דער רבי האָט מיר געזאָגט מיט התרגשות: געלויבט דעם אייבערשטן אַז דו האָסט איבערגעלעבט די צרות... און דער רבי האָט מיך באַלד מכבד געווען אים צו באַגלייטן דעם וועג וואו ער גייט אַצינד.

אייגנטליך האָב איך נישט געוואוסט וואו דער רבי גייט איצט, אָבער עס איז מיר געווען אַ געוואַלדיגע זכיה צו קענען זיך מיטבאַגלייטן מיט'ן רבי'ן. איך בין נאָכגעגאַנגען דעם רבי'ן ביז מיר זענען אָנגעקומען צום לשכת הבד"ץ פון די העדה החרדית, וואוהין דער רבי איז געגאַנגען באַגריסן די רבנים פון ירושלים די חברי הבי"ד.

אינעם לשכת הבד"ץ זענען געזעסן די אַלע חברי הבית-דין-צדק וועלכע האָבן אָפגעוואַרט דעם רבי'ן זי"ע אים צו ענטפאַנגען און באַגריסן כראוי וכיאות. אַזוי אויך זענען דאָרט אָנוועזנד געווען די חברי הנהלת העדה און די טובי ופני העדה. ווען דער רבי זי"ע איז ערשינען אין זאַל האָבן זיך אַלע רבנים אויפגעשטעלט און געגעבן שלום מיט אַ געוואַלדיגע רעספעקט, און דאַן האָבן זיי מכבד געווען דעם רבי'ן צו רעדן אַפּאָר ווערטער. דער רבי האָט אָבער געזאָגט אַז קודם וויל ער הערן פון אַנדערע.

דאַן האָט אויפגעטראָטן הגה"ק ר' דוד יונגרייז זצוק"ל שפעטערדיגער ראב"ד העדה החרדית, און ער האָט מיט טרעפליכע ווערטער ענטפאַנגען דעם גרויסן גאַסט דער רבי זי"ע, וועלכער איז מיט אַ יאָר צוויי פריער געקרוינט געוואָרן אַלס "נשיא" העדה החרדית. ביים ענדע פון זיין דרשה האָט ר' דוד זצ"ל אויסגעשריגן: מורי ורבותי, את חטאי אני מזכיר היום. מיט יאָרן צוריק האָבן מיר געהאַט אַ ביטערן טעות מיט דעם וואָס מיר האָבן זיך נישט גענוג שנעל אָפגעטיילט פון די אגודת ישראל, מיר האָבן נישט גענוג פריי איינגעזען זייער פאַלשקייט כאָטש די גרויסע רבנים ועיני העדה פון אייראָפּע האָבן אונז פון פאָראויס געזאָגט אַז די אגודה איז אַן אומגליק פאַר'ן יהדות החרדית. און אַצינד ווען מיר זעען ליידער מיט אונזערע אויגן 'את אשר יגורנו בא', דאָס אַלעס וואָס די צדיקי אמת האָבן אונז פאָראויסגעזאָגט לא נפל ארצה, ליגט אויף אונז אַ חוב צו בעטן מחילה פון די אַלע צדיקים אויף וואָס מיר האָבן זיך נישט צוגעהערט צו זייער קול תיכף ומיד, און היות די אַלע צדיקים געפינען זיך שוין אַצינד בעולם העליון, און נאָר איינער פון זיי איז פאַרבליבן דאָס איז דער רבי וואָס געפינט זיך דאָ מיט אונז, דעריבער זענען מיר אַלע מקבל מרות פון אים ולאורו נסע ונלך עד ביאת הגואל, און לאָמיר האָפן אַז דאָס וועט פאַררעכנט ווערן אַלס אַ תשובת המשקל און אַ פיוס אין די אַלע צדיקי קמאי.

דערנאָך האָט דער רבי זי"ע אויפגעטראָטן מיט זיין דרשה, ער האָט קודם באַגריסט די רבנים און אַלע פאַרזאַמלטע, און דאַן האָט דער רבי אַרומגערעדט איבער דעם חובת ההתבדלות מרשעים און גלייכצייטיג דעם חובת ההקהלה וההתחברות צווישן די יראי ד'. דער רבי האָט דאַן אַרויסגעברענגט: מיר זעען אַז באַלד נאָך פרשת 'כי תשא' גייט פרשת 'ויקהל', אין פרשת כי תשא דערציילט די תורה הק' וועגן דעם עגל וואָס די אידן האָבן געמאַכט און אַז די בני לוי האָבן זיך פון אָפּגעשיידט פון זיי, און באַלד דערנאָך שטייט 'ויקהל משה' אַז משה רבינו ע"ה האָט מקהיל געווען די אידן און מייסד געווען אַ שטאַרקע זעלבסטשטענדיגע קהילה. משה רבינו ע"ה האָט אונז געלערנט דערמיט: אַז נאָך אַן הבדלה קומט אַן הקהלה. אָט דער כלל דאַרף ליגן פאַר אונזערע אויגן אַצינד נאָך וואָס מיר האָבן מקיים געווען דעם הבדלה, מיר האָבן זיך אָפּגעטיילט פון די אַלע רעליגיעזע פאַרטייען וואָס הצד השוה שבכולם זענען ליידער פאַרכאַפּט אין דעם רעיון הציוני, מקיים צו זיין דעם הקהלה, זיך צוזאַמנעמען און אויפבויען באַפעסטיגטע שטאַרקע קהילות כדי מיר זאָלן קענען עומד זיין אין די שטאַרקע נסיונות, להקהל ולעמוד על נפשם.

SHATTERED
But you shouldn't be.
HUDSON VALLEY AUTO GLASS
ALL INSURANCES ACCEPTED
845.774.6526
sales@HVautoglass.com
we come to you!

הגאון ר' דוד יונגרייז זצ"ל וועלכער איז געווען באַקאַנט מיט זיין מבהיל'דיגע גאונות און בקיאות בכל חדרי התורה, איז געזעסן נעבן רבי'ן בשעת'ן דרשה און ער איז אויפגעשפרונגען פון אָרט הערנדיג די אומצאָליגע מאמרי חז"ל און מדרשים וואָס דער רבי האָט צוזאַמגעוואָרפן אין זיין קורצע דרשה. אויך שפּעטער ווען דער רבי האָט פאַרברענגט מיט די חברי הבית דין האָט דער רבי בתוך הדברים נאָכגעזאָגט אויסצוגן פון מאמרי חז"ל, און עטליכע מאָל ווען דער רבי האָט דערמאַנט אַ גמרא, אַ מדרש, צי אַ קשיא פון די ראשונים א.ד.ג. האָט זיך ר' דוד אונטערגעברומט שטילערהייט: "אָה, דאָס איז אַ רשב"א, דאָס איז אַ גמרא אין גיטין" א.א.וו.

עמיצער פון די חברי הנהלת העדה האָט אָבער געוואונקען פאַר ר' דוד'ן ער זאָל נישט אויסכאַפּן פאַר'ן רבי'ן די מראי מקומות. דער רבי האָט אויפגעפאַסט דעם וואונק פון יעניגן, און דער רבי האָט זיך באַלד אָנגערופן אים: "וואָס שטערט איר אים, איך דאַנק דעם אייבערשטן אַז עס איז דאָ אַ איד ווי ר' דוד וואָס טרעפט אַלעס צו, אַלעס ווייסט ער"...

## בואי שבת מלכתא: דעם ערשטן שבת אין ירושלים

שבת קודש פרשת פנחס האט דער רבי געוויילט אין ירושלים עיה"ק וואו ער האט געפראוועט דעם שבת אין דעם נייעם האלב-פערטיגן ביהמ"ד "אהל רחל" אויף רחוב יואל. וואוהין טויזנטער ירושלימ'ער אידן האבן געשטראמט אנטייל צו נעמען ביי די תפילות און טישן. צווישן אנדערן האט זיך אנגעזען דאס אנוועזנהייט פון הגה"ק רבי מאטל סלאנימער זצ"ל וועלכער איז געקומען הערן דעם רבי'נס דאווענען שחרית.

שבת בייטאג האט דער רבי געהאלטן א דרשה פאר'ן לייענען בדרוש פלפול ומוסר, וואס האט געדויערט איבער צוויי שעה.

איבער די דרשה האט פארצייכנט דער טעמעשווארער רב הרה"ג ר' משה ארי' לעוו זצ"ל אין זיינע זכרונות - לויט ווי ער האט דאס געהערט פון הרה"ח ר' ישראל משה מאנדעל ז"ל ווי פאלגנד: דעם ערשטן שבת (פרשת פנחס) ביי דער דרשה איז געווען אזא התעוררות א שטייגער ווי ביי א "תקיעת-שופר" דרשה און א "כל-נדרי" דרשה. דער גאנצער עולם האט אויסגעבראכן אין געוויין. אויך דער הייליגער רבי אליין האט געוויינט אומאויפהערליך פארגיסנדיג טייכן טרערן... דער רבי האט געשריגן און געליארעמט קעגן דער פירצה פון ביי-האר און אנדערע עניני צניעות. (אגב, שרייבט דער טעמעשווארער רב אין זיינע מעמוארן ווי פאלגנד: אין די טעג וואס דער רבי האט געוויילט אין ארץ ישראל אין יאר תשי"ב, האט גאנץ ארץ ישראל גע'רעש'ט און געשטורעמט. מעגליך, אז זייט די אידן זענען פארטריבן געווארן פון ארץ ישראל איז נאכנישט געווען אזוינס!).

אויך ביי שלוש סעודות האבן זיך פארזאמלט הונדערטער אידן יקירי קרתא דשופריא. איבער דעם האט דערציילט הרה"ח ר' יודא יואל מיללער ז"ל ווי פאלגנד:

איך געדענק אַז ביי די סעודת רעוא דרעווין האָט דער רבי געזאָגט אַכט אופנים מיישב צו זיין דעם תרגום יונתן אויף פנחס בשבועא אימר ליה מן שמי האנא גזר ליה ית קימי שלם ואעבדיניה מלאך קיים וייחי לעלמא למבשרא גאולתא בסוף יומיא, און דער רבי האָט אַרומגערעדט און געבויעט מערכות ע"ג מערכות איבער די גאולה שלימה וואָס וועט זיין דורך פנחס זה אליהו. דער רבי האָט גערעדט מיט אַזאַ השתוקקות הנפש איבער די גאולה, אַריינגעברענגט אַזאַ געוואַלדיגע אמונה פשוטה בביאת המשיח, אַז איך קען אייך אַזויפיל זאָגן, אַז זונטאָג צופרי ווען מיר זענען אויפגעשטאַנען האָבן מיר אַלע אַרויסגעקוקט פון פענסטער ווזה אל זה שואלים: משיח איז נאָך נישטאָ?, מ'איז אַזוי געווען אונטער'ן רושם פון ביאת המשיח און די אמונה דערין אַז מ'האָט זיך געוואונדערט אַז משיח איז נאָכנישט געקומען. און גלייבט מיר, איך בין נישט געווען דער איינציגער וואָס האָט געהאַט די הרגשה, אַלע געסט וועלכע זענען דעמאָלט איינגעשטאַנען ביי מיר, יעדער איז געווען אונטער דעם זעלבן רישומא דקדושה און האָט געהאַט די זעלבע הרגשה, מ'האָט זיך פשוט נישט געקענט גלייבן אַז נאָך דעם געהויבענעם געווייקטן שבת און אַזעלכע הייליגע תפלות אויף די גאולה שלימה בשעת'ן תורה זאָגן ביי רעוא דרעווין איז דער מלך המשיח איז נאָך אַלץ נישט געקומען...

## דעם צווייטן שבת אין ירושלים

אויך דער צווייטער שבת פרשת מטות-מסעי, האט דער רבי געוויילט אין ירושלים עיה"ק.

יענעם שבת נאכמיטאג האט דער רבי געהאלטן א דרשה אינעם ביהמ"ד פון כולל אונגארן (אונגארישע שול), צו וועלכן דער רבי איז מכובד געווארן דורך די הנהלת העדה החרדית.

איבער די דרשה שרייבט דער טעמעשווארער רב זצ"ל:

דער רבי האט גע'דרשנ'ט אין דער סוגיא פון "קנין פירות", און נאך דעם פלפול און די דברי אגדה האט דער רבי פארגעלייגט זיין שיטה אקעגן די מדינה און אקעגן די בחירות, אן קיין שום אפהאלט. ער האט געזאגט אז ער קען זיך נישט צוריקהאלטן פון ארויסגעבן וואס ער האט אין הארץ. אין דער צייט וואס ער האט מעורר געווען קעגן דער גזירה פון גיוס בנות, רח"ל, און דעם גרויסן שמוץ וואס דאס ברענגט מיט זיך, האט דער רבי דערמאנט וואס בלעם האט געזאגט, "איעצך אשר יעשה העם הזה לעמך" וגו'. לכאורה - האט דער רבי געזאגט - וואלט דאך בלעם געדארפט געבן אן עצה, וואס זיי זאלן טון צו די אידן, און נישט וואס די אידן וועלן טון פאר זייער פאלק?

נאר - האט דער רבי מפרש געווען - די כוונה פונעם פסוק איז, אז בעווה"ר וועט הערשן צווישן דעם אידישן פאלק א חציפות, מען וועט זיך אויפפירן אויף אומאיידעלע און נישט-צניעות'דיגע וועגן, וואס אזוינס איז נישט געהערט געווארן ביי קיין שום אנדער פאלק און שפראך, און דער סוף וועט גאר זיין אז די אומות העולם וועלן זיך דאס אויסלערנען פון די אידן. - אזא זאך צו מאכן "גיוס נשים" איז נאכנישט געהערט געווארן ביי קיין שום אומה ולשון, און זיי וועלן זיך דאס אפלערנען פון די אידן.

און דאס איז פשט וואס בלעם האט געזאגט: "איעצך" - איך וועל דיר געבן אן עצה צו מאכן זינדיגן די אידן מיט די בנות מואב, וואס צום סוף וועט דאס פאלק פון מואב אליין זיך אפלערנען פון זיי. און דאס איז דער באדייט, "אשר יעשה העם הזה לעמך", דאס אידישע פאלק וועלן אויסלערנען די פירצה פאר דיין פאלק.

נאכדעם האט דער רבי געזאגט: היות עס איז פארהאן צווישן די רעליגיעזע קרייזן פארשידענע מיינונגען צי זיי זאלן אנטיילנעמען אין דער מלכות המינות פון דער ציוניסטישע מדינה, מיינענדיג אז אפשר וועלן זיי קענען אויפטאן עפעס א גוטע זאך דורך דעם וואס מ'איז זיך משתתף מיט זיי, ווידער אנדערע קרייזן ווילן נישט האבן מיט זיי קיין שום חלק ונחלה. האט דער רבי געזאגט דערויף אן ענין וואס ער האט שוין אמאל געזאגט: אויפ'ן פסוק 'וישמע יתרו' זאגט רש"י, 'מה שמועה שמע ובא קריעת ים סוף ומלחמת עמלק'. לכאורה פארוואס וואלט נישט גענוג געווען צו זאגן אז ער איז געקומען ווייל ער האט געהערט פון קבלת התורה?.

נאר דער פשט איז, ווייל לכאורה קען מען פרעגן צוליב וואס האט אויסגעפעלט די 'מלחמת עמלק'? די ערליכע אידן וועלכע זענען געווען אינעווייניג פון די וואלקענעס אויף זיי האט דאך נישט שולט געווען קיין שום אומה ולשון, און נאר צוליב די שוואכע אידן וואס זענען געווען אינדרויסן פון די וואלקענעס, האט מען געדארפט די מלחמת עמלק, וואס צוליב דעם איז דא א 'מלחמה בעמלק מדור דור', אין יעדן דור. לכאורה וואלט דאך בעסער געווען ווען מ'נעמט אריין יעדן אין די וואלקענעס, און אזוי ארום זיך שפארן די שטענדיגע מלחמה מיט עמלק?!, נאר פון דעם איז גערדינגען אז עס איז ענדערש מ'זאל האבן א שטענדיגע מלחמה מיט עמלק ווי איידער אריינצונעמען די שוואכערע אידן אין די וואלקענעס, און זיך אויסמישן מיט זיי.

אין די גמרא (סוטה י"א) ווערט געברענגט אז די פאלגענדע דריי, איוב, יתרו, און בלעם, זענען געווען די ראט-געבערס פון פרעה. בלעם האט גע'עצה'ט 'הבה נתחכמה לו', מיט'ן ציל צו שלעכט טון פאר'ן אידישן פאלק, איוב האט געשוויגן, און יתרו איז אנטלאפן. לכאורה פארוואס איז יתרו אנטלאפן, עס וואלט אפשר בעסער געווען ווען ער זאל זיך פאראייניגן מיט איוב אקעגן בלעם? וואס דעמאלט וואלט געווען צוויי אקעגן איינס, און עס וואלט ארויסגעקומען דערפון א טובה פאר'ן כלל ישראל.

נאר יתרו האט געהאלטן אז ער טאר נישט בלייבן זיצן אינאיינעם מיט פרעה'ס רעגירונג אפילו כדי צו פועל'ן טובות פאר'ן אידישן פאלק, דערפאר איז ער אנטלאפן. פארט איז ער אבער נישט זיכער געווען ביי זיך צי ער האט גוט געטון, צי אפשר האט ער מיט זיין אנטלויפן גאר גורם געווען די צרות השיעבוד פאר די אידן, ביז ווען ער האט געהערט פון 'מלחמת עמלק', וואס פון דעם האט זיך ארויסגעשטעלט אז ער איז טאקע גערעכט געווען, אז מ'טאר זיך נישט מתחבר זיין אינאיינעם מיט רשעים אפילו ווען עס קען אפשר ארויסקומען א טובה דערפון. דעריבער, האט אים די שמועה באוואויגן אריבערצוקומען אל מחנה ישראל.

## די גזירה פון "גיוס" – א תוצאה פון פירצות בעניני צניעות

דער דעמאלט'דיגער הויז בחור הרה"ח ר' חיים יחזקאל שטיין הי"ו לייגט צו אז דער רבי האט דערביי מעורר געווען – צווישן אנדערן – איבער צוויי ענינים: איבער דעם וואס אין ירושלים איז געווען זייער נפרץ דאס מקדים זיין דעם זמן פון מוצאי שבת, און מ'האט געטון מלאכות פאר'ן זמן לויט שיטת רבינו תם, וואס איז די אנגענומענע שיטה לויט רוב פוסקים; און צווייטנס, איבער דער נושא פון "ביי-האר".

דער רבי האט ביי דער דרשה גערעדט זייער שארף איבער דער פירצה פון ביי-האר און זיך אויסגעדריקט מיט פיל ווייטאג: "ווער ווייסט, צי נישט צוליב דער פירצה פון ביי-האר איז געקומען די גזירה פון גיוס בנות".

## אל תאכלו ממנו: נישט געוואלט עסן די ירושלימ'ער קוגל

הרה"ח ר' חיים יחזקאל שטיין הי"ו דערציילט אז אין איינע פון די שבתים וואס דער רבי האט געוויילט אין ירושלים, האט הגה"צ ר' אלימלך אשכנזי זצ"ל, שפעטערדיגער מעלבארנער רב, וועלכער האט דאן דארט געוואוינט, איינגעלאדנט דעם רבי'ן צו קומען קידוש מאכן ביי אים אין שטוב. אלס נאענטער קרוב משפחה איז דער רבי אריבערגעגאנגען נאכ'ן דאווענען צו אים קידוש מאכן. מען האט אריינגעברענגט לכבודו פונעם רבי'ן א קוגל, און ר' אלימלך האט אנגעוויזן פאר'ן רבי'ן, אז דער קוגל איז געמאכט געווארן מיט א היימישן אויל, וואס קומט פון ר' ישראל זופניק'ס אויל-פאבריק, און וואס מען האט ספעציעל געשיקט קיין ארץ ישראל.

מ'האט געמיינט אז דאס וועט זיין א יחוס ביים רבי'ן, היות דער אויל איז דאך געמאכט געווארן אין א היימישער פאבריק, און דערצו קומט עס פון חוץ לארץ און עס איז נישטא דערין וואס חושש צו זיין וועגן שמיטה, אבער דער רבי האט נישט געוואלט פארזוכן דערפון, וויבאלד אין יענע צייטן האט דער רבי בכלל נישט גענוצט קיין פעטס - היות דאס פעטס האט מען נישט אליין פאבריצירט, נאר מען האט געברענגט פארטיגע פעטס פון בראזיל, אדער פון דרום-אמעריקע, און דער גאנצער הכשר דערויף איז געווען בלויז אויפ'ן טעסט וואס מען האט דורכגעפירט אונטערצוזוכן אויב מען האט אריינגעמישט אינעם אויל פון אנדערע, נישט-כשר'ע פעטס, און וויבאלד אפיציעל האט מען געמעגט אריינמישן א פאר פראצענט פון אנדערע פעטס, האט דער רבי געהאלטן אז אויף די טעסט אליין קען מען זיך נישט פארלאזן. דער עולם האט דאס פעטס יא גענוצט, און עס האט אפילו געהאט א השגחה פונעם צעהלימער רב הגה"צ רבי לוי יצחק גרינוואלד זצ"ל, אויף וועלכער דער עולם האט זיך פארלאזט, אבער דער רבי פאר זיך האט מחמיר געווען און דאס נישט געוואלט נוצן.

פארזעצונג קומט אי"ה




א סעריע רירנדיגע זכרונות

פון הגאון האדיר

# רבי פנחס הירשפרונג זצ"ל

### אב"ד מאָנטרעאָל

איבער די ערב-מלחמה יאָרן, די אַריינמאַרש פון די נאַציס ימ"ש אין זיין שטעטל, און וויאזוי ער איז געראַטעוועט געוואָרן קיין יאַפּאַן

(פארזעצונג פון פריער)

## די מורא פאר דער אקופאציע פון ליטע "פארשווינדט"

נאכ'ן פאלן פון פאריז, האט זיך די סאוועטישע ראדיא צולאזט אין טאג טעגליכע אטאקעס אויף דער ליטווישער רעגירונג.

איין טאג האט זי פראטעסטירט קעגן דער פארשווינדונג פון א צאל רויטע ארמייער אין ליטע; א צווייטן טאג אויף געוויסע פיינטליכע שריט קעגן די רויטע גארניזאנען און אזוי טאג איין טאג אויס.

די סאוועטישע אטאקעס אויפ'ן אדרעס פון דער ליטווישער רעגירונג, האבן נאך מער פארשטארקט די מורא ביי די פליכטלינגען אז די סאוועטען וועלן אקופירען ליטע, אבער די דאזיגע מורא, די זארג פאר דער אקופאציע פון ליטע מצד די סאוועטען איז, איז טעג ארום, פארשוואונדן.

"פלאקאטן האבן אוועקגענומען די דאזיגע זארג".

ריזיגע פלאקאטן אויסגעקלעבט אויף די ווענט פון צייטונגס קיאסקן און טעלעגראף סלופעס האבן, אין א שיינעם אור הבוקר, אנגעזאגט די בירגער פון שטאט א בשורה טובה: אז דער ליטווישער פרעזידענט סטעטאנא, וועט דעם 15'טן יוני אראפקומען קיין ווילנע מיט א באזוך און די בירגער פון שטאט ווערן אויפגעפאדערט צו אויספוצען און צו פארשענערן די גאסן, און אויך דעם אויסערליכן אויסזען פון די הייזער.

אין שטאט האט זיך אנגעהויבן צו רודערן מיט הכנות לכבוד דעם גרויסן גאסט: מ'האט געשייערט, געראמט, געפארבט, געשמירט, געפוצט, געקערט און געוואשן די גאסן און די הייזער, פאראכטן די טראטוארן וכדומה.

א פרישע ליטווישע ארמיי האט אריינמארשירט אין שטאט אריין. נאציאנאלע פענער האבן אראפגעפלאטערט פון באלקאנען און פון דעכער פון רעגירונגס אינסטיטוציעס, און מיליטערישע ארקעסטרעס האבן אויסגעשאלט און אויסגעטרומפייטערט גלאריע לכבוד דעם פרעזידענט'ס באזוך.

אויך די פליכטלינגען זענען מיטגעריסן געווארן מיט'ן אלגעמיינעם גערודער; די אלגעמיינע יום-טוב'דיגע שטימונג האט אויך אויף זיי משפיע געוועזן און האט אויפגעלעבט דאס געפאלענע געמיט זייערס.

אין דעם פרעזידענט'ס באזוך האבן אלע געזעהן א פרישן באווייז אז א סאוועטישע אקופאציע איז א מעשה שלא היה ולא נברא... לא דובים ולא יער!

מיט א טאג פריער איידער דער פרעזידענט האט באדארפט אנקומען אין שטאט אריין - דאס איז געווען אין א שבת ארום דריי אזייגער בייטאג - האט זיך די סאוועטישע ראדיא צולאזט אין א סעריע זידלערייען אויפ'ן חשבון פון ליטע: זי האט באשולדיגט די ליטווישע רעגירונג אין פארלעצן דעם אפמאך דורך שליסן א מיליטערישען אליאנץ מיט עסטאניע און לאטוויע געצילט קעגן דעם סאוועטען פארבאנד.

אין מינוטן ארום האט די סאוועטישע ראדיא געמאלדן אז "די קאוונער רעגירונג האט נאכגעגעבן די סאוועטישע פאדערונג פאר דער רעזיגנאציע פון דעם ליטווישן פרעמיער מעקסיס, און פאר דער פארגרעסערונג פון דעם סאוועטישען גארניזאן".

שפעטער האט די זעלבע ראדיא געמאלדן אז די רויטע ארמיי וועט האבן די פולשטענדיגע פרייהייט פון באוועגונג איבער גאנץ ליטע.

מיט געציילטע מינוטן שפעטער האט די ליטווישע ראדיא געמאלדן אז דער פרעמיער און דער קאבינעט האבן רעזיגנירט און פרעזידענט סמעטאנא האט באאויפטראגט דעם גענעראל סטאטיס צו פארמירן א נייע רעגירונג.

מיר זענען שטארק איבערראשט געווארן פון דער דאזיגער נייעס און נאך איידער מיר האבן עספיעט צו קומען צו זיך פון איבערראשונג, האט אונז די ראדיא מכבד געווען מיט א נייער מעלדונג:

"אינערן מיניסטער גענעראל סקוקאס און דער קאוונער פאליציי שעף פאוויליאטיס וועלן - אויף דער פאדערונג פון מאסקווע - גע'משפט ווערן פאר געוויסע פיינטליכע שריט קעגן די רויטע גארניזאנען".

מיר זענען צומישט געווארן פון די נייעס, קיינער האט נישט געקענט תופס זיין דעם צוועק פון דעם פרעזידענט'ס באזוך און די יום-טוב'דיגע שטימונג האט זיך פון אונז אפגעטאן.

איך מיט אפאר פון מיינע חברים האבן פארלאזט די ישיבה און מיר זענען ארויס אין גאס. די הכנות לכבוד דעם פרעזידענט'ס באזוך האבן אנגעהאלטן ווי פריער, אבער צווישן די פליכטלינגען האט זיך גערודערט, ספעציעל האט זיך געקאכט צווישן די פליטים וואס זענען געקומען קיין ווילנע פון דער סאוועטישער זייט מיט'ן ציל אויסצואוואנדערן.

די ראדיא טוט דאס זייניגע, זי ברענגט א שלל מיט נייעס:

"די נאציס האבן עטאבלירט באזעס אין האלאנד פאר אן אנפאל אויף ענגלאנד".

מיר ווערן פארציטערט פון דער דאזיגער נייעס און איידער מיר קומען צו זיך פון איבערראשונג, לאזט אונז די ראדיא וויסן אז: "ריזיגע קאלאנעס פון רויטע ארמייער מארשירן קיין עסטאניע, קיין לעטלאנד און קיין ליטע".

מיר ווערן געפלעפט פון דער דאזיגער ידיעה, אבער "אח לצרה יולד":



עס יאוועט זיך ארויס אײנער א פליכטלינג, א "פאליטישער עקספערט" און מאכט צונישט אונזער מורא:

בהמות! - רופט ער זיך אן - וואס האט איר אפגעלאזט הענט און פיס? כל רעה לטובה! ... עס וועט נאך פון דער סאוועטישער אקופאציע ארויסקומען א גרויסע טובה!

אלע ווענדן זייערע בליקן צום "פאליטישן עקספערט" און דער "עקספערט" לערנט פשט:

די רויטע ארמיי מארשירט קיין ליטע אויפ'ן פרעזידענט'ס אײנלאדונג. ליטע בלייבט ליטע, נישט מער מיט א סאוועטישער ארמיי אין לאנד איז ליטע געזיכערט פאר אן איבערפאל מצד דייטשלאנד.

"זאלן נאר אנקומען וויזעס און מיר וועלן זיין ביכולת אויסצואוואנדערן" טרייסט אונז דער "עקספערט" און מיר אטעמען לייכטער אפ.




## דער פרעזידענט איז נישטא

זונטאג אינדערפרי, דעם 15'טן יוני.

די רויטע ארמיי שטראמט אין שטאט אריין אויסגעשטאט מיט אלע מאדערנע תכסיסי מלחמה, מיט טאנקען קליינע, גרעסערע און גאר גרויסע, מיט געפאנצערטע אויטאס, טראקס און לייכטע שנעל באוועגליכע מאטאר-ביציקלען.

דער שטראם איז אן אומאויפהערליכער און די באפעלקערונג פון שטאט נעמט אויף די רויטע ארמיי אָן דעמאנסטראציעס, מ'שמועסט אז ארום 12 אזייגער וועט דער פרעזידענט אנקומען; די דעמאנסטראציעס מצד דער שטאטישער באפעלקערונג זענען רעזערווירט פאר'ן פרעזידענט אויף וועמענס איינלאדונג די רויטע ארמייער זענען אריינגעקומען.

צווישן דעם ריזיגן המון צושויער וואס באטראכטען מיט שטוין די ריזיגע צאל סאוועטישע טאנקען וואס ציען זיך איבער די גאסן פון שטאט, זעט מען אויך בירגער וואס זענען אויסגעפוצט אין שווארצע פראקען, מיט צילינדערס אויף די קעפ, לאקירטע שיך און ווייסע העמדער מיט שטייפע קעלנער וואס גלאנצן. דאס זענען הפנים די פאטריאטישע פני פון שטאט וואס האבן זיך ספעציעל אויסגעפוצט לכבוד דער געלעגנהייט און פון דעם אויסדרוק אויף זייערע פנימער איז שווער צו דערגיין צי זענען זיי צופרידן אדער אומצופרידן מיט די סאוועטישע געסט.

מיר שטייען א גרופע פליכטלינגען און קופקענען זיך, כאפט זיך אײנער פון אונז ארויס מיט א באמערקונג:

שיין וועט זיין, אז דער פרעזידענט וועט אלעמען אנפייפן און פון זיין באזוך וועט זיך אויסלאזן א בוידעם...

די ארומיגע נעמען אויף גוטמוטיג דעם שפאס אויפ'ן פרעזידענט'ס אדרעס און מ'לאכט.

נישטא וואס צו לאכן! - רופט זיך אָן אײנער פון עולם און ער ווייזט א בריוו וואס ער האט ערשט נעכטן באקומען "פון דארטן". אין דעם בריוו שרייבט מען אז "דער "סטאַלינער רבי" קען מעניש זיין א חסיד וואס וויל פון אים אוועקפארן".

דער עולם פארשטייט דעם רמז אז "סטאַלין" קען באשטראפן אזא איינעם וואס וויל פארלאזן רוסלאנד, אבער אויך דערפון לאכט מען זיך אויס, מחמת "ליטע בלייבט ליטע", די ארדענונג אין לאנד בלייבט, מיט דער בפירוש'ער הסכמה פון רוסלאנד, וועלכע האט אריינגעשיקט א ספעציעלע ארמיי אויף צו באשיצן די ארדענונג.

דער עולם איז אומגעדולדיג ווארטענדיג, די מינוטן קוקן אויס ווי אייביגקייטן. די צייט ציט זיך מורא'דיג לאנגזאם, אלע זענען געשפאנט ווארטענדיג "אויף דער גרויסער שעה" און ענדליך דערציען מיר צו דער געגארטער שטונדע 12.

דער עולם הערט זיך אויף צו שושקען, די גערעדערייען שטילן זיך איין און אלע שטעלן אן זייערע בליקן צו דער גאס וואו דער פרעזידענט וועט מסתמא אין מינוטן ארום פארבייפארן.

דער מארש פון דער רויטער ארמיי האלט אן. די צייט רוקט זיך פאראויס, דער זייגער איז שוין קרוב צו איינס און דעם פרעזידענט זעט מען נאך אלץ נישט פאר די אויגן...

דער עולם ווערט אומגעדולדיג, מיר הויבן זיך ווידעראמאל אן צו קופקען: אײנער זאגט: "ווילנע איז גרויס, דער פרעזידענט איז איצט אויף אײנער פון די גאסן און עס וועט נעמען צייט ביז ער וועט פארבייפארן אונזער גאס". א צווייטער פרעגט צי די ברכה "ברוך שחלק מכבודו לבשר ודם" איז חל אויך אויף א פרעזידענט, אדער בלויז אויף מלכים, און א דריטער ברענגט ארויס די השערה אז "קודם וועט די רויטע ארמיי דורכמארשירן און ערשט נאכדעם וועט זיך דער פרעזידענט באווייזן".

דער זייגער האט געשלאגן צוויי און איך האב באשלאסן אהיימצוגיין.

דורך דער ריזיגער מענטשן מאסע וואס פארפלייצט די טראטוארן שלאג איך זיך דורך א וועג אהיים. וואס ווייטער איך גיי אלץ שיטערער און שיטערער ווערט דער עולם. דער עולם צוגייט זיך, די ראדיא האט געבראכט א באריכט אז דער פרעזידענט איז נעכטן, דורך מעמעל, אנטלאפן קיין דייטשלאנד...

## דער האלענדישער קאנסול שלאגט פאר וויזעס

דעם פרעזידענט'ס פלוצימדיגער "ויברח", האט געמאכט א געוואלדיגן רושם אין שטאט. די פליכטלינגען האבן זיך ארומגעזעהן אז זייער גורל איז פארזיגעלט, אז אויסוואנדערן פון די סאוועטען קיין אמעריקע אדער

ארץ ישראל וועלן זיי נישט קענען.

דער מארש פון דעם סאוועטישען מיליטער האט אנגעהאלטען דריי טעג מיט דריי נעכט כסדר. אויפ'ן צווייטן טאג פון זייער אריינקומען איז שוין געווארן א בהלה אין שטאט; סוחרים האבן אנגעהויבן צו באהאלטן זייערע סחורות, דער ליטווישער ליט - כאטש אפיציעל אנערקענט פון די נייע מאכטהאבער אלס גוט-גייענדיגע וואליוטע - האט, פונדעסטוועגן, לחלוטין פארלוירן זיין ווערט. פליכטלינגען וואס האבן אויסערן ליט קיין אנדער וואלוטע נישט פארמאגט זענען איבערנאכט געווארן מחוסרי לחם, נישט געהאט אפילו "על מזון סעודה אחת" און קלאנגען זענען ארומגעגאנגען אז דער "דזשאוינט" וועט זיך אויפלעזן אויף דער פאראדנונג פון די "רויטע".

די סאוועטישע סאלדאטן האבן זיך א לאז געטאן איבער די געשעפטן און האבן איינגעהאנדלט אלץ וואס איז זיי געקומען צו דער האנט, באזונדער האבן זיי זיך צוגעכאפט צו זייגערס; פאר זייגערס האבן זיי געצאלט וואס נאר פאר א פרייז מ'האט פון זיי פארלאנגט; מיט א "טשאסיק" האבן זיי זיך ארומגעצאצקעט ווי מיט א זעלטענעם אנטיק וואס קומט פון מרחקים. זיך געשפיגעלט אין אים, אויסגעדריקט פרייד און באוואונדערונג ווי צו א לעבעדיגן וועזן, א פריינד מיט וועלכן מ'האט - נאך יאר'ן לאנג פון צושיידונג - זיך אומגעריכט באגעגענט.

אויפ'ן דריטן טאג פון דער סאוועטישער אקופאציע האט מען שוין געזעהן אויף די גאסן לאנג-שורה'דיגע געשלענגעלטע רייען פון מענטשן וואס זענען געשטאנען אין "אטשערעד" נאך ברויט און אין שטאט האט געהערשט א געדריקטע שטימונג; די סאוועטען האבן אנגעהויבן איינשטעלן ארדנונג מיט'ן גאנצן חומר הדין, מיט רעקוויזיציעס, אבלאוועס, קאנפיסקאציעס וכדומה.

די ראדיא האט - ווי איר שטייגער געשאטן - זאלץ אויף די וואונדן: זי האט אונז אלעמאל איבערראשט מיט נייע נאצי-נצחונות.

צו דער פארצווייפלונג פון די פליכטלינגען איז נישט געווען קיין שיעור און קיין ערך.

די ראדיא האט באריכטעט אז לאטוויע און עסטאניע האבן בעסער אפגעשניטן ווי ליטע: אין לאטוויע און אין עסטאניע האבן די סאוועטען בלויז עטאבלירט באזעס...

איז מיר איינגעפאלן א געדאנק אז איך זאל שווערצן דעם גרעניץ קיין לאטוויע, פון לאטוויע קיין עסטאניע, פון עסטאניע קיין פינלאנד, פון פינלאנד קיין ענגלאנד און פון דארטן - קיין אמעריקע אדער ארץ ישראל... אזא מין "ויסעו ויחנו" האט זיך געפלאנטערט אין מיינע צו'חוש'טע געדאנקן.

האב איך א שמועס געטאן מיט די תלמידים פון דער ישיבה וועגן מיין פלאן, האבן זיי אויסגעע'בטל'ט חלומות: איינער האט געזאגט: "קרייצען אזויפיל גרעניצן איז נישט קיין געדאנק!" האט אים א צווייטער געענטפערט; "ס'איז בפירוש יא א געדאנק, נאר פון א משוגענעם!"... און א דריטער האט ארויסגעבראכט א סברא אז איך לייד פון א "גרעניץ קאמפלעקס" רחמנא לצלן, און א פערטער - א פארברענטער חסיד מיט אן אויסערגעוויינליכער שנאה צו מתנגדים - האט פארגעשלאגן א מ'זאל גיין צום גאון ר' חיים עוזר נאך אן עצה און ווי אזוי דער גאון וועט הייסן, זאל מען טאן פונקט דעם היפוך - פארקערט!

- פארוואס עפעס פארקערט? האבן אלע בחורים אויסגעשטעלט מויל און אויערן צום חסידישן יונגערמאן.

- ווייל וואס א מתנגד זאגט, באדארף מען טאן להיפוך! - האט דער חסיד געענטפערט.

מיך האט אנגעכאפט א חשק צו ר' חיים עוזר'ן און איך בין נישט געווען קיין יחיד, אסאך בחורים האבן באשלאסן צו גיין צום גאון, נישט אזוי ווייט נאך אן עצה ווי נאך אביסל התחזקות. מיר האבן געפילט אז מיר ווערן באהערשט פון א מורא'דיגן יאוש און מיר נויטיגן זיך אין ווערטער פון טרייסט און "התרוממות המוחין" און מיר האבן זיך אוועקגעלאזט צום גאון.

אויפ'ן וועג צום גאון זענען אונז אנטקעגנגעקומען א גרופע פליכטלינגען, נאר וואס פון קאוונע געקומענע. זיי האבן דערציילט אז דער האלענדישער קאנסול איז וויליג צו געבן וויזעס קיין קוראסא, האלענדיש אינדיע, וכפי קיין האלענדיש אינדיע מוז מען דורכפארן דורך יאפאן, שלאגט פאר דער יאפאנישער קאנסול טראנזיט וויזעס קיין יאפאן און דערביי עצה'ט ער אז מ'זאל ווי אמשנעלסטן ארויסקריגן די וויזעס, ווייל דער קאנסולאט וועט זיך בקרוב אויפלעזן.

מיר האבן אויסגעדריקט צווייפל אין דעם אמת'דיגקייט פון דער ידיעה.

בעיני ראיתי! - האט איינער פון דער קאוונער גרופע אונז פארזיכערט בחן שלו, אז ער האט אליין געזעהן ווי דער יאפאנישער קאנסול האט אפגעשטעלט מענטשן פון גאס און האט זיי פארגעשלאגן טראנזיט וויזעס פאר'ן פרייז פון בלויז דריי ליטווישע ליט, און די איבעריגע האבן מעיד געווען אויפ'ן אמת פון דער זאך.

דאס האט נאך מער פארשטארקט אונזער חשק זיך צו זען מיט'ן גאון און מיר האבן זיך געלאזט אין וועג אריין.

(פארזעצונג קומט אי"ה)

תושבי קרית יואל
שהשמחה במעונם

עטרת מאיר צבי
ATERES MEIR TZVI

ברכת מזל טוב

להולדת הבנים

ר' יואל בלויא נ"י
ר' נחום עזריאל (בר"ב) גרינהוט נ"י
ר' שלום וואלדמאן נ"י
ר' משה מאיר וויטריאל נ"י
ר' אליעזר יודא ווייס נ"י
ר' יואל (ברח"ד) ווייס נ"י
ר' חיים שלמה ווייס נ"י
ר' מרדכי הערש ווייס נ"י
ר' יואל שלמה זלמן כ"ץ נ"י
ר' יואל (בר"מ) מארקאוויטש נ"י
ר' קלמן אליעזר מזרחי נ"י
ר' מאיר וואלף מענדלאוויטש נ"י
ר' אלימלך סאנדעל נ"י
ר' חיים פאלקאוויטש נ"י
ר' יואל פייערשטיין נ"י
ר' לייב פעלדמאן נ"י
ר' מאיר פריעדלענדער נ"י
ר' אברהם צבי עזריאל שעהר נ"י
ר' יואל (ברמ"ד) ניעדערמאן נ"י
ר' נפתלי (בר"פ) סופר נ"י
ר' משה (בר"י) סטרולאוויטש נ"י
ר' מענדל (בהר"א) פריעדמאן נ"י
ר' שלמה אהרן הכהן פריעדמאן נ"י
ר' יעקב שלום ראטענבערג נ"י
ר' נחמן פריעדמאן נ"י
ר' נפתלי זאבעל נ"י
ר' דוד יודא יואל הענדלער נ"י
ר' ליפא (בהרי"י) שטויבער נ"י
ר' יואל (ברמ"י) פאלקאוויטש נ"י
ר' שמעון כ"ץ נ"י
ר' יושע שפילמאן נ"י

להולדת הבנות

ר' נפתלי יואל משה אינדיג נ"י
ר' חיים משה ביטמאן נ"י
ר' שמחה דאסקאל נ"י
ר' שמואל האפפמאן נ"י
ר' יואל (ברמ"א) טעללער נ"י
ר' שמואל דוד מארקאוויטש נ"י
ר' יואל (ברמ"י) מאשקאוויטש נ"י

לנישואי צאצאיהם

ר' עוזר יושע אינדארסקי נ"י
ר' יואל (בר"ד) קאהן נ"י
ר' אברהם שאול יעקב פריעדמאן נ"י
ר' בעריש שטערן נ"י
ר' נתן דוד שפיטצער נ"י
הר"ר שמואל יאקאבאוויטש שליט"א
הר"ר מאיר יקותיאל בלייך שליט"א
הר"ר ישראל פריעד שליט"א
הר"ר יושע יעקב שווארץ שליט"א
ר' יוסף קדיש פילעפף נ"י
ר' ישראל ברוך פאגעל נ"י
ר' יואל (ברמ"י) פערענץ נ"י
ר' יואל (ברי"מ) מערץ נ"י
ר' דוד יודא זילבערשטיין נ"י
ר' יצחק אליקים שווארטץ נ"י
ר' משה מענדלאוויטש נ"י
ר' הערשל פאכמאן נ"י
ר' מאיר פאלקאוויטש נ"י
ר' יעקב יצחק שווארטץ נ"י
ר' אליעזר זאלצער נ"י
ר' יצחק (בהרמ"וו) עקשטיין נ"י

לנישואיהם

ר' עזריאל חיים פעלדמאן נ"י
ר' חיים מרדכי יואל יאקאבאוויטש נ"י
ר' דוד פריעד נ"י
ר' ישראל קרויס נ"י
ר' נפתלי יודא פאגעל נ"י
ר' ישעי' פערענץ נ"י
ר' חיים הערש שטערן נ"י
ר' מרדכי שמואל זילבערשטיין נ"י
ר' שמואל מענדלאוויטש נ"י
ר' משה הערש קאהן נ"י
ר' שלמה מנשה פאלקאוויטש נ"י
ר' דוד זאלצער נ"י
ר' קלמן אליעזר עקשטיין נ"י
ר' אלימלך פריעדמאן נ"י
ר' יעקב מתתי' כהנא נ"י
ר' מענדל לויפער נ"י
ר' ישכר בעריש לאנדא נ"י
ר' יואל שניטצער נ"י
ר' משה הערש ווייזער נ"י

לאירוסי צאצאיהם

| | | |
|---|---|---|
| הרה"ג שמואל יעקב מייזעלס שליט"א, - דומ"ץ ביהמ"ד בית מרדכי לייב, ק"י | אברהם יחזקאל נ"י | הרה"ג בעריש טירנויער שליט"א, וויליאמסבורג |
| ר' יואל יעקב שעהנברון נ"י, קרית יואל | אהרן נ"י | ר' חיים משה גראסבערג נ"י, וויליאמסבורג |
| ר' יואל (בראי"י) עפשטיין נ"י, קרית יואל | משה לייב נ"י | ר' אברהם משה טויב נ"י, קרית יואל |
| ר' יואל וואלף שווארץ נ"י, קרית יואל | שלמה דוד נ"י | ר' וואלף שעהר נ"י, קרית יואל |
| הרה"ג נתן דוב שווארץ שליט"א, קרית יואל | אברהם יצחק נ"י | ר' וואלף ליכטענשטיין נ"י, קרית יואל |
| ר' פישל גאלדשטיין נ"י, וויליאמסבורג | יודא נ"י | הרה"ג ישראל דוד רוטנער שליט"א, קרית יואל |
| ר' אברהם דוב עהרנטאל נ"י, מאנסי | יוסף יושע נ"י | ר' ישראל הערש גאלדשטיין נ"י, קרית יואל |
| ר' דוד לייבוש יאקאבאוויטש נ"י, קרית יואל | יעקב נחמי' נ"י | ר' שמחה כ"ץ נ"י, קרית יואל |
| ר' אלי' ענגלענדער נ"י, וויליאמסבורג | משה נ"י | ר' ליפא דייטש נ"י, קרית יואל |
| ר' דוד ווערטהיימער נ"י, קרית יואל | שבתי נ"י | ר' יואל איצקאוויטש נ"י, מאנטרעאל |

חתונות • פדיון הבן • סעודת מצוה
תנאים • בר מצוה • שבע ברכות
אהערגעשטעלט!

עטרת מאיר צבי
ATERES MEIR TZVI

STANDARD • PREMIUM • DELUXE
845-781-2288
פאר באשטעלונגען און פאר מער אינפארמאציע רופט היינט


בע"ה
JEWELRY MASTER
Fine Jewelry & Diamonds
52 Bakertown Rd.
BUSINESS CENTER II
845-782-6365
FOR PVT APPTS. PLEASE CALL
845-248-8644
Sun-Thurs: 11am-6:30pm / Fri. 11am-1pm
for special hours call: 845-248-8644